STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07210

MALVA

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07210-9

D:\YIDDISH\Titles\9780657072100T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פערלאג „ארבייטער פריינד".

מאקסים גארקי.

מאלווא.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אדי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

איבערזעצט פון א. פרומקין.

לאָנדאָן, 1906.
„ארבייטער פריינד" דרוקערי, 163 דזשובילי סטריט.

דער ים האָט געשמייכעלט.

ער האָט אַזוי ווי געציטערט אונטער דעם לייכטען הויך פֿון׳ם הייסען ווינד, זיך בעדעקט מיט דינינקע קרייזעלאַך, און בלענדענדיג האָט ער אָבגעשפּיגעלט די העללייכטענדע זונן; מיט טויזענד זילבערנע שמייכעלאַך האָט ער אַרויפֿגעקוקט צום בלויען הימעל. אין דעם אונגעהייער ווייטען רוים צווישען ים און הימעל האָט אָבגעקלונגען די לוסטיגע און פֿריילינע פּאַטשעריי פֿון די כוואַליעס, וועלכע זיינען אַרויפֿגעלאָפֿען איינע נאָך די אַנדערע אויף דעם משופּע׳דיגען זאַמדיגען ברעג. דער דאָזיגער קלאַנג און דער זונען־גלאַנץ, וואָס דער קרייזעלדיגער ים האָט אויף אַ טויזענדפֿאַכען אופֿן אָבגעשפּיגעלט צוריק, האָבען זיך האַרמאָניש פֿעראייניגט אין אַ בעוועגונג פֿול מיט לעבעדיגער פֿרייד. — די זונן איז גליקליך געוועזן, וואָס זי האָט געלויכטען; דער ים — וואָס ער האָט אָבגעשפּיגעלט איהר פֿרעהליכעס ליכט. —

דער ווינד האָט צערטליך געגלעט די שטאַרקע און אַזוי ווי מיט אַטלאַס בעצויגענע ברוסט פֿון ים, די זונן האָט איהר דערוואַרימט מיט איהרע גליהענדע שטראַהלען און פֿערשלאָפֿען האָט דער ים אָבגעזיפֿצט אונטער דער צערטליכער קראַפֿט פֿון די דאָזיגע לאַסטשערייען און האָט אָנגעזעטיגט די הייסע לופֿט מיט דעם זאַלציגען ריח זיינעם. די גרינליכע כוואַליעס האָבען אויף דעם געלען זאַמד איבערגעלאָזט דעם ווייסען שוים זייערן; דער שוים איז שטילערהייט צושמאָלצען געוואָרען אויף׳ן הייסען זאַמד און

האָט איהם בענעצט... דער שמאָלער און לאַנגער ברעג האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ גרויסער טהורם, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין ים. — מיט זיין שפּיץ האָט ער זיך אַריינגעבויערט אין דער וואַסער־וויסטע, בענאָסען פון זונען־גלאַנץ; דער פונדאַמענט זיינער אָבער האָט זיך פער־לאָרען אין דער ווייטענס, וואו דער מוטנער גליהענדער נעבעל האָט פערשטעלט די יבשה. פון דאָרט האָט דער ווינד אַריבערגעבראַכט אַן אונבעקאַנטען, שווערען ריח, וועלכער איז פּשוט געווען אונבעגרייפליך דאָ אין מיטען פון דעם וויסטען ריינעם ים, אונטער דעם בלויען קלאָהרען הימעל.

אין זאַמד פון ברעג, וועלכער איז געווען פערזעעט מיט פיש־שופּען, זיינען געשטאַנען הילצערנע שטאַנגען, און אויף זיי זיינען געהאַנגען נעצען, וועלכע האָבען גע־וואָרפען אַ פיינעם שאָטען פון זיך. עטליכע גרעסערע שיפלאַך און אַ קליינס זיינען געלעגען אויסגעלייגט אין איין שורה אויף'ן זאַמד און ס'האָט אויסגעוויזען, אַזוי ווי די כוואַליעס וואָלטען אין זייער געלויף זיי וועלען אַריינ־שלעפּען מיט זיך אין ים אַריין. שטאַנגען, רודערס, גרויסע הויפען פון שטריק, קערב און פעסער זיינען געלעגען צוואוואָרפען אויף'ן זאַמדיגען ברעג, און צווישען דעם איז געשטאַנען אַ שטיבעל, געמאַכט פון צווייגען, קאָרע פון בוימער און ראָגאָזשעס. ביים אַריינגאַנג פון דעם שטיבעל, אויף אַ לאַנגען שטעקען, זיינען געהאַנגען אַ פּאָר שטיוועל, מיט די פּאָדעשוועס צום הימעל. — און איבער אָט דעם גאַנצען תוהו ובוהו האָט זיך אויפגעהויבען אַ לאַנגער שטאַנג מיט אַ רויטער שמאַטע, וועלכע האָט געפלאַטערט אין דער לופטען. — הינטער אַ שיפעל איז געלעגען וואַ־סילי לעגאָסטעוו, דער וועכטער אויף דעם זאַמדיגען ברעג, וואו עס האָבען זיך געפונען די פישערייען פון דעם סוחר גרעבענטשיקאָוו. ער איז געלעגען אויף דער ברוסט מיט'ן קאָפּ אין די הענד און האָט אַריבערגעקוקט העט ווייט אין

ים אַריין צו די פאַסען ערד, וואָס מען האָט קיים געקענט בעמערקען פֿון דער אַנדער זייט. דאָרט אויף'ן וואַסער, האָט זיך געוויזען אַ קליין שוואַרץ פינטעלע, און וואַסילי האָט זיך געפֿרעהט, זעהענדיג, ווי דאָס פינטעלע קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צום זאַמדיגען ברעג און ווערט וואָס ווייטער אַלץ גרעסער.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, מיעד ווערענדיג צו קוקען דורך דעם גלענצענדען שפיעל פֿון די זונענשטראַהלען אויף די כוואַליעס פֿון ים, און ער האָט אַ צופֿריעדענעם שמייכעל געטהאָן: — אָט קומט מאַלוואַ. זי קומט, וועט זיך פֿונאַנדערלאַכען, אַז איהר ברוסט וועט זיך אַזש הויבען. דערנאָך וועט זי איהם ארומנעהמען מיט איהרע שטאַרקע אָבער ווייכע אָרעמס, איהם אָבקושען און אָנהויבען דערצעהלען איהרע נייעס אַזוי הויך אויף'ן קול, אַז די טשאַיקעס דאָרט אויף יענער זייט ים וועלען זיך דערשרעקען. ער וועט מיט איהר אינאיינעם אָבקאָכען אַ גוטע פֿיש־יויך, זיי וועלען טרינקען שנאַפּס, זיך קאַטשען אין זאַמד, ריידען און שפּאַסען צערטליך, און שפּעטער, אַז ס'וועט אָנהויבען ווערן פֿינסטערליך, וועלען זיי אויפֿקאָכען טהעע, איהם טרינקען מיט געשמאַקע בייגעל דערצו און דערנאָך זיך לייגען שלאָפֿען... אַזוי געהט עס יעדען זונטאָג, יעדען יום טוב'דיגען טאָג אין דער וואָך. גאַנץ פֿריה, בעגינען צו טאָג, וועט ער איהר אַריבערפֿיהרען אין אַ שיפֿעל אויף יענער זייט ים. זי וועט זיצען אַ פֿערשלאָפֿענע אויף דער שטייער־באַנק און ער וועט רודערן און אין איין וועגס קוקען אויף איהר. — קאָמיש איז זי אין אַזאַ מאָמענט, קאָמיש און דאָך ליעבליך, אָקוראַט ווי אַ זאַטע קאַץ. — אפשר וועט זי זיך גאָר ארונטערגליטשען פֿון באַנק אויף'ן דעק פֿון שיפֿעל, וועט זיך דאָרט צונויפֿדרעהען ווי אַ קנויל און איינשלאָפֿען. — זי טהוט אָפֿט אַזוי...

דעם טאָג זיינען די טשאַיקעס אפילו פֿערמאַטערט פֿון דער היץ. שורות־ווייז זיצען זיי אויף'ן זאַמד מיט אָפֿענע

שנאָבלען און אַראָבגעלאָזטע פֿליגלען, אָדער זיי שאָקלען זיך נור פֿויל און לאַנגזאַם אויף די כוואַליעס אָהן געשריי, אָהן זייערע געוועהנליכע גיעריגע בעוועגונגען.

אונטער די הייסע קושען פֿון דער זונן הויבט זיך די ברוסט פֿון ים אַזוי ליידענשאַפֿטליך און די לופֿט איז אָנגעגאָסען מיט אַ בערוישענדער מאַטקייט... וואַסילי'ן האָט זיך אויסגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי מאַלוואַ וואָלט נ'ט געווען איינע אַליין אין שיפֿעל. צי האָט זיך שוין דער סערעשקאַ ווידער אַמאָל אָנגעטשעפּעט? וואַסילי האָט זיך אַרומגעוואָרפֿען אויף'ן זאַמד, האָט זיך אויפֿגעזעצט, פֿערשטעלט די אויגען מיט דער האַנד און געקוקט מיט אַ האַרץ פֿול אונצופֿריעדענהייט: ווער קען דאָ נאָך קומען מיט איהר? מאַלוואַ זיצט אויף דער שטייער־באַנק און שטייערט. דער רודערער איז ניט סערעשקאַ, ער רודערט שטאַרק אָבער ניט געשיקט, און ווען ס'וואָלט געווען סערעשקאַ, וואָלט מאַלוואַ ניט געזעסען ביים שטייער...

„האַללאָה!" — האָט וואַסילי אונגעדולדיג אַ געשריי געטהאָן. — די טשאַיקעס אויף'ן זאַמד האָבען זיך דערשראָקען און זיך צוגעהערט פֿון וואַנעט דער געשריי קומט.

„האַללאָה! האַללאָה!"... האָט אָבגעקלונגען פֿון שיפֿעל מאַלוואַ'ס העלע שטימע.

„ווער איז דאָרט ביי דיר?"

אַלס ענטפֿער האָט זיך געהערט אַ געלעכטער,

„טייוועלס־קינד!" האָט וואַסילי בעליידיגט אַ געשריי געטהאָן און דערביי האָט ער אויסגעשפּיגען פֿאַר כעס.

ער האָט זעהר גערן געוואָלט וויסען, ווער ס'איז דאָ מיטגעקומען; ער האָט פֿערדרעהט אַ פּאַפּיראָס און געקוקט מיט אַ האַרטנעקיגען בליק אויף דער פּאָטיליניצע און דעם רוקען פֿון דעם רודערער, וועלכער איז וואָס ווייטער אַלץ נעהנטער צוגעקומען צו איהם. — די פּליושקעריי פֿון'ם וואַסער אונטער די קרעפֿטיגע רודערס האָט אָבגעקלונגען אין דער לופֿט און דער זאַמד האָט געסקריפּעט אונטער

די נאַקעטע פֿים פֿון'ם וועכטער, וועלכער האָט געקעמפֿט מיט אונגעדולדיגער נייגיעריגקייט.

„ווער איז דאָ מיט דיר ?" האָט ער אַ געשריי געטהאָן, דערקענענדיג דעם בעקאַנטען שמייכעל אויף מאַלוואַ'ס שעהנעם און פֿולען געזיכט.

„אַך, וואַרט אַ ווײַלע... וועסט שוין געוואָהר ווערן !" האָט זי מיט אַ געלעכטער געענטפֿערט. דער רודערער האָט אומגעקעהרט דעם פּנים צום ברעג און האָט אויך מיט אַ געלעכטער געקוקט אויף וואַסילי'ן.

דער וועכטער האָט צונויפֿגעצויגען די ברעמען און האָט זיך געסטאַרעט דערמאָנען, ווער ס'איז דער דאָזיגער בחור, וועלכער קומט איהם פֿאָר בעקאַנט.

„גיט אַ שטאַרקען שטויס !" האָט מאַלוואַ קאָמאַנדירט.

אין אימפעט איז דאָס שיפֿעל כמעט ביז דער העלפֿט אַרויף אויף'ן זאַמד אינאיינעם מיט דער כוואַליע ; ס'האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן אַ זייט און איז שטעהן געבליבען, די כוואַליע אָבער האָט זיך מיט אַ שמייכעל אומגעקעהרט צוריק אין ים אַריין...

דער רודערער איז אַראָבגעשפרונגען אויף'ן ברעג, איז צוגעגאַנגען צו וואַסילי'ן און האָט געזאָגט :

„גוטען טאָג, פֿאָטער !"

„יאַקאָוו !" האָט וואַסילי אויסגעשריען מיט אַן אונטערדריקטען טאָן, מעהר איבעראַשט איידער פֿרעהליך.

זיי האָבען זיך אַרומגענומען און זיך געקושט איינער דעם אַנדערן צו דריי מאָל אויף די ליפּען און די באַקען, און בעת מעשה האָט זיך אויף וואַסילי'ס פּנים אויסגעדריקט אַ געמישטעס געפֿיהל פֿון פֿרייד און פֿערלעגענהייט.

„נאַ—נאַ, כ'זעה עפּעס... וואָס איז דאָס פֿאַרט... דאָס האַרץ קלאַפּט... אַך, דו... ווי איז דאָס דיר געגאַנגען ? נאַ, זעה נאָר עפּעס ! און איך קוק — סערעשקאַ ? ניין, כ'זעה, אַז ס'איז ניט סערעשקאַ ! מיט אַמאָל — ביסט דו עס גאָר ?"

מיט איין האַנד האָט וואַסילי געגלעט זיין באָרד און מיט דער אַנדערער האָט ער געפּאָכעט אין דער לופטען. ער האָט געוואָלט אָנקוקען מאַלוואַ'ן, נאָר זיין זוהן האָט ניט אַרונטערגענומען פון איהם די שמייכלענדע אויגען זיינע, און פון דעם גלאַנץ זייערן האָט ער זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם.

דאָס געפיהל פון זעלבסטצופרידענהייט, דערפון וואָס ער האָט אַזאַ געזונדען און שעהנעם זוהן, האָט געקעמפפט אין איהם מיט דעם געפיהל פון צומישטקייט, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער אָנוועזענהייט פון זיין געליעבטער.

אַ צוטומעלטער האָט ער אַרומגעטראָטען פון איין פוס אויף דעם אַנדערן, איז געשטאַנען פאַר יאַקאָוו'ן און געוואָרפען איין פראַגע נאָך דער אַנדערער, ניט אָבוואַרטענדיג דעם ענטפער. — ביי איהם אין קאָפּ איז אַלעס אַרומגעגאַנגען כאַדראָם און בעזונדערס אונבעקוועם האָט ער זיך געפיהלט, ווען מאַלוואַ האָט זיך מיט שפּאָט צושריען אויף איהם:

„נו יאָ, וואָס טאַנצסט דו אַזוי... פאַר לויטער פרייד? פיהר איהם אַריין אין שטיבעל און זיי איהם מכבד מיט עפּעס...“

ער האָט זיך אומגעדרעהט צו איהר. אויף איהרע ליפּען האָט זיך ווידער פונאַנדערגעשפּיעלט אַ שמייכעל, וועלכער איז איהם געווען אונבעקאַנט, און איבערהויפּט איז זי געווען — אמת טאַקי קיילעכדיג, ווייך און פריש ווי תמיד, אָבער דאָך עפּעס אַן אַנדערע, אַ נייע, אַ פרעמדע. איהרע גרינליכע אויגען האָבען אַרומגעוואַנדערט פון דעם פאָטער צום זוהן און מיט איהרע קליינע ווייסע צייהנדעלאַך האָט זי געקייט קערנער פון קאַוואַנעס. אויך יאַקאָוו האָט זיי ביידען אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעל און פאַר אַ ווײַלע איז ענטשטאַנען אַ שטילקייט, וועלכע איז געווען זעהר פיינליך פאַר וואַסילי'ן.

„גלייך!“ האָט וואַסילי פּלוצלינג אַ זאָג געטהאָן און זיך שנעל געלאָזט געהן אין שטיבעל אַריין. — „געהט אוועק פֿון דער זונן, כ'וועל ברייגנען וואַסער... פֿיש־זויך וועלען מיר קאָכען! איך וועל דיך, יאַקאָוו, טראַקטירען מיט אַ פֿיש־זויך! איהר מאַכט זיך דאָ דערוויל... בעקוועם, און איך קום גלייך...“

פֿון דער ערד לעבען שטיבעל האָט ער אויפֿגעהויבען אַ קליינעם קעסעל, איז שנעל אַריין ערגעץ אין די נעצען און איז אין גאַנצען פֿערשוואונדען אין דער גראָער מאַסע פֿון זייערע קנייטשען.

מאַלוואַ און זיין זוהן האָבען זיך אויך געלאָזט געהן אין שטיבעל אַריין.

„נו, מיין בחור'ל, האָב איך דיך, הייסט עס, געבראַכט צום טאַטען,“ האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופֿען און שאַרף בעטראַכט יאַקאָוו'ס גראָבע פֿיגור פֿון דער זייט.

ער האָט אומגעדרעהט צו איהר זיין געזיכט מיט דעם געקרייזעלטען דונקעלען באָרד און מיט בליצענדע אויגען האָט ער געזאָגט:

„יאָ, מיר זיינען אָנגעקומען... און ווי שעהן ס'איז דאָ... דער ים.

„דער ווייטער, ברייטער ים... נו, אָבער... דער טאַטע איז עפּעס אַסך עלטער געוואָרען?“

„ניין, ניט איבעריגס. — כ'האָב געמיינט, ער איז גראָער, ער האָט אָבער נור ווינציג גראָע האָר... און אַזוי איז ער נאָך אויך... שטאַרק...“

„ווי לאַנג, זאָגסט דו, האָט איהר זיך ניט געזעהן?“

„פֿינף יאָהר זיינען שוין זינט דאַן, מיין איך... בעת ער איז אַוועק פֿון דאָרף — איז מיר געווען דאָס זיבצעהנטע יאָהר.“

זיי זיינען אַריין אין שטיבעל, וואו עס איז געווען דומפּיג און וואו די ראָגאָזשעס האָבען אָבגעגעבען פֿון זיך אַ ריח פֿון געזאַלצענע פֿיש. זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט:

יאַקאָוו אויף אַ דיקען קלאָץ, מאַלוואַ אויף אַ הויפֿען פֿון זעק; צווישען זיי איז געשטאַנען אַן איבערגעשניטענע פֿאַס, וואָס דער אונטערשטער טהייל איהרער האָט געדיענט וואַסילי׳ן אַלס טיש. נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט, האָבען זיי זיך אַ היבשע ווײלע אָנגעקוקט, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט.

„אַלזאָ, דו ווילסט דאָ אַרבייטען?" האָט מאַלוואַ ענדליך געפֿרעגט.

„יאָ... כ׳וויים נאָך ניט... אַז ס׳וועט זיך עפּעס געפֿינען — וועל איך אַרבייטען..."

„ס׳וועט זיך שוין געפֿינען וואָס עס איז!" האָט מאַלוואַ מיט אַן איבערצייגענדען טאָן פֿערשפּראָכען, און זי האָט ניט אויפֿגעהערט קוקען אויף איהם מיט איהרע מאָרגע פֿערשלאָסענע אויגען.

ער אָבער האָט קיין קוק ניט געגעבען אויף איהר און ער האָט זיך אָבגעווישט זיין שווייסיג געזיכט מיט׳ן אַרבעל פֿון זיין העמד.

מיט אַמאָל האָט זי זיך צולאַכט.

„די מאַמע... האָט דיר מסתמא מיטגעגעבען גריסען און בעשטעלונגען צום טאַטען!"

יאַקאָוו האָט זי אָנגעקוקט, זיין געזיכט האָט זיך פֿערכמאַרעט און ער האָט געענטפֿערט קורץ:

„נו אַוודאי... וואָס איז דען?"

„גאָרנישט!" האָט זי געלאַכט.

דער געלעכטער איהרער איז יאַקאָוו׳ן גאָרנישט געפֿעלען — ס׳האָט איהם גערייצט. ער האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון דיזער פֿרוי און זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס די מוטער זיינע האָט איהם אָנגעזאָגט. נאָכדעם ווי זי האָט איהם בעגלייט ביז צום גדר פֿון דאָרף, האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אויף׳ן צוים, צוגעפינטעלט אַלע ווײלע מיט די טרוקענע אויגען און אויף גיך געזאָגט:

„זאָג דו עם איהם כאָטש, יאַשקאַ... אום גאָטעס ווילען, זאָג איהם — פֿאָטער!... די מוטער, די איז דאָ

אַליין... שוין פֿינף יאָהר אַוועק און זי איז אַלץ אַליין! זי ווערט אַלט!... זאָג עס איהם, יאַקאָוו'ל, אום גאָטעס ווילען. באַלד וועט די מאַמע שוין ווערן אַן אַלטע פֿרוי... אַליין, אימער אַליין! שטענדיג פֿעראַרבייט, פֿערהאָרעוועט. אום קריסטוס' ווילען, זאָג עס איהם..."

און דאַן האָט זי זיך צואוויינט מיט אַ ביטער געוויין און האָט זיך צוגעדעקט דעם פּנים מיט'ן פֿאַרטוך. — דעמאָלט האָט זי יאַקאָוו'ן ניט לייד געטהאָן, אָבער איצט האָט ער רחמנות געקראָגען אויף איהר... און ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף מאַלוואַ'ן, האָט שטריינג צונויפֿגעצויגען זיינע ברעמען, גרייט זי גוט אויסצוזידלען.

„נו, אָט בין איך!" — מיט דיזע ווערטער איז וואַסילי אַריינגעקומען אין שטיבעל מיט אַ צאַפּעלדיגען פֿיש אין איין האַנד און מיט אַ מעסער אין דער אַנדער האַנד.

זיין פֿערלעגענהייט איז פֿערשוואונדען געוואָרען — ער האָט זי בעגראָבען טיעף ביי זיך אין האַרצען, און איצט האָט ער זיי ביידען אָנגעקוקט רוהיג און צופֿריעדען, מעהר ניט די בעוועגונגען זיינע האָבען געצייגט, אַז עפּעס איילט ער זיך מעהר ווי געוועהנליך.

„אַצונד מאַך איך גלייך פֿייער... און כ'קום שוין צו אייך און... דאַן וועלען מיר פּלוידערן אַביסעל! יאָ! אָבער יאַקאָוו! וואָס פֿאַר אַ וואוילער בחור דו ביסט עס געוואָרען!"

און ער איז ווידער אַרויס פֿון שטיבעל.

מאַלוואַ האָט ווייטער געקייט איהרע זוימען און ניט אַרונטערגענומען קיין אויג פֿון יאַקאָוו'ן, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט ניט אַ קוק צו טהאָן אויף איהר, כאָטש ס'האָט זיך איהם זעהר שטאַרק געוואָלט. ער איז געווען פֿערזונקען אין פֿערשיעדענע מחשבות און האָט געטראַכט: „ס'מוז דאָ זעהר גוט זיין, מען עסט דאָ צו זאַט... זעה נאָר, ווי אָבגעפּאַשעט זי איז, יאָ, און דער טאַטע אויך..."

שפּעטער אַ ווײַלע, אַז דאָס שטיל-שוויינען האָט איהם דערעסען, האָט ער זיך אָבגערופֿען הויך אויף'ן קול:

— יאָ, דאָס בינטעל, כ׳האָב עס פּע־נעסען אין שי־פּעל... כ׳מוז עס געהן אַריינגעהמען!"

לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאַץ און איז אַרויסגעגאַנגען; אויף זיין אָרט איז אַריינגעקומען וואַסילי, האָט זיך אָנגעבויגען צו מאַלוואַ׳ן און גיך און צאָרנ־דיג האָט ער געזאָגט:

„נו, נאָך וואָס ביסט דו מיטגעקומען מיט איהם? וואָס זאָל איך איהם זאָגען מכח דיר? וואָס דו געהערסט מיר אָן?"

„איך בין געקומען און דאָס איז אַלעס!" האָט מאַלוואַ געענטפערט קורץ און שאַרף.

„איי, דו... ביסט אַזאַ נאַרישע פרוי! מאַכסט כסדר דומהייטען... וואַרום? וואָס זאָל איך איצט טהאָן? אַזוי גלייך איהם אין די אויגען... פלוצלינג... און אין דערהיים האָב איך אַ פרוי! זיין מוטער... דו האָסט זיך דאָך דאָס געקענט דיינקען!"

כ׳האָב גאָרנישט נייטיג נאָכצודיינקען! וואָס זשע, איך האָב עפּעס מורא פאַר איהם? אָדער פאַר דיר?" האָט זי געפרעגט און מיט פעראַכטונג צונויפגעצויגען די גרינע אויגען איהרע. — „און ווי דו האָסט זיך דאָס פריהער אַביסעל געדרעהט פאַר איהם! דאָס איז געווען צום לאַכען!"

„צום לאַכען! און וואָס זאָל איך טהאָן?"

„האָסט דו געזאָלט פריהער נאָכדיינקען וועגען דעם!"

„האָב איך דען געוואוסט, אַז ער וועט אַזוי פלוצלינג קומען אַהער?"

דער זאַמד האָט געסקריפּעט אונטער יאַקאָוו׳ס פיס, און זיי האָבען מיט אַמאָל אָבגעהאַקט זייער געשפּרעך. יאַקאָוו האָט מיטגעבראַכט אַ בינטעל מיט זיך, האָט עס אַ וואָרף געטהאָן אין אַ ווינקעל און אָנגעקוקט די פרוי מיט אַ בייזען בליק פון דער זייט.

זי האָט ניט אויפגעהערט קנאַקען איהרע קערנער. וואַסילי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף׳ן קלאָץ, האָט זיך

געריבען די קניע מיט די הענד און מיט אַ פֿערצווייפֿעל־טען שמייכעל האָט ער זיך אָבגערופֿען:

„אַזוי דו ביסט אַלזאָ געקומען צו פֿאָהרען אַהער. ווי פֿאַלסט דו דאָס פֿאָרט איין צו טהאָן?"

„יאָ, אַזוי. . . מיר האָבען דיר געשריבען. . ."

„ווען? כ'האָב ניט ערהאַלטען קיין שום בריעף!"

„אַזוי? מיר האָבען אָבער געשריבען. . ."

„דער בריעף איז אַלזאָ פֿערלאָרען געגאַנגען," האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַן אומעטיגען טאָן. — „זעהסט, צום טייפֿעל. . . ווי געפֿעלט עס דיר? גראָד ווען ער איז אַזוי נייטיג — דאַן מוז ער פֿערלאָרען געהן. . ."

„ווייסט דו, הייסט עס, גאָר ניט וואָס מיט אונז האָט זיך די גאַנצע צייט געטהאָן?" האָט יאַקאָוו געפֿרעגט און אָנגעקוקט דעם פֿאָטער מיט א מיסטרויאישען בליק.

„ניין, ווי אַזוי זאָל איך וויסען? כ'האָב דאָך קיין בריעף נישט ערהאַלטען."

און יאַקאָוו האָט דעם פֿאָטער דערצעהלט, אַז דאָס פֿערד איז געפֿאַלען, אַז שוין אָנהויב פֿעברואַר איז דאָס גאַנצע ברויט געווען אויפֿגעגעסען, אַז ס'איז גאָרנישט געווען וואָס צו פֿערדיענען. די היי האָט אויך ניט געסטייעט, די קוה האָט דאָניט לאַנג שיעור ניט קראַפּירט פֿון הונגער. מיט צרות און נויטה האָבען זיי זיך דורכגעשלאָגען ביז אַפּריל און דאַן בעשלאָסען, אַז נאָכדעם ווי די פֿעלדער וועלען זיין פֿעראַקערט זאָל יאַקאָוו אַריבערפֿאָהרען צום פֿאָטער אויף דריי חדשים, כדי ביי איהם עפּעס צו פֿער־דיענען. דאָס אַלעס האָבען זיי איהם געשריבען. דערנאָך האָבען זיי פֿערקויפֿט דריי שאָף, געקויפֿט היי און ברויט און אָט אַזוי איז ער געקומען אַהער.

„אַלזאָ דאָס איז עס!" האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען.

„אַזוי. . . אָבער ווי האָט איהר פֿאָרט. . . כ'האָב דאָך אייך געשיקט געלד. . ."

„וואָס זשע, ס'איז אפשר געווען אַסך? דאָס הייזעל האָבען מיר פֿעררכט. . . מאַריאַ'ן חתונה געמאַכט. . .

אַן אַקער־אייזען האָב איך זיך געקויפּט. . . ס'איז דאָך שוין פֿינף יאָהר. . . די צייט געהט פֿערביי!"

„יאָ—אָ! ס'האָט אַלזאָ ניט געסטייעט? אַזוי וואָס!. . . אָבער די פֿיש־יויך לויפּט אויס!" ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. פֿערטיעפּט אין מחשבות איז ער געבליבען שטעהן ביים פֿייער, וואו ס'איז געהאַנגען אַ קאָבענדער קעסעל, פֿון וועלכען דער שוים איז אַריבערגעלאָפֿען אין פֿייער אַריין.—דאָס אַלעס, וואָס דער זוהן האָט איהם דערצעהלט, האָט איהם ניט שטאַרק געריהרט, נאָר ס'האָט אַרויסגערופֿען אין איהם אַן אונאַנגענעהמעס געפֿיהל געגען זיין פֿרוי און געגען יאַקאָוו'ן. ווי פֿיעל געלד האָט ער זיי אין אָט די פֿינף יאָהר איבערגעשיקט און דאָך האָט עס ניט געסטייעט צו דער בעל־הבית'ישקייט. ווען די מאַלוואַ וואָלט דאָ ניט געווען, וואָלט ער שוין יאַקאָוו'ן געהאַט וואָס צו זאָגען. — אַליין, אָהן דעם פֿאָטער'ס רשות, איז ער פֿון דאָרף אַוועק — דאָס האָט ער געקענט — אָבער מיט דער בעל הבית'ישקייט, דאָ האָט ער זיך ניט געקענט איספּראַווען. און די דאָזיגע בעל הבית'ישקייט, מכח וועלכער וואַסילי, וואָס האָט ביז היינטיגען טאָג געפֿיהרט אַן אָנגענעהם און גרינג לעבען, האָט זעהר זעלטען אַ טראַכט געטהאָן, — אָט די בעל הבית'ישקייט איז איהם פּלוצלינג פֿאָרגעקומען אַזוי ווי אַ טיעפֿער גרוב אָהן אַ גרונד, וואו ער האָט פֿינף יאָהר נאָכאַנאַנד אַריינגעוואָרפֿען זיין געלד, עפּעס אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אין גאַנצען איבעריג און אונניצליך אין זיין לעבען. ער האָט אַ טיעפֿען זיפֿץ געטהאָן און אויסגעמישט מיט'ן לעפֿעל די פֿיש־יויך אין קעסעל.

אין גלאַנץ פֿון דער זונן האָט דאָס קליינע געלע פֿייערל אויסגעזעהן אַזוי טרויעריג בלאַס.

דער בלויער און דורכזיכטיגער רויך האָט זיך געצויגען פֿון פֿייער צום ים אַנטקעגען דעם שוים פֿון די כוואַליעס.

וואַסילי האָט נאָכגעקוקט דעם רויך און געטראַכט מכח דעם זוהן, וועגען מאַלוואַ'ן און מכח דעם, אַז איצט,

ווען יאַקאָוו איז דאָ, וועט ער מוזען לעבען ערגער. ניט אזוי פריי ווי ביז אַהער. אַודאי שטויסט זיך שוין יאַקאָוו אָן, ווער די דאָזיגע מאַלוואַ איז. . .

זי אָבער איז געזעסען אינעווייניג אין שטיבעל און מיט איהרע העזה'דיגע, אַרויספאָדערנדע אויגען, אין וועלכע דער שמייכעל האָט קיינמאָל ניט פערשוואונדען, האָט זי דעם יונגען בחור אַריינגעבראַכט אין אַ פערלעגענהייט.

„האָסט אַודאי איבערגעלאָזט אַ כלה אין דאָרף?" האָט זי זיך מיט אַמאָל צולאַכט און גנב'יש אַריינגעקוקט יאַקאָוו'ן אין געזיכט אַריין.

„אפשר האָב איך איבערגעלאָזט איינע, איז וואָס?" האָט ער געענטפערט מיט אַ בייזען טאָן און שטילערהייט געשימפפט אויף מאַלוואַ'ן.

„זי איז עפּעס אַ שעהנע?" האָט זי איהם אַ פרעג געטהאָן גלייכגילטיג.

יאַקאָוו האָט געשוויגען.

„וואַרום שוויגסט דו? — זי איז שעהנער איידער איך אָדער ניט?"

ניט־ווילענדיג האָט ער איהר אַריינגעקוקט גלייך אין פנים אַריין. זי האָט געהאַט ברוינע, פולע באַקען, זאַפ־טיגע ליפען, וועלכע האָבען איצט פון דעם העזה'דיגען שמייכלען האַלב אָפענערהייט געצוקט. די בלוזע פון ראָ־זעווע באַנוויל איז געווען זעהר גוט אָנגעפּאַסט אָן איהר, אַזוי אַז איהרע קיילעכדיגע שולטערן און דער הויכער, פולער בוזים איהרער האָבען אַרויסגעסטאַרטשט אין דער הויך. אָבער איהם זיינען איהרע גנב'ישע, צונויפגעצויגענע, גרינע, לאַכענדע אויגען גאָרניט געפעלען געוואָרען.

„פאַרוואָס רעדסט דו אַזוי?" ער האָט דערבּיי אַ זיפץ געטהאָן, און ער האָט עס געזאָגט מיט געבעט אין זיין שטימע, כאָטש ער האָט געוואָלט ריידען מיט איהר שטרייננג און ערנסט.

„ווי דען זאָל מען ריידען?" האָט זי געלאַכט.

„און דו לאַכסט אויך. . . פאַרוואָס?"

„איך לאַך פון דיר."

„נו, וואָס בין איך דיר?" האָט ער איהר געפרעגט, פערצאָגט און בעליידיגט, און דערביי האָט ער ווידער אַרונטערגעלאָזט די אויגען, ניט קענענדיג פערטראָגען איהר בליק.

זי האָט איהם ניט געענטפערט.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס זי געהערט זיך אָן מיט זיין פאָטער, און דאָס האָט איהם געשטערט מיט איהר צו ריידען פריי. דאָס איז פאַר איהם ניט געווען קיין איבעררעשונג: ער האָט געהערט, אַז ביי דער אַרבייט אויסערהאַלב דעם דאָרף כאַפּען די מענשען אָפט איבער די מאָס, און ער האָט בעגריפען, אַז אַזאַ געזונדען מענשען ווי זיין פאָטער האָט עס געמוזט פאַלען זעהר שווער, אַזוי לאַנג צו לעבען אָהן אַ ווייב. אָבער דאָך האָט ער זיך געפיהלט זעהר אונאַנגענעהם, ווען ער האָט זיך געפונען אין איהר און דעם פאָטער'ס אָנוועזענהייט. און אַחוץ דעם האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין מוטער — אַ ברומענדע, אויסגעמוטשעטע פרוי, וועלכע האָט דאָרט אין דאָרף גע־אַרבייט אָהן אויפהער. . .

„דאָס ייכיל איז פאַרטיג!" האָט וואַסילי געזאָגט, אַריינקומענדיג אין שטיבעל. „דערלאַנג די לעפעל, מאַל־וואַ!"

יאַקאָוו האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער און זיך גע־טראַכט:

„אָט אַפנים זי איז אַן אָפטער גאַסט דאָ, אַז זי ווייסט, וואו די לעפעל ליגען."

זי האָט גענומען די לעפעל און געזאָגט, אַז זי מוז אַרויסגעהן זיי אָבשווענקען אין ים, דערצו האָט זי געלאָזט אַ פלאַש שנאַפּס אין שיפעל. פאָטער און זוהן האָבען איהר נאָכגעקוקט און געשוויגען, בעת זיי זיינען געבליבען אַליין.

„ווי אַזוי האָסט דו זיך פאָרט צונויפגעטראָפען מיט איהר?" האָט וואַסילי אַ פרעג געטהאָן.

„כ'האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דיר אין קאָנטאָר, און זי איז געווען דאָרט. . . רופֿט זי זיך אָב: אָנשטאָט, זאָגט זי, צו געהן צופֿוס איבער'ן זאַמד, וועלען מיר בעסער פֿאָהרען מיט'ן שיפֿעל, איך פֿאָהר אויך צו איהם. נו, און אַזוי זיינען מיר געקומען."

„יאָ—אָ. . . און איך האָב זיך אָפּטמאָל געטראַכט,— ווער ווייסט וואָס יאַקאָוו טהוט אַצונד?"

דער זוהן האָט גוטמוטהיג צוגעשמייכעלט דעם פֿאָ־טער, און דאָס דאָזיגע שמייכלען האָט וואַסילי'ן געגעבען אַביסעל מוטה.

„אַה. . . וואָס פֿאַר אַ ווייבעלע, אַה?"

„נאַ. . ." האָט יאַקאָוו אונבעשטימט געזאָגט און האָט אַ פינטעל געטהאָן מיט די אויגען.

„צום טייוועל, ס'איז גאָר נישט צו מאַכען, אָבער גאָר נישט, ברודערקע!" האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען און גע־פֿאָכעט מיט די הענד אין דער לופֿטען. „כ'האָב זיך תחילת איינגעהאַלטען. . . ס'געהט ניט! געוואוינהייט. . . כ'בין אַ פֿערהייראַטהער מאַן. און די קליידער פֿערלאַטעט זי מיר אויך און אַלעס אַנדערע, איבעריגע.—און איבערהויפט. . . אַך! פֿון די ווייבער און פֿון דעם טויט קען מען זיך נישט אויסדרעהען!" האָט ער מיט אַן איבערציינגטען טאָן געענ־דיגט זיין ערקלעהרונג.

„וואָס געהט עס מיך אָן?" האָט יאַקאָוו געזאָגט. „דאָס איז דיין זאַך, איך בין ניט דיין ריכטער."

און אין זיך האָט ער זיך געטראַכט:

„אַזאַ איינע וועט דיר טאַקי. . . די הויזען פֿערריכ־טען. . ."

„און אַחוץ דעם בין איך בלויז פֿינף און פֿערציג יאָהר אלט. . . די אויסגאַבען פֿאַר איהר זיינען קליינע, זי איז דאָך ניט מיין פֿרוי," האָט וואַסילי געזאָגט.

„אַודאי. . ." האָט איהם יאַקאָוו געגעבען רעכט, און ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: „פֿונדעסטוועגען איז דאָס ניט פֿאַר דיין קעשענע!"

מאַלוואַ איז אַרייננעקומען מיט אַ פֿלאַש שנאַפּס און מיט אַ בונד בייגעל, און זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט צו דער פֿיש־יויך. זיי האָבען געגעסען, ניט אויסריידענדיג דערביי קיין וואָרט, האָבען אָבגעלעקט די ביינדלאַך און זיי אויסגעשפּיגען אויף'ן זאַמד לעבען דער כאַטקע. יאַקאָוו האָט געגעסען אַטך און מיט אַפּעטיט, — דאָס איז, ווייזט אויס, מאַלוואַ'ן שטאַרק געפֿעלען! זי האָט צערטליך געשמייכעלט צו איהם, זעהענדיג, ווי זיינע באַקען, פֿערברענט פֿון דער זונן, בלאָזען זיך אָן און די פֿייכטע, שטאַרקע ליפּען בעוועגען זיך שנעל. וואַסילי האָט געגעסען ווייניג, ער האָט אָבער געוואָלט ווייזען, אַז ער איז שטאַרק אַריינגעטהאָן אין עסען, — דאָס האָט ער נויטיג געדאַרפֿט, כדי ער זאָל קענען אונגעשטערט און אונבעמערקטערהייט טראַכטען וועגען זיין פֿערהעלטנים צו מאַלוואַ'ן און צו זיין זוהן.

די לוסטיגע און צערטליכע מוזיק פֿון די כוואַליעס איז איבערגעשלאָגען געוואָרען פֿון דעם גיעריגען און פֿרעהליכען געשריי פֿון די טשאַיקעס. די היץ איז אַביסעל שוואַכער געוואָרען, און אין שטיבעל איז אַלע ווײלע אַריין אַ קיהל ווינטעל, דורכגענומען מיט דעם דערקוויקענדען ריח פֿון ים.

דורך דער געשמאַקער פֿיש־יויך און עטליכע טרונקבראַנפֿענס האָבען זיך ביי יאַקאָוו'ן אָנגעהויבען די אויגען צומאַכען. ער האָט גענומען שמייכלען תמ'עוואַטע, גענעצען און אַזוי מאָדנע קוקען אויף מאַלוואַ'ן, אַז וואַסילי האָט געפֿונען פֿאַר נייטיג איהם צו זאָגען:

„לייג זיך צו אַביסעל, יאַשוטקאַ, דערווייל ביז צום טהעע. . . דערנאָך וועלען מיר דיך אויפֿוועקען.”

„גאַנץ ריכטיג. . .” האָט יאַקאָוו צוגעשטימט און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף די זעק. „און איהר, אַה? האַ—האַ!”

וואַסילי איז פֿון זיין געלעכטער אַריינגעקומען אין אַ פֿערלעגענהייט און איז גלייך אַרויס אויף דרויסען, מאַלוואַ

אָבער האָט איינגעפּרעסט די ליפּען, צונויפגעצויגען די ברעמען און געענטפערט יאַקאָוו׳ן:

„וואיהין מיר געהען — דאָס איז ניט דיין עסק! וואָס ביסט דו? דו ביסט נאָך אַ גרינהאָרן, בעה! זעהסט דו וואָס דו ביסט, אינגעלע!"

און זי איז אַרויס אויף דרויסען.

„איך? שוין גוט!" האָט איהר יאַקאָוו נאָכגעשריען.

„וואַ—אַרט אַקאָרשט. . . האַ, האַ, האַ!. . . כ׳וועל דיר שוין ווייזען. גוט! קוקט איהר נאָר אָן, וואָס פאַר אַ מאַמזעל!"

ער האָט נאָך אַביסעל אונטערגעמורמעלט און איז אַנשלאָפען געוואָרען מיט אַ שכור׳ן און זאַטען שמייכעל אויף דעם רויטליכען געזיכט.

וואַסילי האָט אַריינגעשטעקט דריי שטאַנגען אין זאַמד, האָט פעראייניגט די שפּיצען זייערע, זיי בעדעקט מיט ראָגאָזשעס, און נאָכדעם ווי ער האָט אויף אַזאַ איינפאַכען אופן געמאַכט אַ שאָטיגען שטיקעל פלאַץ, האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפען, אַרויפגעלייגט די הענד איבער׳ן קאָפּ און געקוקט גלייך צום הימעל אַרויף. אַז מאַלוואַ איז צוגעקומען צו איהם און האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבען איהם אויף׳ן זאַמד, האָט ער זיך אומגעקעהרט צו איהר מיט׳ן פנים, אויף וועלכען זי האָט בעמערקט סימנים פון פערדרוס און אונצופרידענהייט.

„וואָס זשע, אַלטיטשקער?" האָט זי געפרעגט מיט אַ געלעכטער. „פאַרוואָס פרעהסט דו זיך עפּעס אַזוי ווינציג מיט׳ן זוהן?"

„אָט האָסט דו דיר. . . ער לאַכט פון מיר! פאַרוואָס?. . . אַלץ צוליעב דיר," האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַן אומעטיגען טאָן.

„וואָס? צוליעב מיר?" האָט זי זיך גנב׳יש געוואונדערט.

„יאָ, צוליעב וועמען דען אַז ניט צוליעב דיר? נו, אַוודאי. . ."

„אַך, דו אָרעמער מענש! וואָס נאָך? זאָל איך ניט קומען צו דיר? אַה? נו. . . כ'וועל ניט קומען."

„זעהסט דו, וואָס פֿאַר אַ מכשפה דו ביסט!" האָט וואסילי געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון פֿאָרוואורף. „אַך, איהר מענשען! ער לאַכט, דו אויך. . . און איהר זייט דאָך די נעהנטסטע מיינע! און פֿון וואָס לאַכט איהר? טייוואָלים וואָס איהר זייט!" ער האָט זיך אומגעקעהרט אויף דער אַנדער זייט און געשוויגען.

און זי האָט ארומגענומען מיט איהרע אָרעמס די קניע איהרע, האָט זיך לאַנגזאַם אַרומגעוויגט, בעטראַכטענדיג מיט איהרע גרינע אויגען דעם גלענצענדען, לוסטיגען ים און שמייכלענדיג מיט אַ זיעגערישען שמייכעל, וואָס איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך ביי די פֿרויען, וועלכע קענען גוט די מאַכט פֿון זייער שעהנהייט.

אַ זעגעלשיף האָט זיך פֿערבייגעגליטשט איבער'ן וואַסער, אָקוראַט ווי אַ גרויסער, אומגעלומפּערטער פֿויגעל מיט גראָע פֿליגלען. ס'איז געווען ווייט אַוועק פֿון ברעג און האָט זיך נאָך געגליטשט ווייטער, אַהין, וואו דער ים גיסט זיך צונויף אינאיינעם מיט'ן הימעל — אין די אונענדליכקייט, וועלכע ציהט צו צו זיך דאָס אויג מיט איהר הערליכער שטילקייט.

„ווארום שווייגסט דו?" האָט וואַסילי אַ פֿרעג געטהאָן.

„כ'דיינק נאָך. . ." האָט מאַלוואַ געזאָגט.

„מכח וואָס פֿאָרט?"

„אַזוי זיך. . ." האָט זי געענטפֿערט, פֿערציהענדיג איהרע ברעמען, און נאָכדעם ווי זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, האָט זי צוגעלייגט: „דיין זוהן — איז אַ וואווילער יונג. . ."

„וואָס געהט דאָס דיך אָן?" האָט וואַסילי אייפֿערזיכטיג אַ געשריי געטהאָן.

„זעהר פֿיעל. . "

„דו. . . היט זיך!" האָט ער זי דורכגענומען מיט אַ קאַלטען, מיסטרויאישען בליק. „מאַך ניט קיין דומהייטען! איך בין אמת רוהיג, נאָר רייץ מיך ניט. . . הערסט דו!"

ער האָט צונויפגעפּרעסט די צייהן, צוזאַמענגעדריקט די פויסטען און ווייטער געזאָגט:

„ווי דו ביסט נאָר היינט אָנגעקומען, האָסט דו שוין גלייך אָנגעהויבען עפּעס צו שפּיעלען. איך פערשטעה עס נאָך ניט. . . אָבער גיב אַקאָרשט גוט אַכטונג, טאָמער בעגרייף איך עס, דאַן וועט דיר זיכער קיין גוטעס ניט געשעהן!. . . און דאָס דאָזיגע שמייכעלע דיינס. . . וואָס איז מיר אונבעקאַנט. . . און אָט דאָס אַלעס. . . נישקשה, כ'פערשטעה אויך ווי אָנצוגעהן מיט אַנדערע פון דיין גלייכען. . . אַז עפּעס. . ."

„דו, שרעק מיך אַקאָרשט ניט, וואַסיאַ. . ." האָט זי גלייכגילטיג געבעטען, ניט אַ קוק געבענדיג אויף איהם.

„אַלזאָ, שפּאַס ניט. . ."

„יאָ, און דו סטראַ—אַשע ניט. . ."

„איך וועל דיך אויך שלאָגען, אַז דו וועסט מיר נעהמען ווערן לייכטזיניג," האָט דער צאָרנדיגער וואַסילי געסטראַשעט.

„שלאָגען וועסט דו מיך?" האָט זי זיך געווענדעט צו איהם און האָט איהם נייגעריג אַריינגעקוקט אין זיין צוהיצטען פּנים אַריין.

„וואָס ביסט דו מיר פאַר אַ גראַפיניע? כ'וועל דיך שלאָגען."

„נו יאָ, וואָס בין איך דען — דיין פרוי אפשר?" האָט מאַלוואַ רוהיג און איבערלייגט אַ פרעג געטהאָן. זי האָט ניט אָבגעוואַרט זיין ענטפער און ווייטער געזאָגט: „דו ביסט געוועהנט, אַזוי מיר נישט דיר נישט צו שלאָגען דיין וויב, און מיינסט אויך מיט מיר אַזוי אָנצוגעהן? נו, ניין. איך בין פריי. איך בין מיין אייגענע בעל הבית'טע און כ'האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט. דו, יאָ, דו ציטערסט

פֿאַר דיין אייגענעם זוהן; ווי דו האָסט זיך דאָס פֿריהער אַביסעל געדרעהט פֿאַר איהם — ס'איז אַ חרפּה! און דו סטראַשעסט מיר נאָך!"

מיט פֿעראַכטונג האָט זי אַ וואָרף געטהאָן דעם קאָפּ און געשוויגען. איהרע קאַלטע ווערטער, פֿול מיט פֿעראַכטונג, האָבען דערשטיקט וואַסילי'ס צאָרן קיינמאָל האָט ער זי ניט געזעהן אַזוי שעהן, און ער איז געבליבען ערשטוינט ביי איהר אָנבליק.

„ביסט ריידעוודיג געוואָרען, הויבסט שוין אָן קרעהען. . ." האָט ער זיך אָבגערופֿען, אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט און אויסשטעלענדיג אויף איהר אַ פּאָר פֿייערדיגע אייגען.

„און איך וועל דיר נאָך וואָס זאָגען. דו האָסט זיך בעריהמט פֿאַר סערעשקאַ'ן, אַז איך וואָלט אָהן דיר, אַזוי ווי אָהן ברויט, ניט געקענט לעבען! פֿילייכט ליעב איך דיך גאָרנישט און קום גאָרנישט צו דיר, נאָר כ'האָב ליעב אָט דעם אָרט דאָ. . ." זי האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אַרום זיך. „אפשר געפֿעהלט מיר בלויז, וואָס ס'איז דאָ ווי אויסגעשטאָרבען—בלויז דער ים און דער הימעל און קיין נידעריגע, געמיינע מענשען. אָבער דאָס וואָס דו ביסט דאָ — דאָס איז מיר אַלץ איינס. . . דאָס איז אַזאַ מין געצאָהלטס פֿאַר דעם פּלאַץ. . . וואָלט סערעשקאַ זיין דאָ — וואָלט איך געקומען צו איהם, וואָלט דער זוהן דיינער דאָ געווען — וואָלט איך צו איהם געקומען. . . און דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען קיינער פֿון אייך זאָל דאָ ניט זיין. . . דערווידער זייט איהר מיר!. . . און מיט מיין שעהנקייט, ווען איך זאָל נאָר ווילען, — וואָלט איך צו יעדער צייט געפֿונען אַ מאַן, ווי איך וואָלט איהם געוואָלט האָבען. . . און ניט דיין גלייכען."

„אַזוי — הייסט עס?" האָט וואַסילי אַרויסגעפּלאַצט מיט כעס און האָט איהר פּלוצלינג אָנגעכאַפּט ביים האַלז.

„אַלזאָ דאָס איז עס?"

ער האָט זי געטרייסעלט, אָבער זי האָט זיך ניט גע־וועהרט, כאָטש דאָס געזיכט איהרס איז רויט געוואָרען און די אויגען זיינען איהר פערלאָפען מיט בלוט. רוהיג האָט זי ארויפגעלעגט איהרע ביידע הענד אויף זיינע, וועלכע האָבען איהר צוגויפגעדריקט דעם האַלז, און תמ'עוואַטע האָט זי איהם געקוקט גלייך אין פנים אַריין.

„אַזוי וואָס, הייסט עס, שטעקט ביי דיר אינעווייניג?" האָט וואסילי געשריען מיט אַ הייזעריגען טאָן און איז וואָס ווייטער אַלץ צאָרנדיגער געוואָרען. „און געשוויגען האָסט דו, פאַסקודניצע. . . און האָסט מיך אומאַרמט. . . און ביסט צערטליך געוועזען. . . איך וועל דיר שוין וויי־זען!"

ער האָט זי אַראָבגעדריקט צו דער ערד, און מיט פערגניגען האָט ער זי געשלאָגען אויף'ן האַלז און נאַקען, איינמאָל. . . צווייטמאָל. . . מיט שווערע קלעפ פון דער פעסט־צוזאַמענגעדריקטער שטאַרקער פויסט. ער האָט אמת הנאה געהאַט, ווען זיין האַנד איז מיט שוואונג אַרונטער־געפאַלען אויף איהר פולען, גלאַטען האַלז.

„נאַ!. . . וואָס, שלאַנג. . .?" האָט ער געפרעגט פול מיט פרייד און האָט זי אַ שטויס געטהאָן פון זיך.

זי האָט קיין זיפץ ניט געטהאָן, שטיל און רוהיג איז זי געפאַלען אויף'ן רוקען, צושלאָגען, רויט און דאָך שעהן. די אויגען איהרע האָבען איהם אָנגעקוקט פון אונטער די די ברעמען אַרויס און זיי האָבען געברענט אין שרעקליכען האַס. — ער אָבער האָט שווער געאָטהעמט פון אויפרע־גונג און איז געוועזען זעהר צופריעדען מיט דעם אויסברוך פון זיין צאָרן; דעם בליק איהרען האָט ער ניט געזעהן, און אַז ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ מיענע פון פעראַכ־טונג און פון זיעג — האָט זי שטיל געשמייכעלט. תחילת האָבען זיך איהרע פולע ליפען אַביסעל פערצויגען, דאַן האָבען די אויגען איהרע אויפגעבליצט, אין די באַקען האָ־בען זיך גריבעלאַך בעוויזען און זי האָט זיך צולאַכט אויף'ן

קול. ערשטוינט האָט זי וואַסילי אָנגעקוקט, ווי זי לאַכט אַזוי הויך און צופֿריערען, אָקוראַט ווי ער וואָלט זי גאָר־נישט געשלאָגען.

„וואָס איז דיר אַזוינס. . . טייוועל!" האָט ער זיך אָב־גערופֿען און בעת מעשה האָט ער איהר אַ ריס געטהאָן ביי דער האַנד.

„וואַסיקאַ!. . . דאָס האָסט דו מיך געשלאָגען?" האָט זי איהם געפֿרעגט מיט אַ שעפּטשענדען טאָן.

„יאָ, איך. . . ווער דען אַז ניט איך?" ער האָט גאָר־נישט פֿערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך, ער האָט זי אָנגע־קוקט און ניט געוואוסט וואָס מען הויבט אָן טהאָן. וואָס זשע, זאָל ער זי נאָך אַמאָל שלאָגען? אָבער ביי איהם איז דער כעס אַריבער און זיין האַנד האָט זיך ניט אַויפֿגעהוי־בען געגען איהר.

„האָסט דו מיך, הייסט עס, ליעב?" האָט זי איהם איבער אַ נייעס געפֿרעגט, און פֿון איהר שעפּטשענדען טאָן איז איהם געוואָרען שווער אויף'ן האַרצען.

„נאַ שוין רעכט. . . דו טייוועל!" האָט ער בייז געזאָגט, „אָט אַזוי מוז מען עס מיט דיר אָנגעהן!"

„וואַסיקאַ! אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט מיך שוין מעהר ניט ליעב. . . כ'האָב זיך געטראַכט: נו, איצט איז דער זוהן אָנגעקומען. . . ער וועט מיך צוליעב דעם זוהן דורכטרייבען. . ."

און זי האָט כסדר געלאַכט מיט אַ מאָדנעם, צו הויכען געלעכטער.

„בהמה!" האָט וואַסילי געזאָגט, און בעת מעשה האָט ער ניט ווילענדיג אַ שמייכעל געטהאָן. „זוהן. . . וואָס זשע, ער איז עפּעס מיין בעל דעה?"

ער האָט זיך געשעהמט פֿאַר איהר און אויף איהר רחמנות געהאַט, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אָן איהרע רייד, און פֿון דאָס ניי האָט ער אָנגעפֿאַנגען ריידען שטרענג מיט איהר:

„דער זוהן שפּיעלט דאָ קיין שום ראָלע ניט. . . און דאָס וואָס איך האָב דיך געשלאָגען — ביסט דו אַליין שולדיג, פאַרוואָס האָסט דו זיך גערייצט מיט מיר?"

„אָבער איך האָב דאָך דאָס מיט אַ כיוון געטהאָן. . . כ'האָב געוואָלט ערפאַהרען —," און מיט אַ בערוהיגענדען שמייכעל האָט זי זיך צוגעטוליעט מיט דער שולטער צו איהם.

ער האָט געוואָרפען אַ בליק צום שטיבעל און האָט זי אומאַרמט.

„אַך. . . דו. . . ערפאַהרען האָט זיך דיר געוואָלט? וואָס ערפאַהרען? אָט האָסט דו דיר די ערפאַהרונג."

„ס'מאַכט גאָר נישט אויס!" האָט מאַלוואַ געזאָגט מיט אַן איבערצייגטען טאָן און געפינטעלט מיט די אויגען, כ'בין ניט בייז. . . האָסט דאָך מיך מחמת ליעבע געשלאָגען? איך וועל דיר עס אָבצאָהלען. . ." זי האָט איהם אָנגעקוקט שאַרף, האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן, אַרונטער געלאָזט איהר שטימע און ווידערהאָלט: „אַך! און ווי נאָך וועל איך עס אָבצאָהלען!"

וואַסילי האָט אין די דאָזיגע ווערטער געזעהן אַן אַנגענעהמען צוזאָג פאַר זיך. ס'האָט אין איהם דערוועקט אַ אַ זיס געפיהל און מיט אַ צופרידענעם שמייכעל האָט ער געפרעגט:

„און ווי אַזוי?. . . נו, זאָג פאָרט?!"

„וועסט שוין זעהן," האָט מאַלוואַ רוהיג געענטפערט; זי האָט עס געזאָגט זעהר רוהיג, נאָר די ליפען איהרע האָבען בעת מעשה געצוקט.

„אַך דו, מיין ליעבינקע!" האָט וואַסילי אויסגערופען, האָט זי מיט ליעבע אַרומגענומען און זי פעסט צוגעפּרעסט צו זיך. „יאָ, ווייסט דו, נאָכדעם ווי איך האָב דיך געשלאָגען, ביסט דו מיר טייערער געוואָרען! ווירקליך! פיעל נעהנטער, פערוואַנדטער. . . אָדער ווי?"

די טשאַיקעס זיינען אַרומגעפלויגען איבער זיי. דער

צערטליכער ווינד פֿון ים האָט צוגעטריבען די כוואַליעס כמעט ביז זייערע פֿיס, און דער אונאויפֿהערליכער געלעכ־טער פֿון דעם ים האָט געקלונגען אַזוי אַנגענעהם, אַזוי בערוהיגענדיג.

„אָה, אונזערע מעשים!" האָט וואַסילי זיך פֿריי אָב־געזיפֿצט און לײדענשאַפֿטליך געקושט און געלאַשטשעט די פֿרוי, וועלכע האָט זיך צוגעטוליעט צו איהם. „און ווי אַזוי פֿיהרט זיך אַלצדינג אויף דער וועלט: דאָס וואָס איז אַ זינד, איז זיס. נאַ, דו פֿערשטעהסט גאָרנישט. . . אָבער איך פֿערטראַכט זיך אָפֿטמאָל מכח'ן לעבען — ס'ווערט זאָגאַר שווער אויף'ן האַרצען דערפֿון. דער עיקר ביי נאַכט. . . ווען מען קען נישט אַנשלאָפֿען ווערן. . . פֿאַר דיר זעהסט דו דעם ים, איבער דיר — דעם הימעל, אַרום און אַרום דיר איז אַזוי פֿינסטער, אַ שרעק. . . און דו ביסט דאָ אַליין. און דאַן קוקסט דו עפּעס ביי זיך אין די אויגען אויס אַזוי קל—יין, קליין, און ס'ווייזט זיך דיר אויס, אַז די ערד דרעהט זיך אונטער דיר און קיינער איז ניטאָ אויף איהר אַחוץ דיר. וואָלסט דו כאָטש צו דער צייט דאָ געווען. . . וויינינגסטענס אין צווייען. . ."

מאַלוואַ האָט געהאַלטען די אויגען פֿערמאַכט, איז געלעגען ביי איהם אויף די קניע און האָט געשוויגען. וואַ־סילי'ס גראָב אָבער גוט געזיכט, וואָס איז געווען אָבגע־ברענט פֿון דער זונן און פֿון דעם ווינד, האָט זיך אָנגע־בויגען איבער איהר, און זיין גרויסע, אויסגעבלייכטע באָרד האָט איהר געקיצעלט דעם האַלז. מאַלוואַ האָט זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, נאָר דער בוזים איה־ער האָט זיך געהויבען הויך און גלייכמעסיג. וואַסילי'ס אויגען האָבען אַרומגע־וואַנדערט אַהין און אַהער; דאָ האָט ער זיך פֿערקוקט אויף'ן ים און דאָ האָבען זיך זיינע בליקען אָבגעשטעלט אויף דיזען בוזים, וועלכער איז געווען אַזוי נאָהענט צו איהם. און ער האָט גערעדט צו איהר, ווי לאַנגווייליג ס'איז אַליין צו לעבען, און ווי געמוטשעט ס'זיינען די שלאָפֿלאָזע

נעכט, פֿול מיט פֿינסטערע געדאַנקען מכח דאָס לעבען. . . דערנאָך האָט ער זי אָנגעפֿאַנגען קושען אויף די ליפּען, ער האָט זיך אָבער ניט געאײלט און געשמאָטשקעט מיט די ליפּען אַזוי הויך, אָקוראַט ווי ער וואָלט געגעסען אַ הייס, פֿעט געקעכטס, געמאַכט מיט פּוטער. דרייַ שעה האָבען זיי אַזוי פֿערבראַכט אויף דרויסען, און אַז די זונן האָט שוין אָנגעהויבען זיך אַרונטערלאָזען אין ים, האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען מיט אַ מרה־שחורה'דיגער שטימע:

„אַצונד וועל איך געהן אויפֿקאָכען טהעע. . . באַלד וועט זיך אונזער גאַסט אויפֿכאַפּען."

אַזוי ווי אַ פֿערצערטעלטע קאַץ האָט זיך מאַלוואַ אָבגערוקט אָן אַ זייט, ער איז אָהן חשק אויפֿגעשטאַנען און איז אַוועק אין שטיבעל. זי האָט אויפֿגעהויבען אַביסעל די ברעמען, איהם נאָכגעקוקט, און דערבייַ האָט זי אַזאַ זיפֿץ געטהאָן, ווי דער שטייגער איז בייַ מענשען בשעת זיי טראָגען אויף זיך אַ שווערע, ערמידענדע לאַסט.

נאָך אַ שעה איז אַריבער און דאַן זיינען זיי אַלע דרייַ געזעסען אַרום פֿייער בייַ דעם קאָכענדען קעסעל, האָבען געטרונקען טהעע און גערעדט.

די זונן האָט אָבגעפֿאַרבט דעם ים מיט די פֿערשיעדענאַרטיגע פֿאַרבען פֿון דעם זונען־אונטערגאַנג און די גרינליכע כוואַליעס האָבען געגלאַנצט ווי פּורפּור און דער צאַרטער פֿאַרב פֿון אַ רויז אונטער דער וואונדערבאַרער קראַפֿט פֿון איהרע שטראַהלען. וואַסילי האָט געזופּט דעם טהעע פֿון אַ ווייסען פּאָרצעלייענעם קריגעל, האָט זיך נאָכגעפֿרעגט ביים זוהן וועגען דאָרף און זיך אַליין דערמאָנט אָן פֿיעלע אַלטע געשעהענישען. מאַלוואַ האָט זיך ניט אַרייַנגעמישט; זי האָט זיך בלויז צוגעהערט צו דעם געשפּרעך, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם געצויגען צווישען פֿאָטער און זוהן.

„די פּויערים'לאַך לעבען נאָך, הייסט עס?"

„נו יאָ, זיי לעבען ווי עס איז. . . „האָט יאַקאָוו געענטפֿערט.

„דאַרף אונזער איינער עפּעס אַסך האָבען? אַ שטיבעל, אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און גענוג ברויטלאַך צו עסען. . . און אויף יום טוב אַ גלאָז שנאַפּס. י—יאָ. נאָר אויך דאָס האָבען מיר ניט. וואָלט איך דען געקומען אַהער, ווען ס'וואָלט מעגליך געווען אין דער־היים האָבען עסען צו זאַט? אין דאָרף, דאָרט בין איך מיין אייגענער בעל הבית, אַ מענש מיט אַלעמען צוגלייך. . . און דאָ — אַ דיענער. . ."

„דערפֿאַר איז דאָ פֿאַרהאַן זאַט צו עסען, און די אַרבייט איז גרינגער. . ."

„ניין, דאָס זאָלסט דו ניט זאָגען! ס'קומט אויך פֿאָר, אַז אַלע גליעדער טהוען וועה, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען געקוועטשט געוואָרען. . . אין אַחוץ דעם, דאָ אַרבייטסט דו פֿאַר אַ פֿרעמדען און דאָרט פֿאַר זיך אַליין."

„אָבער עס טראָגט מעהר איין," האָט יאַקאָוו רוהיג געענטפֿערט.

ביי זיך אין האַרצען איז וואַסילי איינפֿערשטאַנען געווען מיט זיין זוהן'ס בעווייזע: אין דאָרף איז דאָס לעבען און די אַרבייט טאַקי שווערער ווי דאָ, — דאָס איז ריכטיג; אָבער צוליעב אַ געוויסען גרונד האָט ער ניט געוואָלט, יאַקאָוו זאָל עס וויסען. און מיט אַ רוהיגען טאָן האָט ער געענטפֿערט:

„וואָס זשע, דו האָסט איבערגעצעהלט די היגע פֿערדיענסטען? אין דאָרף, ברודער. . ."

„איז פֿינסטער און ענג, אַזוי ווי אין אַ לאָך," האָט מאַלוואַ געענדיגט מיט אַ שמייכעל, „און דער עיקר דאָס לעבען פֿון די ווייבער — בלויז טרעהרען, ווייטער גאָר נישט."

„דאָס לעבען פֿון די ווייבער איז אומעטום גלייך. . . און דאָס ליכט איז איבעראַל איין און דאָסזעלביגע, איין זונן. . . „האָט וואַסילי געענטפֿערט מיט אַן אומעטיגען טאָן, און בעת מעשה האָט ער זי אָנגעקוקט.

„נו, דאָ זאָגסט דו שוין אַ ליגען!" האָט זי אַ געשריי

געטהאָן. „אין דאָרף מוז איך חתונה האָבען, צי איך וויל צי ניט. . . און אַ פערהייראַטהע פרוי איז אַן אייביגע שקלאַפין: שנייד תבואה און וועב, גיב אַכטונג אויף די בהמות און האָב קינדער. . . וואָס בלייבט נאָך איבער אַחוץ דעם? בלויז די קלעפ פון דעם מאַן און די זירלעריי. . ."

„ניט אימער קלעפ. . ." האָט איהר וואַסילי איבערגעשלאָגען די רייד.

„און דאָ בין איך איך אַליין," האָט זי ווייטער גערעדט, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרניט געהערט וואָס ער זאָגט, „דאָ געהער איך קיינעם ניט. פריי. . . אַזוי ווי אַ טשאַיקע! וואוהין איך וויל, פליה איך! קיינער וועט מיר ניט פערשטעלען דעם וועג. . . קיינער וועט מיך ניט אָנריהרען!"

„און ווי ריהרט מען דיך פונדעסטוועגען פאָרט אָן!" האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַ שמייכעל און אַן עראינערנדען טאָן.

„נו. . . כ'וועל עס יאַקאָש אָבצאָהלען!" האָט זי שטילערהייט געזאָגט און איהרע לייכטענדע אויגען האָבען זיך פערלאָשען.

וואַסילי האָט זיך צולאַכט מיט אַ פריינדליכען געלעכטער.

„אַך, דו. . . ביסט פלינק, אָבער שוואַך! רעדסט ווי אַ פרוי. אין דאָרף איז די פרוי אַ נייטיגער מענש, אָהן וועמען מען קען ניט אויסקומען. . . און דאָ איז זי אַזוי. . . בלויז צום שפאַס לעבט זי. . ." און נאָכדעם ווי ער האָט אַ היבשע ווילע געשוויגען, האָט ער צוגעלייגט: „צו זינדיגען. . ."

אַז זייער געשפרעך האָט זיך געענדיגט, רופט זיך יאַקאָוו אָן מיט אַ זיפץ:

„ס'ווייזט אויס, עפעס אַזוי ווי דער דאָזיגער ים וואָלט גאָר קיין סוף ניט געהאַט. . ."

אַלע דריי האָבען גענומען קוקען אויף די וואַסערוויסטעניש פאַר זיך, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט.

„יאָ, ווען דאָס אַלעס וואָלט אָבער געווען לאַנד!" האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופֿען און דערביי האָט ער ברייט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אַרום זיך. „און נאָך שווארצע ערד דערצו! און עס צו אַקערן!"

„קוק איהם נאָר אָן!" האָט זיך וואַסילי גוטמוטהיג פֿונאַנדערגעלאַכט און האָט מיט צופֿריעדענהייט געקוקט דעם זוהן אין דעם רויט-גֶעוואָרענעם פנים זיינעם. ס'האָט איהם שטאַרק הנאה געטהאָן אַרויסצוהערען פֿון זיינע ווער־טער די ליעבע צו דער ערד, און ער האָט זיך געטראַכט, אַז די דאָזיגע לועבע וועט יאַקאָוו'ן פֿילייכט צוריקרופֿען אין דאָרף אַריין. און ער וועט דאַן זיין דאָ אינאיינעם מיט מאַלוואַ'ן און אַלעס וועט בלייבען ביים אַלטען...

„זעהסט דו, יאַקאָוו, דאָס האָסט דו ריכטיג געזאָגט!" האָט זיך וואַסילי אין אַ ווײַלע אַרום ווידער אָבגערופֿען.— „דער מוזשיק איז געבוירען דערצו. אַ דאַנק דער ערד איז ער אויך שטאַרק; כל זמן ער זיצט אויף איהר — לעבט ער, און רייסט מען איהם אַוועק פֿון דער ערד — איז ער אַ פֿערלאָרענער מענש. דער פויער אָהן לאַנד איז אַזוי ווי אַ בוים אָהן וואָרצלען: צו דער אַרבייט טויג ער, נאָר וויטער לעבען קען ער נישט — ער הויבט אָן פֿוילען. און זיין וואַלד-שעהנקייט האָט ער שוין מעהר ניט — אָבגע־ליזעוועט איז ער, אָבגעהובעלט, אַ חלשות אַ קוק צו טהאָן אויף א'הם!... זעהסט דו, יאַקאָוו, דאָ האָסט דו זעהר גוטע ווערטער גערעדט..."

און דער ים, וועלכער האָט גראָד געהאַלטען דערביי אויפֿצונעהמען די זונן אין זיין שויס, איז איהר אַנטקעגען געגאַנגען מיט דער פֿריינדליכער מוזיק פֿון די פּאַטשענדע כוואַליעס, וועלכע זיינען געווען בעפוצט מיט וואונדערבאַ־רע, אונבעשרייבליך רייכע פֿאַרבען פֿון די לעצטע זונען־שטראַהלען. דער געטליכער אור-קוואַל פֿון דעם לעבענס־ליכט האָט זיך דאָס אַזוי גלענצענד און האַרמאָניש אָבגע־זעגענט מיט'ן ים, אום ערגעץ-וואו וויט פֿון די דריי

מענשען, וועלכע האָבען קיין אויג ניט אַראָבגענומען פֿון איהם, אויפֿצוואוועקען די שלאָפֿענדע ערד מיט דעם פֿרעה־ליכען גלאַנץ פֿון זיינע ערוואַכונגס־שטראַהלען.

„מיר קומט פֿאָר, עפּעס אַזוי ווי די נשמה וואָלט אין מיר צוגאַנגען, ווען איך זעה, ווי די ליעבע זונן געהט אונ־טער. . . ווירקליך, ביי גאָט!" האָט וואַסילי געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו מאַלוואַ'ן

זי האָט געשוויגען. יאַקאָוו'ס בלויע אויגען האָבען געשמייכעלט און אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער וייטקייט פֿון'ם ים. אַ היבשע ווײַלע האָבען זיי אַלע דריי פֿער־טראַכטערהייט געקוקט אַהין, וואו די לעצטע אויגענבליקען פֿון דעם דאָזיגען טאָג זיינען צושמאָלצען געוואָרען און האָבען זיך פֿערלאָשען. — לעבען זיי האָבען געפֿונקעלט די קוילען אונטערן טהעע־קעסעל. הינטער זיי האָט די נאַכט אויסגעשפּרייט איהר שאָטען איבער'ן הימעל. דער געלער זאַמד איז דונקעל געוואָרען, די טשאַיקעס זיינען ערגעץ וואו פֿערשוואונדען — אַלצדינג אַרום און אַרום זיי האָט אָנגעהויבען ווערן אַזוי שטיל, אַזוי שווערמעריש־צערטליך. . . און זאָגאַר די אונרוהיגע כוואַליעס האָבען איצט, אָנלויפֿענדיג אַלע ווײַלע אויף'ן זאַמד, שוין ניט געקלונגען אַזוי לוסטיג און ליאַרמדיג ווי ביי טאָג.

„פֿאַרוואָס זיץ איך עפּעס אַזוי?" האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופֿען. „כ'מוז דאָך שוין געהן."

וואַסילי האָט געמאַכט אַ קרומען פּנים און האָט אַ קוק געטהאָן אויף'ן זוהן.

„וואוהין ווילסט דו געהן?" האָט ער אונצופֿרידען געמורמעלט. „וואַרט אויס. . . די לבנה, זי וועט באַלד אַרויסקומען."

„נאָך וואָס די לבנה? כ'האָב אַזוי אויך קיין מורא ניט. . . ס'איז דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך מוז אַוועקגעהן פֿון דאַנעט ביינאַכט!"

יאַקאָוו האָט אָנגעקוקט דעם פֿאָטער און צונויפֿגע־דריקט די אויגען, בעהאַלטענדיג בעת מעשה אַ שמייכעל,

וואָס האָט אין זיי אויפגעבליצט; דאַן האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף מאַלוואַ'ן — זי האָט איהם אויך אָנגעקוקט און דאָס איז איהם געוואָרען אונערטרעגליך.

„נו גוט, געה. . ." האָט וואַסילי ערלויבט מיט אַן אונצופרידענעם און טרויעריגען טאָן.

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אָבגעזעגענט און זיך לאַנגזאַם געלאָזט געהן ביים ברעג ים, און די כוואַליעס האָבען זיך געקאַטשעט לעבען איהרע פיס, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך מיט איהר געשפּיעלט. אויף'ן הימעל האָבען ציטערנדיג אויפגעשיינט די שטערן — דעם הימעל'ס גאָלדענע בלומען.

מאַלוואַ'ס העלע בלוזע האָט זיך דערווייטער'ט פון וואַסילי און זיין זוהן, וועלכע האָבען פון איהר קיין אויג ניט אַרונטערגענומען, און זי איז וואָס ווייטער אַלץ מאַטער געוואָרען אין דער פינסטער.

„ליעבסטער מיין. . . קום שנעל!
„יאָ. . . אַך! דריק מיך צו צו דיין ברוסט!"

האָט מאַלוואַ געזונגען מיט אַ הייכער און שאַרפער שטימע.

וואַסילי'ן האָט זיך אויסגעדוכט אַז זי האָט זיך אָבגעשטעלט און וואַרט. פאַר פערדרוס האָט ער אויסגעשפּיגען און זיך געטראַכט: „דאָס טהוט זי מיט אַ כיוון. . . רייצט זיך מיט מיר, דער טייוועל!"

„זעה נאָר! זי זינגט גאָר. . ." האָט זיך וואַסילי אָבגערופען מיט אַ שמייכעל.

איצט האָט מאַלוואַ אויסגעזעהן ביי זיי אין די אויגען אַזוי ווי אַ גראָער פלעק אין דעם חושך.

„ניט האָב קיין רחמנות אויף מיין בוזים,
אויף די צוויי ווייסע שוואַנען!. . ."

האָט איהר קול אָבגעהילכט איבער'ן ים.

„הער נאָר הער!" האָט יאַקאָוו אַ געשריי געטהאָן און מיט'ן גאַנצען קערפּער האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אַהין, פון וואַנעט די דאָזיגע פערפיהרערישע ווערטער זיינען געקומען.

„דו ביסט אַלזאָ דאָרט ניט צורעכט געקומען מיט דער בעל הבית'ישקייט?" האָט זיך דערהערט וואַסילי'ס בייזע און טיעפּע שטימע. יאַקאָוו האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַן אונענטשלאָסענעם בליק אין געשוויגען.

צו זיי אין די אויערן האָבען זיך אַריינגעשפּאַרט איינ־צעלנע אָבגעריסענע ווערטער פֿון אַ חוצפה'דיגען ליעד, וועלכע זיינען צופּלאָסען געוואָרען אין דעם גערויש פֿון די כוואַליעס:

. . . אַך. . אונמעגליך. . . שלאָפֿען
. . . אַליין. . . אין דיזער נאַכט! . . .

„ס'איז דושנע!" האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען מיט אַ פֿערוועהטאָגטען טאָן און זיך אַ וואָרף געטהאָן אין זאַמד. — „ס'איז שוין נאַכט. . . און פֿאָרט דושנע! אָט דאָס הייסט אַ פֿערשאָלטענע געגענד!. . ."

„דאָס איז. . . דער זאַמד. . . דערהיצט איבער'ן טאָג," האָט יאַקאָוו געזאָגט, זיך אָבקעהרענדיג אָן אַ זייט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך פֿערהיקעט אין ריידען.

„וואָס איז דיר?. . . אָט אַפּנים דו לאַכסט, צי וואָס?" האָט איהם דער פֿאָטער אַ פֿרעג געטהאָן מיט אַ גראָבען טאָן.

„איך?" האָט יאַקאָוו גאַנץ נאַאיוו געפֿרעגט. „פֿון וואָס פֿאָרט?"

„נאַ, דאָס זאָג איך דאָך, ס'איז נישט דאָ פֿון וואָס צו לאַכען. . ." און זיי זיינען אַנשוויגען געוואָרען.

דורך דעם גערויש פֿון די כוואַליעס האָבען זיי בלויז ווען ניט ווען געקענט דערהערן אַ זיפֿץ אָדער אַ שטילען, צערטליך צוציהענדען געשריי.

צוויי וואָכען זיינען אַריבער און ס'איז ווידער אַמאָל געווען זונטאָג און ווידער אַמאָל איז אויף'ן זאַמד לעבען זיין שטיבעל געלעגען וואַסילי לעגאָסטעוו, האָט אַרויסגעקוקט אין ים אין געוואַרט אויף מאַלוואַ'ן. און דער ווּסטער ים האָט געלאַכט, זיך שפּילענדיג מיט דער זונן, וועלכע האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין איהם, און טויזענדער כוואַליעס זיינען געבוירען געוואָרען, זיינען אַרויפגעלאָפען אויף'ן געלען זאַמד, האָבען איבערגעלאָזט אויף איהם דעם שוים זייערן, זיך צוריק אַריינגעקאַטשעט אין ים און זיך פעראייניגט מיט איהם. אַלעס איז געווען אָקוראַט ווי פאַר פערצעהן טעג. נאָר וואַסילי, וועלכער האָט פריהער געוואַרט אויף זיין געליעבטע מיט אַ רוהיגער זיכערהייט, האָט איצט אַרויסגעקוקט אויף איהר מיט אונגעדולד. — פאָריגען זונטאָג איז זי ניט געקומען — היינט האָט זי זיך שוין געמוזט ווייזען. ער האָט ניט געצווייפעלט, אַז זי וועט קומען, נאָר ער האָט געוואונשען זי וואס גיכער צו זעהן. יאַקאָוו וועט היינט ניט שטערן; אייערנעכטען איז ער מיט עטליכע אַנדערע אַרבייטער געקומען נאָך'ן נעץ און האָט געזאָגט, אַז ער וועט זונטאָג אין דערפריה געהן אין שטאָדט אַריין, זיך קויפען העמדער. ער האָט זיך פערדונגען אויף דער פישעריי פאַר פופצעהן רובעל אַ מאָנאַט, איז שוין עטליכע מאָל אַרויס כאַפּען פיש און איצט זעהט ער אויס פלינק און לוסטיג. אַזוי ווי פון אַלע האָט זיך געהערט פון איהם אַריח פון געזאַלצענע פיש און ווי אַלע איז ער געווען שמוציג און אָבגעריסען. וואַסילי האָט אַ זיפץ געטהאָן ביי דעם געדאַנק וועגען זיין זוהן.

„ווער ווייסט, וואָס פֿון איהם וועט ווערן דאָ!. . . וועט איבערגעפֿיהרט ווערן ווי די אַנדערע. . . דאַן וועט ער נאָך מן הסתם ניט וועלען צוריקפֿאָהרען אין דאָרף אַריין. . . און איך וועל עס דאַן אַליין מוזען טהאָן. . .״

אַחוץ די טשאַיקעס האָט זיך קיין זאַך ניט געזעהן אויף׳ן ים. דאָרט, וואו ער האָט זיך אָבגעשטהיילט פֿון הימעל דורך אַ דינעם פּאַס פֿון דעם זאַמדיגען ברעג, האָבען זיך אַלע ווײַלע געוויזען קליינע שוואַרצע פּונקטען, וועלכע האָבען זיך בעוועגט אויף איהם און זיינען באַלד פֿערשוואונדען. און דאָס שיפֿעל איז נאָך אַלץ ניט ערשיענען, כאָטש ס׳איז שוין געוועזן מיטאָג-צייט; די זונען-שטראַהלען האָבען זיך איצט אַרונטערגעלאָזט ווי שפּיציגע פֿיילען פֿון אויבען אַראָב אין ים אַריין. אַרום דער צייט פֿלעגט שוין מאַלוואַ פֿריהער לאַנג זיין דאָ. צוויי טשאַיקעס זיינען אָנגעפֿאַלען איינע אויף די אַנדערע און האָבען זיך צושלאָגען אויבען אין דער לופֿטען. זייער בייזער געשריי האָט אַריבערגעשטיגען דאָס לוסטיגע ליעד פֿון די כוואַליעס, דאָס דאָזיגע שטענדיגע ליעד, וואָס איז אַזוי האַרמאָניש פֿערבונדען מיט דער פֿייערליכער שטילקייט פֿון דעם שטראַהלענדען הימעל, אַז עס האָט אויסגעוויזען אַזוי ווי אַ טאָן פֿון דעם פֿרעהליכען שפּיעלען פֿון די זונען-שטראַהלען אויף׳ן ים. די טשאַיקעס זיינען אַריינגעפֿאַלען אין וואַסער. מיט צאָרן האָבען זיי זיך פֿונאַנדערגעשריען און דערנאָך זיך ווידער אויפֿגעהויבען אין דער לופֿטען איינע נאָך די אַנדערע. . . . און זייערע חבר׳טעס—אַ גאַנצע מחנה—כאַפּען זיך דערווייל פֿיש, זיך אונטערטונקענדיג בעת מעשה אין דעם גרינעם, דורכזיכטיגען וואַסער, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען גאָר אָט דעם גאַנצען רשעות׳דיגען קאַמפּף ניט געזעהן.

וואַסילי קוקט אויף די טשאַיקעס און ס׳ווערט איהם אומעטיג אויף׳ן האַרצען. נאָך וואָס שלאָגען זיי זיך? וואָס זשע, פֿאַרהאַן צו ווייניג פֿיש אין ים?. . . פּונקט אַזוי

פֿער׳נמאס׳ן זיך די מענשען איינע די אַנדערע דאָס לעבען. איינער זוכט זיך אויס אַ ביסען און דער אַנדערער סטאַרעט זיך גלייך עס אַרויסרייסען ביי א׳הם פֿון מויל: — פֿאַר וואָס? ס׳איז דאָך פֿאַרהאַן נאָך אַנדערע ביסענס אין לעבען! פֿאַרוואָס זשע נעהמט מען אַוועק ביים מענשען גראָד דאָס, וואָס ער האָט פֿאַר זיך אויסגעזוכט?. . . אָפֿטמאָל ברעכט אויך דער דאָזיגער קנאה׳דיגער קאַמפּף אויס צוליעב אַ פֿרוי: איינער האָט אַ ווייב און אַן אַנדערער נעהמט זי ביי איהם צו, נאַרט זי ביי איהם אויס. נאָך וואָס אַוועקנעהמען, אַז עס זיינען דאָ אויף דער וועלט אַסך פֿרייע פֿרויען, וואָס געהערן צו קיינעם ניט? שלעכט איז אָט דאָס אַלעס, ווייל עס פֿערשאַפֿט עגמת נפֿש.

און דער ים איז געוועזן וויסט, און דאָרט וויט ביים ברעג האָט זיך נאָך אַלץ ניט געוויזען דער בעקאַנטער שוואַרצער פונקט. . .

„קומט ניט?" האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען אין דער הויך. „נו. . . דאַרף מען ניט! יאָ, דו האָסט זיך דאָך געריכט דערויף, ווי?"

און מיט אַ געפֿיהל פֿון פֿעראַכטונג האָט ער אַ שפּיי געטהאָן אין יענער זייט, פֿון וואַנעט די לאָדקע האָט געדאַרפֿט אָנקומען.

דער ים האָט געלאַכט.

וואַסילי האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז אַריין אין שטיבעל מיט דער אַבזיכט צו קאָכען מיטאָג, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער וויל גאָרניט עסען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צום אַלטען פּלאַץ זיינעם און זיך דאָרט אַנידערגעלייגט.

„וואָלט ווייניגסטענס סערעשקאַ געקומען!" האָט ער ביי זיך אין האַרצען אויסגערופֿען און האָט זיך געצוואונגען צו טראַכטען מכח סערעשקאַ׳ן.

„דאָס איז אַ גיפֿטיגער, פֿערביסענער בחור. פֿון אַלעמען מאַכט ער חוזק, אויף אַלעמען שטעלט ער אויס די קולאַ־

קעס זיינע. געזונד, קען לעזען און שרייבען, ערפאַהרען. . . נאָר אַ שכור. מיט איהם איז תמיד פריילאַך. . . די ווייבער ווערן איינפאַך די כפרה פאַר איהם און כאָטש ער איז דאָך נאָך גאָרניט לאַנג דאָ — לויפען זיי איהם אַלע נאָך. בלויז מאַלוואַ אַליין האַלט זיך ווייט פון איהם. . . קומט אָבער ניט. אַזאַ מין פערדאַמט ווייבעלע! אפשר איז זי ברוגז אויף מיר, וואָס איך האָב זי געשלאָגען? יאָ, איז דאָס עפּעס אַ נאָווינע ביי איהר? כ'מיין, ווי האָבען אַנדערע. . . געשלאָגען. . . יאָ, און ער וועט איהר נאָך איצט אויך ווייזען. . ."

אַזוי האָט וואַסילי געטראַכט אַ ווײַלע וועגען דעם זוהן, אַ ווײַלע וועגען סערעשקאַ'ן, און דאָס רוב מכח מאַלוואַ'ן, האָט זיך גערערעהט און געקעהרט אויף'ן זאַמד און געהאַלטען אין איין וואַרטען. די אונרוהיגע שטימונג האָט איהם ניט ווילענדיג אַרויפגעבראַכט אויף אַ פינסטערן, ביטערן געדאַנק, נאָר ער האָט זיך ניט געוואָלט לאַנג האַלטען דערביי. און אַזוי האָט ער פערבאָרגען אין זיך זיין פערדרוס און האָט פערבראַכט די צייט ביז אָווענד, דאָ אויפשטעהענדיג, דאָ אַרומגעהענדיג אַהין און אַהער אויף'ן זאַמד און דאָ זיך ווידער אַנידערלייגענדיג. דער ים איז שוין פינסטערלאַך געוואָרען, און ער האָט נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט אין דער ווייטענס און געוואַרט אויף דער לאָדקע. אָבער מאַלוואַ איז יענעם טאָג ניט געקומען.

אַז וואַסילי האָט זיך אָבער ענדליך אַנידערגעלייגט שלאָפען, האָט ער מיט אַ פערביטערט האַרץ אין זיך געשימפּט אויף זיין שטעלע, וועלכע ערלויבט איהם ניט אַריבערצוגעהן אויף דער אַנדער זייט ים, און אַז ער האָט שוין געהאַט איינגעשלאָפען, איז ער אָפט אויפגעשפּרונגען — אין מיטען שלאָף האָט ער געהערט ערגעץ־וואו אין דער ווייטענס אַ מין אַרומפּאַטשען אין וואַסער, אַזוי ווי אַ שיפעל וואָלט גערודערט אויף'ן ים. דאַן האָט ער צוגעלייגט זיין האַנד אַזוי ווי אַ שירם פאַר די אויגען און האָט

געקוקט אויף דעם פֿינסטערן, מוטנעם ים. אויף דער אַנדער זייט ביים ברעג האָבען געברענט צוויי פֿייערן אָבער אויף'ן ים האָט זיך קיינער ניט געזעהן. — „נאַ, זאָל זיין אַזוי, דו מכשפה!" האָט זיך וואַסילי געטראַכט. . . . און דאַן איז ער פֿערזונקען אין אַ טיעפֿען שלאָף.

ביי די פֿישערייען איז דעם טאָג פֿאָרגעקומען פֿאָלגענדעס:

יאַקאָוו איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿריה, ווען די זונן האָט נאָך ניט געברענט אַזוי שטאַרק און פֿון ים האָט געבלאָזען אַ פֿריש ווינטעל. פֿון דעם ביידעל איז ער אַוועק צום ים, כדי זיך אַרומצואוואַשען, און אַז ער איז צוגעקומען צום ברעג, האָט ער דערזעהן מאַלוואַ'ן. זי איז געזעסען אויף דעם הינטערשטען טהייל פֿון אַ גרויסער באַרקע, וועלכע איז געווען פֿעסט צוגעבונדען צום ברעג. די נאַקעטע פֿיס איהרע זיינען אַרונטערגעהאַנגען אין ים און זי איז געזעסען און האָט זיך געקעמט די נאַסע האָר.

יאַקאָוו איז געבליבען שטעהן און האָט זי אָנגעקוקט מיט זשאַדנע אויגען.

איהר באַנווילנע בלוזע, וועלכע איז געווען אָבגעקנעפעלט, האָט זיך איהר אַרונטערגעגליטשט פֿון איין אַקסעל, און דער אַקסעל איז געווען אַזוי ווייס, אַזוי אָנציהענד. די כוואַליעס האָבען זיך אַלע ווילע אָנגעשלאָגען אָן דעם טהייל פֿון דער באַרקע, וואו זי איז געזעסען, און אָט האָבען זיי איהר אויפֿגעהויבען אין דער הויך איבער'ן ים און אָט אַרונטערגעלאָזען אַזוי טיעף, אַז די נאַקעטע פֿיס איהרע האָבען כמעט אָנגעריהרט דאָס וואַסער.

„וואָס זשע, דו האָסט זיך געבאָדען?" האָט יאַקאָוו אַ געשריי געטהאָן צו איהר.

זי האָט זיך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צו איהם, האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איהרע פֿיס, דערנאָך פֿון דאָס ניי גענומען קעמען די האָר און געענטפֿערט:

„כ'האָב זיך געבאָדען. . . וואָס ביסט דו עפּעס אַזוי פֿריה אויפֿגעשטאַנען?"

„דו ביסט דאָך נאָך פֿריהער אויפֿגעשטאַנען. . ."

„וואָס האָסט דו צו קוקען אויף מיר?"

יאַקאָוו האָט געשוויגען.

„אַז דו וועסט לעבען וו איך, וועסט דו ניט קענען האַלטען דעם קאָפּ אויף זיך. . ." האָט זי געזאָגט.

„אָה! זעה נאָר זעה, ווי שרעקליך דו ביסט!" האָט יאַקאָוו געלאַכט, אין בעת מעשה האָט ער זיך איינגעבויגען און זיך גענומען אַרומוואַשען.

מיט דער האַנד האָט ער אָנגעשעפּט אַביסעל וואַסער, האָט עס אַריינגעשפּריצט אין געזיכט און געקרעכצט פֿון דער שטעכענדער פֿרישקייט, וואָס ער האָט דערפֿיהלט.— דערנאָך האָט ער זיך אָבגעווישט מיט'ן שפּיץ פֿון זיין העמד און אַ פֿרעג געטהאָן מאַלוואַ'ן:

„פֿאַרוואָס שרעקסט דו מיך אימער אַזוי?"

„יאָ, און פֿאַרוואָס קוקסט דו מיך אימער אָן?"

יאַקאָוו האָט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען, אַז ער זאָל האָבען געקוקט אויף איהר מעהר ווי אויף די אַנדערע פֿרויען, וואָס זיינען געווען בעשעפֿטיגט אויף דער פֿישעריי, אָבער ער האָט זיך פּלוצלינג אָבגערופֿען צו איהר:

„יאָ, פֿאַרוואָס טאַקי ניט?. . . זעה נאָר, ווי אַפּעטיטליך דו ביסט!"

„וואַרט אַקאָרשט, ווערט נאָר דער טאַטע געוואָהר דיינע שטיק — ער וועט דיר צוברעכען דעם האַלז און נאַקען, אַז דער אַפּעטיט וועט דיר שוין פֿערגעהן!"

מיט אַ גנב'ישען און חוצפה'דיגען בליק האָט זי איהם אַריינגעקוקט גלייך אין געזיכט אַריין.

יאַקאָוו האָט זיך צולאַכט און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער באַרקע. ער האָט נאָך אַלץ ניט בעגריפֿען פֿון וואָס פֿאַר שטיק זיינע זי רעדט, נאָר אַזוי ווי זי האָט עס פֿאָרט געזאָגט, האָט ער זי דאָך טאַקי געמוזט צו שאַרף אָנקוקען. און צוליעב אַ געוויסער אורזאַכע איז איהם געוואָרען אַנגענעהם און פֿריילאַך אויף'ן האַרצען.

„ווייס איך וואָס, דער טאַטע!" האָט ער זיך אָבגעַרופען און איז צוגעגאַנגען צו איהר. „וואָס זשע, ער האָט דיך עפּעס אָבגעקויפט?"

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהר און האָט געקוקט אויף איהרע נאַקעטע שולטערן, אויף איהר האַלב־נאַקעטער ברוסט, אויף איהר גאַנצע פרישע און שטאַרקע פיגור, וועלכע האָט אָבגעגעבען פון זיך דעם ריח פון ים.

„זעה נאָר. . . וואָס פאַר אַ שעהנער ווייסער פיש דו ביסט!" האָט ער זיך אָבגערופען ענטציקט, נאָכדעם ווי ער האָט זי גוט בעטראַכט.

„אָבער ניט פאַר דיר," האָט זי געענטפערט קורץ און שאַרף, האָט ניט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און ניט צו־רעכט געמאַכט איהר קאָסטיום.

יאַקאָוו האָט אַ זיפץ געטהאָן.

פאַר זיי איז געלעגען דער ווייטער ים אין די שטראַה־לען פון דער מאָרגען־זונן. קליינע כוואַליעס, וועלכע דער צערטליכער הויך פון'ם ווינד האָט געשאַפען, האָבען זיך שטילערהייט אָנגעשלאָגען אָן ברעג פון דער באַרקע. ווייט אין ים אויף דער אַנדער זייט האָט מען געזעהן די שטיק יבשה, וועלכע האָט אויסגעוויזען אַזוי ווי אַ קראַץ אויף זיין אַטלאַס־ווייסער ברוסט. און דאָרט אין דעם וויבען הינטערגרונד פון דעם בלויען הימעל האָט זיך אויפגעהוי־בען דער שטאַנג, ווי א דינער שטריך, און מען האָט גע־קענט זעהן, ווי די רויטע שמאַטע אויף'ן שפיץ שטאַנג פלאַטערט אין דער לופטען.

„יאָ, בחור'ל. . . ." האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופען, ניט אַ קוק געבענדיג אויף יאַקאָוו'ן. „געשמאַק בין איך, יאָ, נאָר ניט פאַר דיר. . . און איך בין אויך פון קיינעם ניט געקויפט. . . און דער טאַטע דיינער האָט איבער מיר קיין שום דעה ניט. איך לעב פאַר זיך אַליין. . . אָבער דו שאַר זיך נאָר ניט צו מיר, וואָרים איך וויל ניט שטעהן צווישען דיר און וואַסילי'ן. . . כ'וויל ניט האָבען קיין קריעג און אַלערליי צאַנקעריי. . . האָסט דו פערשטאַנען?"

„יאָ, וואָס טהו איך דען?" האָט יאַקאָוו ערשטוינט געפרעגט, „כ'טשעפע דאָך דיך ניט. . . כ'מאַך דאָך בלויז אזוי!"

„אפילו אָנריהרען טהאָרסט דו מיך ניט!" האָט מאַל־וואַ געזאָגט.

זי האָט דיזע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ פער־אַכטענדען טאָן, אַז אי דער מאַן, אי דער מענש אין יאַ־קאָוו'ן האָט זיך מיט אַ מאָל געפיהלט בעליידיגט. אַ היציגעס, כמעט בייזעס געפיהל האָט איהם דורכגענומען און די אויגען זיינע האָבען געבליצט פאַר אויפרעגונג.

„אָה—אָה? אַזוי גאָר, איך טהאָר ניט?" האָט ער אַ געשריי געטהאָן און זיך צוגערוקט נעהנטער צו איהר.

„טהאָרסט ניט!"

„נו נו? און אַ שטייגער ווען איך זאָל דיך פאָרט אָנריהרען?"

„ריהר מיך אַקאָרשט אָן!"

„וואָס וועט זיין?"

„וועסט קריגען פון מיר אַ זעץ אין מוח, אַז דו וועסט זיך אַריינקאַטשען אין וואַסער!"

„נאַ, פרואוו עס אַקאָרשט!"

„נו, ריהר מיך נאָר אָן!"

זיינע ברענענדע אויגען האָבען זי דורכגענומען, און פלוצלינג האָט ער מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס זי פעסט אַרומגעכאַפט פון דער זייט און האָט איהר צוגעדריקט דעם בוזים און דעם רוקען. זיך אָנריהרענדיג אָן איהר וואַרעמען און קרעפטיגען קערפער, האָט ער גענומען ברענען ווי אַ פייער און ס'האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען אין האַלז.

„נאַ! אַנו. . . שלאָג אַקאָרשט! נו. . . וואָס?"

„לאָז אָב, יאַשקאַ!" האָט זי געלאַסען געזאָגט און האָט זיך געסטאַרעט אַרויסרייסען פון זיינע צוקענדע אָרעמס.

„און דו האָסט דאָך מיר געוואָלט דערלאַנגען אַ זעץ אין מוח?"

„לאָז אָב! כ'זאָג דיר, דו וועסט האָבען אַ שוואַרצען סוף!"

„נו. . . דו דערשרעקסט מיך ניט!. . . אַך דו. . . אַזאַ מאַלינע!"

ער האָט זי צוגעפּרעסט צו זיך און מיט די דיקע ליפּען האָט ער געזויגען איהר רויטע באַק. זי האָט זיך היציג צולאַכט, האָט אָנגענומען יאַקאָוו'ן פֿעסט פֿאַר די הענד און זיך פּלוצלינג אַ וואָרף געטהאָן מיט איהר גאַנצען קערפּער פֿאָרווערטס. זיך אומאַרמענדיג זיינען זיי ביידע אַריינגעפֿאַלען אַזוי ווי אַ שווערע משא אין ים און זיינען פֿערשוואונדען אין שוים פֿון דעם פֿינאַנדערגעשפּריצטען וואַסער. גלייך נאָכדעם האָט זיך אויף'ן צורודערטען וואַסער געוויזען יאַקאָוו'ס נאַסער קאָפּ מיט אַ דערשראָקענעם אויסדרוק אין געזיכט, און לעבען איהם איז אַרויפֿגעשוואומען מאַלוואַ, אַזוי ווי אַ טשאַיקע. יאַקאָוו האָט פֿערצווייפֿעלט געפֿאָכעט מיט די הענד, געפּליושקעט דאָס וואַסער ארום זיך, געשריען און געליאַרעמט, און מאַלוואַ איז אַרומגעשוואומען אַרום איהם מיט אַ געלעכטער, האָט איהם בעשפּריצט דאָס געזיכט מיט געזאַלצענע וואַסער, האָט זיך אונטערגעטונקט, זיך בעהאַלטענדיג פֿאַר די פֿאָכענדע הענד זיינע.

„טייפֿעל!" האָט יאַקאָוו אַ געשריי געטהאָן סאָפּענדיג. „איך וועל דערטרונקען ווערן! ס'איז גענוג! ביי גאָט. . . כ'קען נאָך דערטרונקען ווערן! דאָס וואַסער. . . איז ביטער. . . אַך דו. . . כ'ווער דערטרונקע—ען!"

אָבער זי האָט איהם שוין צורוה געלאָזט; אַזוי ווי אַ מאַן איז זי צוגעשוואומען צום ברעג. דאָרט האָט זי זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף דער באַרקע, זיך אַנידערגעשטעלט אויף דעם שטייער-טהייל און לאַכענדיג געקוקט אויף יאַקאָוו'ן, וועלכער איז שנעל צוגעשוואומען צו איהר. די אָבשפּרינגענדע פֿאָרמען פֿון איהר גאַנצען קערפּער, פֿון די

קניע ביז די שולטערן, האָבען זיך אַרויסגעזעהן גאַנץ בולט פֿון אינטער איהר נאַס קלייד, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן איהר לייב; און יאַקאָוו, נאָכדעם ווי ער איז צוגעשוואומען צום שיפֿעל, האָט זיך פֿעסט אָנגעהאַלטען אָן דעם און אָנגעקוקט מיט גיעריגע אויגען די דאָזיגע נאַסע, כמעט נאַקעטע פֿרוי, וועלכע האָט זיך לוסטיג געמאַכט איבער איהם.

„נו, קום אַקאָרשט אַרויס. . . ים־הונד!" האָט זי מיט אַ געלעכטער געזאָגט; דערנאָך האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע, האָט איהם דערלאַנגט איין האַנד און מיט דער אַנדערער האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם דעק פֿון דער באַרקע.

יאַקאָוו האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנד און בעגייסטערט אַ געשריי געטהאָן:

„נו. . . יעצט האַלט זיך! כ'וועל דיך אָבבאָדען!"

ער האָט זי אַרונטערגעצויגען, שטעהענדיג ביז די שולטערן אין וואַסער; די כוואַליעס זיינען איהם אַריבער־געלאָפֿען איבער'ן קאָפּ, האָבען זיך אָנגעשלאָגען אָן שיפֿעל און אַריינגעשפּריצט מאַלוואַ'ן אין פּנים אַריין. זי האָט פֿערמאַכט די אויגען, האָט זיך צולאַכט אויף'ן קול און איז מיט אַ קוויטש אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, אומוואָרפֿענדיג יאַקאָוו'ן מיט דער שווערקייט פֿון איהר קערפּער.

און פֿון דאָס ניי האָבען זיי זיך אָנגעפֿאַנגען שפּיעלען, אַזוי ווי צוויי גרויסע פֿיש אין גרינליכע וואַסער, האָבען זיך איינע די אַנדערע בעשפּריצט און געקוויטשעט, געסאָפּעט, געליאַרעמט און זיך אונטערגעטונקט.

מיט אַ שמייכעל האָט זיך די זונן צוגעקוקט צו זיי און די שויבען פֿון די פֿישער־שטיבלאַך האָבען אויך געלאַכט און אָבגעשפּיגעלט די זונן. די כוואַליעס האָבען גערוישט, און די טשאַיקעס, וועלכע זיינען געווען אויפֿגערעגט איבער די רייסעריי פֿון צוויי מענשען, זיינען געפֿלויגען מיט אַ קוויטשעריי איבער זייערע קעפּ, וועלכע זיינען

פערשוואינדען אונטער די כוואליעס, וואס זיינען אנגעקומען פון דער ווייטענס. . .

מיעד און הוסטענדיג פון די וואסער, וואס זיי האבען פערשלונגען, זיינען זיי ענדליך ארויסגעקראכען צום ברעג און האבען זיך אנידערגעזעצט אפרוהען אין דער זונן.

„פע!" האט זיך יאקאוו אבגערופען, האט געמאכט א זויערן פנים און אויסגעשפיגען, „אט דאס הייסט אביסעל געמיינע וואסער! דערפאר איז אויך פארהאן אזא סך!"

„שלעכטעס, געמיינעס איז פארהאן פיעל אין דער וועלט. . . יונגע לייט, למשל. . . אך, דו ליעבער גאט, אזוי פיעל!" האט זיך מאלוואַ צולאכט, אויסקוועטשענדיג בעת מעשה דאס וואסער פון איהרע האר. . .

זי האט געהאט דונקעלע האר, און כאטש ניט לאנג, זיינען זיי דאך געוועזן געדיכט און קרייזעלדיג.

„אט אפנים דערפאר האסט דו זיך אויסגעזוכט דעם אלטען," האט יאקאוו געזאגט מיט א בייזען געלעכטער און האט איהר דערביי א שטויס געטהאן מיט'ן עלענבויגען אין זייט.

„פארהאן אלטע, וואס זיינען בעסער איידער די יונגע."

„אז דער טאטע איז גוט, מוז דאך דער זוהן זיין נאך בעסער. . ."

„זעה נאר זעה! וואס פאר א וועזען ער מאכט דאס פון זיך!"

„מיר האבען אפט די מיידלאך אין דארף געזאגט, אז איך בין גארניט קיין שלעכטער יונג."

„וואס פערשטעהען די מיידלאך דערפון? דאס דארפסט דו מיך פרעגען. . ."

„און וואס ביסט דו אזוינס? ביסט דו ניט קיין מיי-דעל?"

זי האט איהם אויפמערקזאם אנגעקוקט, ער האט גע-לאכט. מיט אמאל איז זי געווארען ערנסט און מיט א צארנדיגען טאן האט זי געזאגט:

„כ׳בין געווען, נאַר. . . איינמאָל האָב איך געהאַט אַ קינד!״

„דאָס איז קורץ און שאַרף, אָבער ניט גוט,״ האָט יאַקאָוו געזאָגט און האָט זיך צולאַכט אויף׳ן קול.

„נאַרישער בחור!״ האָט איהם מאַלוואַ אַ זאָג געטהאָן און זיך אָבגעקעהרט פון איהם.

יאַקאָוו איז געוואָרען שטיל ווי אַ קאָטינקע, האָט צו־נויפגעפרעסט די ליפען און געשוויגען.

אַ האַלבע שעה האָבען זיי ביידע געשוויגען שטיל און האָבען זיך אַזוי אַרומגעדרעהט אין דער זונן, כדי די נאַסע קליידער זייערע זאָלען זיך קענען שנעלער אויסטריקנען.

אין די קאַזאַרמעס — לאַנגע שמוציגע שטאַלען מיט אַ משופע׳דיגען דאַך — זיינען די אַרבייטער אויפגעשטאַנען פון שלאָף. פון דער ווייטענס האָבען זיי אַלע אויס־געזעהן עהנליך איינע צו די אַנדערע — אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע, באָרפוסע געשטאַלטען. . .

זייערע הייזעריגע שטימען האָבען אָבגעקלונגען ביז צום ברעג, אימיצער האָט געקלאַפט אויף׳ן דעק פון אַ ליידיגער פאַס; דאָס זיינען געווען דומפפע קלעפ, אָקוראַט ווי די גרויסע פויק וואָלט געקלאַפט. צוויי פרויען האָבען זיך אַרומגעריסען, געשימפפט איינע די אַנדערע און אַ הונד האָט געבילט.

„זיי שטעהען שוין אויף,״ האָט זיך יאַקאָוו אָנגערופען.

„און איך האָב דאָך געוואָלט היינט פריה פאָהרען אין שטאָדט אַריין. . . און דאָ האָב איך גאָר די צייט פער־שפיעלט מיט דיר. . .״

„מיט מיר אינאיינעם טרעפט קיין גוטעס ניט,״ האָט זי געזאָגט שפאַסענדיג אָדער פיללייכט ערנסט.

„וואָס שרעקסט דו מיך אימער אַזוי?״ האָט זיך יאַ־קאָוו אָבגערופען מיט אַ שמייכעל.

„ועסט שוין זעהן, ווי דער טאַטע וועט דיך.

דאָס דאָזיגע דערמאָהנען איהם אָן דאָ פאָטער האָט איהם בייז געמאַכט

„יואָס טאַטע! נו?" האָט ער מיט אַ גראָבען טאָן געזאָגט. „טאַטע! איך בין שוין ניט קיין קליין אינגעל... וואָס האָט עס צוטהאָן איינס מיט דאָס אַנדערע... דאָ זיינען ניט יענע זיטען... איך בין ניט בלינד, כ'זעה ניט, וואָס?... ער איז אַליין אויך קיין צדיק ניט... ער טהוט זיך אויך ניט אָן קיין צוואַנג... נו, לאָז מיך בעסער צו רוה..."

זי האָט איהם מיט שפּאָט אַריינגעקוקט אין געזיכט אַריין און אַ פרעג געטהאָן נייגיעריג:

„דיך צו רוה לאָזען? וואָס האָסט דו פאַרט אין זינען?"

„איך?" ער האָט אָנגעבלאָזען זיינע באַקען און אויפגעהויבען די ברוסט זיינע, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אויפגעהויבען אַ שווערע זאַך. „איך? איך קען פיעלעס! די ריינע לופט האָט מיך שוין גענוג דורכגענומען און האָט אַראָבגעבלאָזען פון מיר דעם דאָרפישען שטויב."

„דאָס איז אַביסעל צו שנעל געגאַנגען!" האָט איהם מאַלוואַ איבערגעשלאָגען די רייד.

„יואָס הייסט? כ'וועל דיך אָברייסען פון'ם טאַטען."

„געה שוין געה, ניט מעגליך!"

„אָט אַפנים דו מיינסט איך וועל מורא האָבען, צי וואָס?"

„וואָס זשע, ניין?"

„הער אויס, דו," האָט יאַקאָוו אויפגערעגט און פייערדיג געזאָגט, „זאָלסט מיך ניט רייצען! איך... היט זיך!"

„וואָס?" האָט זי רוהיג געפרעגט.

„גאָרנישט!"

איצט האָט ער זיך אָבגעקעהרט פון איהר און האָט געשוויגען, ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ סמיעלער און זעלבסטבעוואוסטער יונג.

„אַה, דו ביסט היציג! האָסט דאָך געזעהן ביים אויפזעהער אַ שוואַרץ הינטעל? דאָס איז אויך אַזוי ווי דו. פון ווייטען בילט עס, מאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי ס'וואָלט

גרייט געווען צו בייסען; ווי מען קומט אָבער צו נאָהענט צו איהם, פערדרעהט עס דעם עק און לויפט אַוועק!"

„נו, ס'איז שוין גוט!" האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופען, ווערענדיג וואָס ווייטער אַלץ צאָרנדיגער. „וואַרט אַקאָרשט! וועסט זעהן, ווער איך בין, וועסט שוין זעהן!"

און זי האָט איהם אַריינגעלאַכט גלייך אין פנים אַריין.

דאָ איז צוגעקומען צו זיי מיט לאַנגזאַמע טריט אַ הויכגעוואַקסענער, שטאַרקער מאַן פון בראָנז־קוליער, מיט אַ געדיכטער טשאָפּרינע פון צושויבערטע, פלאַמענד־רויטע האָר.

זיין העמד פון רויטע באַנווילנע צייג, אָהן אַ גאַרטעל, איז אויף'ן רוקען כמעט ביז'ן קאָלנער געווען צוריסען, און כדי די אַרבעל זאָלען איהם ניט אַרונטערפאַלען פון די אָרעמס, האָט ער זיי פערקאַטשעט אַרויף ביז די שולטערן. די הויזען האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זאַמלונג פון פערשיעדענאַרטיגע לעכער, די פים זיינען געווען נאַקעט. אויף זיין געזיכט, וואָס איז געווען בעזעעט מיט פרישטשיקעס, האָבען געבלישטשעט אַ פּאָר גרויסע, בלויע אויגען, און די ברייטע פלאַטשיגע נאָז האָט דער גאַנצער פיגור זיינער געגעבען אַ מורא'דיג פרעכעס אויסזעהן. אַז ער איז צוגעקומען צו זיי, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געגלאַנצט אין דער זונן מיט זיין פלייש, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די פיעלע לעכער אין זיין קאָסטיום, האָט געשנאָרכעט מיט דער נאָז און געמאַכט אַ לעכערליכע העויה.

„נעכטען האָט סערעשקאַ גענומען אַ טרונק בראַנפען און היינט איז ביי סערעשקאַ'ן אין קעשענע, אַזוי ווי אין אַ פאַס אָהן אַ דנאָ. אַנטלייהט מיר אַ צוואַנציגער!"

יאַקאָוו האָט געלאַכט איבער סערעשקאַ'ס געשיקטער רעדע, און מאַלוואַ האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען אין זיין מראַנטעוואַטער פיגור.

„גיט דאָך אַהער, צום טייוועל! כ'וועל אייך חתונה מאַכען פאַר אַ צוואַנציגער! — ווילט איהר?"

„אַך, דו ליִ איינער! וואָס ביסט דו, אַ פּאָפּ?" האָט יאַקאָוו געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

„עזעלקאָפּ! כ'האָב ביי אַ פּאָפּ אין אוגליטש אַלס דוואָרניק געדיענט... גיב אַהער דעם צוואַנציגער!"

„איך וויל ניט חתונה האָבען!" האָט יאַקאָוו געזוכט זיך אַרויסצודרעהען פון איהם.

„אַליִ איינס—גיב נור! כ'וועל ניט דערצעהלען דעם טאַטען דיינעם, אַז דו שאַרסט זיך צו זיין ליובאָווניצע," האָט זיך סערעשקאַ געהאַלטען ביי זיינס און האָט מיט דער צונג בעלעקט די טרוקענע, צושפּאָלטענע ליפּען.

„קענסט דערצעהלען דיינע ליגענס, ער וועט דיר סיי ווי סיי ניט גלויבען..."

„אַז איך וועל עס איהם דערצעהלען, וועט ער עס שוין גלויבען!" האָט סערעשקאַ געזאָגט בעשטימט, „און קלעפּ וועט ער דיר געבען — אַך, און נאָך וואָס פאַר קלעפּ!"

„כ'האָב קיין מורא ניט," האָט יאַקאָוו געשמייכעלט.

„נו, דאַן וועל איך דיך אַליין שלאָגען!" האָט סערעשקאַ מיט אַ רוהיגען טאָן געזאָגט און די אויגען זיינע זיינען קליין געוואָרען.

יאַקאָוו האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו געבען דעם צוואַנציגער, נאָר מען האָט איהם געזאָגט, אַז מיט סערעשקאַ'ן איז ניט גוט זיך אָנצוהויבען און אַז עס איז אימער אַם בעסטען, צו ערפילען זיין וואונש. קיין סך פערלאַנגט ער ניט, נאָר אַז מען גיט איהם גאָרנישט,— טהוט ער אין דער אַרבייטס־צייט אָב וועלכע ניט איז שוויי־נעריי אָדער ער צו'הרג'עט איינעם מיר נישט דיר נישט די ביינער. יאַקאָוו האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלעמען, האָט אַ זיפץ געטהאָן און אַריינגעשטעקט די האַנד אין קעשענע.

„אָט אַזוי!" האָט איהם סערעשקאַ אויפגעמונטערט און זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהם אויף'ן זאַמד. „דו

פאָלג מיר אַקאָרשט, וועסט דו קלוג ווערן. נאַ, דו,״ האָט ער זיך געווענדעט צו מאַלוואַ׳ן; „וואָס זשע, וועסט דו אין גיכען חתונה האָבען מיט מיר? גרייט זיך שנעלער צו. . . לאַנג וועל איך ניט וואַרטען אויף דיר.״

„לומפּ, דו. . . פערנעה אַפריהער די לעבער דיינע, דאַן וועלען מיר ריידען דערפון,״ האָט געענטפערט מאַרוואַ.

סערעשקאַ האָט מיט קריטישע בליקען בעטראַכט זיינע לעבער און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

„אַה, דו, גיב מיר אַקאָרשט בעסער דיין אונטער־ראָק!״

„אָט האָט איהר עס!״ האָט זיך אָבגערופען מאַלוואַ מיט אַ געלעכטער.

„נו אַוודאי! גיב אַהער — האָסט דאָך מן הסתם אַן אַלטען?״

„יאָ, אָבער קויף זיך פאָרט אַ פּאָר הויזען,״ האָט איהם מאַלוואַ אַן עצה געגעבען.

„ניין, כ׳וועל בעסער פער׳שכור׳ן דאָס געלד. . .״

„בעסער!״ האָט זיך יאַקאָוו צולאַכט, האַלטענדיג פיער פינפער אין דער האַנד.

„נו יאָ, פאַרוואָס דען ניט? מיר האָט דער פּאָפּ געזאָגט, דער מענש, זאָגט ער, זאָל זיך ניט זאָרגען פאַר זיין פעל נאָר פאַר זיין נשמה. יאָ, און מיין נשמה פערלאַנגט שנאַפּס און ניט קיין הויזען. גיב אַקאָרשט אַהער דאָס געלד! נו, וועל איך נעהמען אַ גלעזעל. . . און דעם טאַטען וועל איך פונדערסט־וועגען פאָרט דערצעהלען וועגען דיר.״

„דערצעהל, דערצעהל נור!״ האָט יאַקאָוו אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, האָט פלינק אַ פינטעל געטהאָן מיט׳ן אויג צו מאַלוואַ׳ן און איהר אַ שטופּ געגעבען אין פּלייצע.

סערעשקאַ האָט עס בעמערקט, האָט אויסגעשפּיגען און געזאָגט:

„און דיר דורברעכען די ביינער וועל איך אויך ניט

פֿערגעסען. . . לאָמיך אַקאָרשט האָבען צייט דערצו—אַוועל־כע קלעפּ וועל איך דיר געבען!"

„יאָ, אָבער פֿאַרוואָס?" האָט יאַקאָוו אונרוהיג גע־פֿרעגט.

„איך וויים שוין פֿאַרוואָס. . . נו, וואָס הערט זיך? ווערסט אַלזאָ אין גיכען חתונה האָבען מיט מיר?" האָט ער זיך געווענדעט צו מאַלוואַ'ן.

„דו, דערצעהל מיר אַקאָרשט, וואָס מיר וועלען טהאָן און ווי אַזוי מיר וועלען לעבען. . . דאַן וועל איך זיך מישב זיין. . ." האָט זי ערנסט געזאָגט.

סערעשקאַ האָט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען גע־קוקט אויף'ן ים, האָט זיך בעלעקט די ליפּען און געענט־פֿערט:

„מיר וועלען גאָרנישט טהאָן. . . מיר וועלען זיך אַרומטרייבען אויף דער ערד."

„און עסען. . . וואו וועלען מיר עס נעהמען?"

„נו נו," האָט זיך אָבגערופֿען סערעשקאַ, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד, „דו רעדסט אָקוראַט ווי מיין מאַמע. וואָס און פֿון וואַנעט? אַ לאַנגווייליג פֿאָלק איהר ווייבער! וויים איך דען, פֿון וואַנעט און וואָס? כ'וועל געהן נעהמען אַ גלעזעל. . ."

ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועק פֿון זיי, בעגלייט פֿון מאַלוואַ'ס מאָדנעם שמייכעל און פֿון יאַקאָוו'ס פֿיינד־ליכען בליק.

„זעה נאָר זעה, וואָס פֿאַר אַ פּריץ!" האָט זיך אָב־גערופֿען יאַקאָוו, בעת סערעשקאַ איז שוין געווען ווייט פֿון זיי. „ביי אונז אין דאָרף וואָלט מען אויף גיך פֿאַרטיג גע־וואָרען מיט אַזאַ בחור. . . מען וואָלט איהם גוט דורכגע־דראָשען דיביינער און געגוג. . . דאָ ציטערט מען פֿאַר איהם. . ."

מאַלוואַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און צווישען די ציינער געזאָגט:

„אַך, דו שנעקעל! אָט אַפנים דו ווייסט דען וואָס ער איז ווערטה?"

„וואָס איז דאָ פֿאַרהאַן צו וויסען? דער פריין פֿאַר אַזעלכע איז אַ פֿינפֿער פֿאַר אַ בינטעל, אי דאָס מוזען זיין הונדערט שטיק אין בינטעל!"

„נאַ!" האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופֿען מיט שפּאָט. „דאָס איז דיין ווערטה. . . ער און. . . ער איז געווען איבעראַל, איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד און האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט."

„יאָ, און פֿאַר וועמען האָב איך מורא?" האָט יאַקאָוו מוטהיג נעפֿרעגט.

זי האָט איהם ניט געענטפֿערט. פֿערטראַכטערהייט האָט זי געקוקט אויף דעם שפּיעל פֿון די כוואַליעס, וועלכע זיינען אַלע ווילע אַרויפֿגעלאָפֿען אויף'ן ברעג און האָבען צושאָקעלט די שווערע באַרקע. איהר מאַטשט האָט זיך געוואָרפֿען פֿון איין זייט אויף דער אַנדערער און דער שטייער־טהייל האָט זיך אַלע ווילע אויפֿגעהויבען און איז מיט גערויש אַרונטערגעפֿאַלען אין וואַסער. דער טאָן איז געווען אַ הויכער און אַ בייזער — עפּעס אַזוי ווי די באַרקע וואָלט זיך וועלען אָברייסען פֿון ברעג און אַוועק־שווימען אין פֿרייען, ווייטען ים אַריין און זי בייזערט זיך אויף דעם שטריק, וואָס האַלט זי פֿעסט.

„נו, פֿאַרוואָס גערסט דו ניט אַוועק?" האָט מאַלוואַ אַ פֿרעג געטהאָן יאַקאָוו'ן.

„וואוהין ווילסט דו זאָל איך געהן?" האָט ער געענט־פֿערט.

„האָסט דאָך געוואָלט אַריבערגעהן אין שטאָדט".

„כ'וועל ניט געהן!"

„נאַ, טו פֿאָהר צום טאַטען."

„און דו?"

„וואָס?"

„וועסט אויך פֿאָהרען?"

„ניין."

„נו, איך אַלזאָ אויך ניט.“

„וואָס זשע, וועסט ליגען אַ גאַנצען טאָג דאָ לעבען מיר?“ האָט מאַלוואַ רוהיג געפרעגט.

„שטאַרק נייטיג דאַרף איך דיך ניט האָבען...“ האָט יאַקאָוו נעענטפערט מיט כעס, איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען.

אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט דערמיט וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף זי ניט האָבען. אָהן איהר איז איהם געוואָרען לאַנגווייליג. אַ מאָדנע געפיהל האָט זיך דערוועקט אין איהם נאָך דעם געשפרעך, וואָס ער האָט מיט איהר געהאַט — אַ פינסטערער ווידערשפרוך געגען דעם פאָטער זיינעם, אַ מין אונצופריעדענהייט געגען איהם. נעכטען איז נאָך דאָס דאָזיגע געפיהל ביי איהם ניט געווען, היינט אויך ניט, ביז וואַנעט ער האָט זיך בעגעגענט מיט מאַלוואַ'ן... און איצט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, עפּעס אַזוי ווי דער פאָטער וואָלט איהם ווי עס איז געשטאַנען אין וועג, כאָטש ער האָט זיך געפונען דאָרט וויים אין ים, אויף יענעם שטיקעל יבשה, וואָס מען קען קוים אָנזעהן מיט'ן אויג...

דאַן האָט זיך איהם געדוכט, אַז מאַלוואַ האָט מורא פאַר'ן פאָטער זיינעם. — יאָ, ווען זי וואָלט נור קיין פחד ניט געהאַט... וואָלט גאַנץ אַנדערש געווען. — איצט האָט ער זיך געפיהלט זעהר סקוטשנע אָהן איהר, כאָטש אין דער פריה האָט ער זי גאָר אין זינען ניט געהאַט.

און אַזוי האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין דער פּי־שערייַ, האָט כמעט ניט אַ קוק געטהאָן אויף די פערביי־געהער און קוים אויסגערעדט מיט זיי אַ פּאָר ווערטער.

נאָר זעה, אין שאָטען פון דער קאַזאַרמע זיצט אויף אַ פאַס אָט דער סערעשקאַ, שפּיעלט אויף אַ באַלאַלייקע, זינגט זיך צו און מאַכט דערביי אַלערליי העוויות:

הערררר גאָראָדאָוואָי!
זייט אַקאָראַט העפליך מיט מיר!
פיהרט מיך אָב אין אוטשאַסטאָק,
אַניט פאַל איך־אַריין אין רינשטאָק...“

אַרום איהם שטעהן אַרומגעשטעלט עטליכע און צוואַנציג אַזעלכע אָבגעריסענע שלעפּער ווי ער, און זיי אַלע, ווי איבערהויפּט אַלעס וואָס געפינט זיך דאָ, שמעקט נאָך געזאַלצענע פיש. פיער מיאוס׳ע און קויטיגע ווייבער זיצען ניט ווייט פון דיזער גרופּע אויף׳ן זאַמד, טרינקען טהע, וואָס זיי גיסען אויס פון אַ גרויסער בלעכענער קאַן.— דאָרט ליגט אַן אַרבייטער שוין שכור, כאָטש ס׳איז נאָך אַזוי פריה, ער וואַלגערט זיך אין זאַמד, סטאַרעט זיך אויפשטעהן און פאַלט ווידער אום. פון ערגעץ־וואו קומט דאָס ביטערע געוויין פון אַ פרוי, ערגעץ־וואו הערען זיך די טענער פון אַ צובראָכענער האַרמאָניקאַ. . . און אומעטום גלאַנצען פיש־שופּען.

אַרום מיטאָג־צייט האָט זיך יאַקאָוו אויסגעזוכט אַ שאָטיגען שטיקעל פּלאַץ צווישען הויפענס פון ליידיגע פעסער, האָט זיך אַנידערגעליינט און איז געשלאָפען ביז׳ן אָוועגד; אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער ווידער אָנגעהויבען אַרומבלאָנקען אָהן אַ בעשטימטען ציעל אין דער פישעריי, — ס׳האָט איהם געצויגען ערגעץ־וואו.

נאָכדעם ווי ער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ פּאָר שטונדען, האָט ער ווייט פון דער פישעריי אונטער אַ בוימעל פון יונגע זילבער־בלעטער געפונען מאַלוואַ׳ן. זי איז געלעגען אויף דער זייט, האָט געהאַלטען אין דער האַנד א צוריסענעם בוך און אָנגעקוקט יאַקאָוו׳ן מיט אַ שמייכעל.

„זעה נאָר, דו ביסט גאָר דאָ!" האָט ער געזאָגט און זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהר.

„דו זוכסט מיך שוין לאַנג?" האָט זי איהם א פרעג געטהאָן.

„וואָס זשע, כ׳האָב דיך דען געזוכט?!" האָט יאַקאָוו אויסגערופען, און פּלוצלינג האָט ער בעגריפען, אַז דאָס איז טאַקי אַזוי: די גאַנצע צייט פון אין דער פריה ביז איצט האָט ער זי אַרומגעזוכט, אַליין ניט מערקענדיג, אַז ער טהוט עס. און אין ספק האָט ער אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

„קענסט לעזען?" האָט זי איהם געפֿרעגט.

„יאָ, כ'קען... נאָר שלעכט... כ'האָב שוין אַלעס פֿערגעסען."

„און איך קען אויך שלעכט לעזען. וואָס זשע, דו האָסט עס געלערנט אין שולע?"

„יאָ, אין דער זעמסקי."

„און איך האָב זיך עס אַליין אויסגעלערנט..."

„נו נו!"

„ווירקליך. אין אַסטראַכאַן בין איך געווען אָנגעשטעלט אַלס קעכין ביי אַן אַדוואָקאַט, און דער זוהן זיינער האָט מיך געלערנט לייענען."

„אַלזאָ פֿאָרט ניט אַליין..." האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופֿען.

זי האָט איהם אָנגעקוקט און פֿון דאָס ניי געפֿרעגט:

„האָסט דו אויך חשק צו לייענען ביכער?"

„איך? ניין... וואָס שטעהט דען דאָרט אין זיי?"

„איך האָב ליעב צו לייענען... כ'האָב אויך איצט אויסגעבעטען אַ בוך ביים אויפֿזעהער'ס ווייב און לייען..."

„יועגען וואָס פֿאָרט?"

„וועגען אַלעקסיי, דעם גאָטעס-מענשען."

און נאָכדעם ווי זי האָט איהם מיט געפֿיהל דערצעהלט, ווי אַזוי אַ אינגעל — אַ זוהן פֿון רייכע און אָנגעזעהענע עלטערן—איז אַוועק פֿון זיי און פֿון זיין גליק און דערנאָך צוריקגעקומען צו זיי אַלס בעטלער, אָבגעריסען און אָבגעשליסען, ווי ער האָט געלעבט אויף'ן הויף אינאיינעם מיט די הינד און ביז'ן טויט זיינע עלטערן ניט געזאָגט, ווער ער איז, — האָט מאַלוואַ שטילערהייט אַ פֿרעג געטהאָן יאַקאָוו'ן:

„פֿאַרוואָס האָט ער אַזוי געטהאָן?"

„ווער ווייס...!" האָט יאַקאָוו געענטפֿערט גלייכגילטיג.

די בערגלאַך זאַמד, וואָס דער ווינד און די כוואַליעס האָבען אָנגעוואָרפֿען, האָבען זיי אַרומגערינגעלט. — פֿון

דער וויטענס האָט זיך געהערט אַ פֿערשטיקטער און דונקעלער גערויש—מען האָט געליאַרמט אויף דער פֿישעריי.

די זונן איז אַרונטערגעגאַנגען און אויף'ן זאַמד האָט זיך אָבגעשטעלט אַ ראָזעווע אָבשפּיגלונג פֿון איהרע שטראַהלען. די קלענגליכע בוימלאַך האָבען זיך אַביסעל געשאָקעלט מיט זייערע אָרעמע בלעטער אונטער דעם לייכטען ווינטעל, וואָס איז געקומען פֿון ים. מאַלוואַ האָט געשוויגען און זיך צו עפּעס צוגעהערט.

„פֿאַרוואָס ביסט דו עפּעס הײנט ניט אַריבערגעפֿאָהרען אַהין. . . אויף דער אַנדער זייט?"

„וואָס איז דאָס דיין עסק?"

יאַקאָוו האָט אָבגעריסען אַ בלאַט און עס גענומען קייען, האָט געוואָרפֿען גיעריגע אויגען צו מאַלוואַ'ן און געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי ער זאָל אַרויסזאָגען דאָס, וואָס איז איהם געלעגען אויף'ן האַרצען.

„איך. . . אַז איך בין אַליין און אַרום מיר איז אַזוי שטיל. . . גלוסט זיך מיר וויינען. . . אָבער איך קען ניט קיין גוטע ליעדער, און וויינען שעהם איך זיך. . ."

יאַקאָוו האָט זיך צוגעהערט צו איהר פֿולער און צערטליכער שטימע, אָבער דאָס וואָס זי האָט גערעדט איז איהם ווינציג וואָס אָנגעגאַנגען, ס'האָט בלויז זיין פֿערלאַנג נאָך שאַרפֿער געמאַכט.

„הער אַקאָרשט אויס," האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופֿען מיט אַ טיעפֿען קול, איז צוגעגאַנגען נאָהנט צו איהר, האָט אָבער אויף איהר קיין קוק ניט געגעבען, „הער אַקאָרשט, וואָס איך וועל דיר זאָגען. . . איך בין אַ יונגער בחור. . ."

„און דום, דום דערצו!" האָט מאַלוואַ מיט אַן איבערציינגטען טאָן אונטערגעכאַפּט, צושאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ.

„זאָל זיין אַזוי, בין איך דום," האָט זיך יאַקאָוו מיט אַמאָל צוקאָכט. — „וואָס זשע, מען מוז דוקא האָבען

פֿערשטאַנד דערצו? דום—זאָל זיין אַזוי! כ'וועל עס דיר גלייך זאָגען—ווילסט דו מיט מיר..."

„רייד גאָרניט... איך וויל ניט!"

„וואָס?"

„גאָרנישט!"

„מאַך ניט קיין דומהייטען," — און ער האָט זי פֿאָר־זיכטיג אָנגענומען ביי דער שולטער. „זיי זיך מישב..."

„טראָג זיך אָב פֿון דאַנעט, יאַשקאַ!" האָט זי געזאָגט מיט אַ רויהען טאָן און אָבגעטרייסעלט זיין האַנד פֿון זיך. „גער!"

ער איז אויפֿגעשטאַנען און האָט זיך אומגעקוקט.

„נו... אַז דו ביסט אַזוי... איז מיין כּפּרה! פֿון אייער סאָרט איז דאָ פֿאַ־האַן גענוג... דו מיינסט — דו ביסט בעסער, איידער אַנדערע?"

„ביסט אַ גרינהאָרן," האָט זי רוהיג געזאָגט, איז אויפֿגעשטאַנען און אָבגעטרייסעלט דעם זאַמד פֿון איהר קלייד.

און זיי זיינען געגאַנגען איינע לעבען אַנדערן צו דער פֿישעריי. זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, ווייל די פֿיס זייערע זיינען געבליבען שטעקען אין זאַמד. יאַקאָוו האָט אַלע ווילע געביטען דעם טאָן; אָט האָט ער איהר גאַנץ גראָב צוגערעדט, זי זאָל נאָכגעבען זיין פֿערלאַנג און אָט האָט ער איהר מיט פֿעראַכטונג בעוויזען, אַז זי איז ניט די איינציגע אויף דער פֿישעריי און ניט די בעסטע פֿין די אַנדערע פֿרויען, אָבער זי האָט זיך רוהיג און קאַלטבלוטיג געלאַכט און איהם געענטפֿערט מיט בייסענדע ווערטער אויף זיינע רייד.

אַז זיי זיינען צוגעקומען צו די פֿישער־קאַזאַרמעס, האָט ער זיך פּלוצלינג אָבגעשטעלט און זי אָנגעכאַפּט פֿאַר דער שולטער.

„און דאָך רעגסט דו מיך מיט אַ כיוון אַזוי אויף?! וואַרום טהוסט דו עס? כ'וועל דיר... גיב אַקאָרשט אַכ־טונג!"

„טראָג זיך, זאָג איך!“ זי האָט זיך אויסגעדרעהט פֿון זיין האַנד און איז אַוועק ווייטער; הינטער'ן עק פֿון דער קאַזאַרמע איז איהר סערעשקאַ אַנטקעגנען געקומען, האָט געשאָקעלט מיט זיין צושויבערטען פֿייער־קאָפּ און געזאָגט:

„איהר האָט אַרומגעהוליעט? גוט!“

„טראָגט זיך אַלע צום טייוועל!“ האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופֿען מיט כעס.

יאַקאָוו איז געבליבען שטעהן לעבען סערעשקאַ'ן און האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פֿינסטערן בליק. צווישען זייביידען איז געווען אַ שטח פֿון צעהן טריט. סערעשקאַ האָט געקוקט יאַקאָוו'ן גלייך אין די אויגען אַריין. נאָכדעם ווי זיי זיינען אַזוי געשטאַנען אַ רגע, ווי צוויי בעק, וועלכע זיינען גרייט אַריינצופֿאָהרען מיט די הערנער איינע אין די אַנדערע, זיינען זיי זיך שטילערהייט אַוועק, יעדער אין אַן אַנדער זייט.

דער ים איז געווען שטיל און רויט פֿון דעם זונען־אונטערגאַנג. אין דער פֿישעריי האָט עס גערוישט און געקאָכט, און פֿון דיזען ליאַרם האָט זיך דייטליך אַרויס־געהערט אַ שכור'ע פֿרויען־שטימע, וועלכע האָט היסטע־ריש געשריען עטליכע פֿערריקטע ווערטער:

„טאַגאַרגאַ, מאַטאַגאַרגאַ,
מאַטאַנישקאַ מיין,
פֿער'שכור'ט, צו'הרג'עט,
צוקלאַפּט בין איך אַליין!“

און אָט די ווערטער, עקעלהאַפֿט אַזוי ווי מיסטוועריס, האָבען זיך פֿונאַנדערגעלאָזט אין דער פֿישעריי, דורכגע־זאַפּט מיט דעם ריח פֿון זאַלץ און פֿוילע פֿיש, — האָבען זיך פֿונאַנדערגעלאָזט און בעליידיגט די ווייכע מוזיק פֿון די כוואַליעס, וועלכע האָט זיך צוגאָסען אין דער לופֿט.

אין דעם צאַרטען גלאַנץ פֿון דער מאָרגען־רויטקייט האָט דער ים רוהיג געדרעמעלט, אָבשפּיעגלענדיג אין זיך די וואָלקענס פֿון פּערלמוטער. אויף דער לאַנד־צונג זיינען עטליכע האַלב־פֿערשלאָפֿענע פֿישער געווען בעשעפֿטיגט דערמיט, איינצופּאַקען פֿערשיעדענע פֿישער־געצייג אין דער באַרקע. ווי דער שטייגער איז דיזע אַרבייט אָבגעטהאָן געוואָרען שטיל און שנעל. די גראָע מאַסע פֿון נעצען האָט זיך געצויגען אויף'ן זאַמד צו דער באַרקע און איז אויסגעלייגט געוואָרען אין אַ גרויסע קופּה אויף איהר דעק. סערעשקאַ איז געשטאַנען אויף דעם שטייער־טהייל פֿון דעם שיפֿעל האַלב נאַקיט און מיט אַ הוילען קאָפּ ווי תמיד, און מיט אַ פֿער'שכור'טער, הייזעריגער שטימע האָט ער אונטערגעיאָגט די פֿישער צו דער אַרבייט. דער ווינד האָט זיך געשפּיעלט מיט די אָבגעריסענע פּאַסען פֿון זיין העמד און מיט די רויטע, צושויבערטע האָר זיינע.

„וואַסילי! וואו זיינען די גרינע לאָפּעטעס?" האָט אימיצער אַ געשריי געטהאָן. וואַסילי, פֿערכמאַרעט ווי אַן אָקטאָבער־טאָג, האָט איינגעפּאַקט דעם נעץ אין דער באַרקע, און סערעשקאַ האָט געקוקט אויף זיין געבויגענעם רוקען און זיך בעלעקט די ליפּען—אַלס צייכען, אַז ער האָט שטאַרק חשק זיך צו שטאַרקען מיט אַ טרונק בראַנפֿען.

„דו האָסט שנאַפּס?" האָט ער געפֿרעגט.

„יאָ," האָט וואַסילי געענטפֿערט מיט אַ האַלב פֿערדריקטען טאָן.

„נו, דאַן פֿאָהר איך ניט מיט. . . בלייב דאָ ביי דעם טרוקענעם עק."

„פֿאַרטיג!" האָט מען אַ געשריי געטהאָן פֿון דער לאַנד-צונג.

„בינד אָב, גיב אַהער!" האָט קאָמאַנדירט סערעשקאַ אַרונטערגעהענדיג פֿון שיפֿעל. „פֿאָהרט אָב. . . איך בלייב דאָ. גיט אַקאָרשט אַכטונג—פֿאָהרט אַרום, כדי דער נעץ זאָל זיך ניט פֿערוויקלען. . . און וואַרפֿט עס אַריין גלאַט אין וואַסער. . . ניט מאַכט קיין פּלאָנטערס!"

„פֿאָרווערטס!"

די באַרקע האָט זיך אָבגערוקט פֿון ברעג; די פֿי-שער האָבען אַרויפֿגעקלעטערט פֿון די זייטען און אויסגע-זוכט די לאָפּעטעס, האָבען זיי אויפֿגעהויבען אין דער לופֿטען, גרייט, זיי אַרונטערצולאָזען אין וואַסער.

„איינס!"

די לאָפּעטעס זיינען אַלע גלייך אַריינגעפֿאַלען אין די כוואַליעס און דאָס שיפֿעל האָט זיך אַ לאָז געטהאָן פֿאָר-ווערטס אין דעם קלאָהרען, דורכזיכטיגען וואַסער.

„צוויי!" האָט קאָמאַנדירט דער שטייערמאַן און די לאָפּעטעס האָבען זיך אויפֿגעהויבען פֿון די זייטען אַזוי ווי די פֿיס פֿון אַ ריעזען-גרויסער טשערעפּאַכע.

„איינס!. . . צוויי!. . ."

אויף'ן ברעג ביים טרוקענעם עק פֿון נעץ זיינען גע-בליבען פֿינף מאַן: סערעשקאַ, וואַסילי און נאָך דריי. איי-נער פֿון דיזע דריי האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף'ן זאַמד און געזאָגט:

„נאָך אַביסעל שלאָפֿען. . ."

די צוויי אַנדערע האָבען איהם נאָכגעטהאָן, און אויף'ן זאַמד זיינען געלעגען צונויפֿגעקאָרטשעט דריי קערפּער, איינגעוויקעלט אין שמוציגע טראַנטעס.

„פֿאַרוואָס ביסט דו ניט געוועזן דאָ זונטאָג?" האָט וואַסילי אַ פֿרעג געטהאָן סערעשקאַ'ן, בעת זיי זיינען געגאַנגען צום שטיבעל.

„כ׳האָב ניט געקענט. . ."

„ביסט געווען שכור ?"

„ניין. כ׳האָב אַכטונג געגעבען אויף דיין זוהן און אייך דער שטיף-מאַמע זיינער. . ." האָט סערעשקאָ רוהיג מיט-געטהיילט.

„האָסט שוין קיין אַנדער זאַך ניט געפונען וואָס צו טהאָן !" האָט וואַסילי געזאָגט מיט א כיטרען געלעכטער. „וואָס זשע, זיי זיינען עפּעס קליינע קינדער ?"

„ערגער נאָך. דער איינער איז דום, די אַנדערע— משוגע."

„וואָס זשע, מאַלוואַ איז משוגע ?" האָט וואַסילי גע-פרעגט און די אויגען זיינע האָבען אויפגעפלאַמט פאַר צאָרן.

„דאָס איז זי."

„זי איז שוין לאַנג אַזוי ?"

„וואָס, אימער געווען. זי האָט, ברודער וואַסיאַ, א נשמה ניט נאָך דעם גוף נאָך. . . קענסט דו דאָס בע-גרייפען ?"

„כ׳האָב שוין בעגריפען. . . זי האָט א נידעריגע נשמה."

סערעשקאָ האָט איהם דורכגענומען מיט א פעראַכ-טענדען בליק.

„נידעריגע נשמה ! אַך, איהר. . . איהר נאַרישע ערד-פרעסער ! קיין שום טייוועל קענט איהר ניט בעגרייפען אין לעבען. . . פאַר אייך איז גענוג, די פרוי זאָל האָבען פעטע בריסט. . . און איהר כאַראַקטער, דעם דאַרפט איהר אויף כפרות. און אין׳ם כאַראַקטער ליגט דאָך דער גאַנצער ווערטה פון מענשען. . . א פרוי אָהן כאַראַקטער — איז אַזוי ווי ברויט אָהן זאַלץ. קענסט דו הנאה האָ-בען פון אַזאַ מין באַלאַלייקע, וועלכע האָט קיין סטרונעס ניט ?. . . הונד וואָס דו ביסט !. . ."

„זעה נאָר זעה, ביז צו וואָס פאַר רעדעס דו האָסט

זיך דאָס אַביסעל נעבטען אָנגעטרונקען. . ." האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַ בייסענדען טאָן.

ער וואָלט גערן געפרעגט, וואו און ווי אַזוי סערעשקאַ האָט נעכטען געזעהן מאַלוואַ'ן און יאַקאָוו'ן, נאָר ער האָט זיך געשעהמט. נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטיבעל, האָט ער סערעשקאַ'ן אָנגענאָסען אַ פול טהעע־גלאָז מיט שנאַפּס, האָפענדיג, אז נאָך אַזאַ פּאָרציע וועט סערעשקאַ גלייך ווערן פריילאך און וועט איהם אַליין אָהן פראַגען דערצעהלען אַלעס.

אָבער סערעשקאַ האָט עס אויסגעטרונקען, האָט אַ קרעכץ געטהאָן, און מיט אויפגעפלאַקערטע אויגען האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביי דער טהיר פון שטיבעל, זיך ציהענדיג און גענעצענדיג.

„טרינקט מען — דוכט זיך אוים, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט געשלונגען פייער. . ." האָט ער זיך אָבגערופען.

„און ווי נאָך קענסט דו טרינקען!" האָט זיך וואַסילי אָבגערופען, ערשטוינט איבער די שנעלקייט, מיט וועלכער סערעשקאַ האָט אַרונטערגעזופּט דעם שנאַפּס.

„פערשטעה עס. . ." האָט סערעשקאַ געשאָקעלט מיט'ן רויט־האָריגען קאָפּ, האָט זיך אָבגעווישט מיט דער האַנד די פייכטע וואָנציעס זיינע און מיט אַ בעלעהרענדען, סמיעלען טאָן האָט ער געזאָגט:

„פערשטעה עס, ברודער! איך טהו אַלעס שנעל און אָפען. אָהן הקדמות און הינטערוועגען — גלייך אַרוים דערמיט און אַ סוף! און וואוהין דו קומסט — דאָס איז אַלצאיינס! פון דער ערד שפּרינגט מען אין ערגעץ ניט אַוועק, נאָר צוריק אין דער ערד אַריין. . ."

„דו האָסט דאָך געוואָלט פאָהרען אין קאַווקאַז?" האָט וואַסילי אַ פרעג געטהאָן, זיך צורוקענדיג נעהנטער צו זיין ציעל.

„כ'וועל פאָהרען, ווען ס'וועט מיר געפעלען. אַז איך האָב גאָר שטאַרק חשק צו וואָס עס איז — מאַך איך עס

איינס און צוויי און. . . פֿאַרטיג! און ס'מאַכט זיך ווי איך וויל אָדער אַניט, צווען איך זיך דעם קאָפּ. . . איינפֿאַך:"

„וואָס קען נאָך זיין איינפֿאַכער דערפֿון! דו לעבסט אַזוי ווי אָהן אַ קאָפּ."

סערעשקאַ האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען אויף וואַסילי'ן.

„און דו ביסט, הייסט עס, דער קלוגער! וויפֿיעל מאָל האָט מען דיך אין וואָלאָסט געשמיסען?"

וואַסילי האָט איהם אָנגעקוקט און געשוויגען.

„אַפֿנים זעהר אָפֿט. ס'איז נאָך גוט וואָס די פּרעד-סיעדאַטעלעס אונזערע טרייבען אַרויס דעם שכל מיט ריטער פֿון הינטען נאָך פֿאָרענט. . . אַך, דו! נו, וואָס קענסט דו אַשטייגער אָנהויבען טהאָן מיט דיין קאָפּ? און וואוהין קומסט דו מיט איהם? און וואָס קענסט דו מיט דעם פֿערשטאַנד דיינעם אויפֿטהאָן? אַלזאָ, און איך, אָהן אַ קאָפּ דוכט זיך, געה פֿין דעסטוועגען סמיעלע און גענוג! און מעגסט זיכער זיין, אַז איך וועל קומען ווייטער איידער דו."

„דאָס איז מעגליך. . ." האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „ווער ווייס? ס'קען זיין, דו וועסט נאָך קומען אַזוי ווייט ווי ביז סיביר. . ."

„אוה, ווי שרעקליך!"

און סערעשקאַ האָט זיך צולאַכט פֿון גאַנצען האַרצען. ער איז ניט שכור געוואָרען, ווי וואַסילי האָט ערוואַרטעט, און דאָס האָט איהם זעהר שטאַרק פֿערדראָסען. אָנגיסען נאָך אַ גלאָז האָט ער געזשאַלעוועט, און ניכטערהייט וועט מען מן הסתם פֿון סערעשקאַ'ן גאָרנישט אַרויסקריגען. . . . . . אָבער סערעשקאַ האָט איהם אַליין אַרויסגעהאָלפֿען.

„פֿאַרוואָס פֿרעגסט דו זיך גאָרניט נאָך אויף מאַל-וואַ'ן?"

„נאָך וואָס זאָל איך עס טהאָן?" האָט וואַסילי גלייכגילטיג געזאָגט און אַ שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב.

„זי איז דאָך דאָ זונטאָג ניט געווען. . . פֿרעג זשע פֿאָרט, וואָס זי האָט געטהאָן די טעג. . . כ'מיין, דו ביסט דאָך איינפֿערזיכטיג, דו אַלטער טייוועל דו!"

„פֿאַרהאַן אַסך אַזעלכע ווי זי!" האָט וואַסילי אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

„אַסך ווי זי!" האָט איהם סערעשקאַ נאָכגעקרימט.

„אַך, איהר פויערים וואָס איהר זייט! גיט מען אייך האָניג, גיט מען אייך סמאָלע — ביי אייך איז עס תמיד האָניג־לעקאַך. . ."

„וואָס האַלסט דו זי אַזוי אין איין ליבען? וואָס זשע, דו ווילסט זי אפשר געווינען פֿאַר זיך? נו יאָ, איך האָב זי שוין לאַנג ערוואָרבען. . ." האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַ פֿערביסענעם טאָן.

סערעשקאַ האָט איהם אָנגעקוקט, געשוויגען אַ ווײלע, און אַרויפֿלייגענדיג די האַנד אויף וואַסילי'ס שולטער, האָט ער מיט אַן איבערצייגטען טאָן געזאָגט:

„כ'ווייס עס. . . ס'איז מיר בעקאַנט, אַז זי לעבט מיט דיר. כ'האָב דיך ניט געשטערט — כ'האָב ניט געוואָלט, ס'איז ניט נייטיג געווען. . . אָבער איצט דרעהט זיך דער דאָזיגער יאַשקאַ, דער זוהן דיינער — ברעך איהם אַקאָרשט גוט דורך די ביינער! הערסט דו? אַניט וועל איך איהם אַליין אָנ'הרג'ענען. . . דו ביסט אַ גוטער יונג. . . כאָטש אַ היבשער עזעלקאָפּ דערצו. . . איך האָב דיך ניט געשטערט, און דו, בערעכען פֿאָרט. . ."

„אָט האָסט דו דיר! אַצונד. . . דו, הייסט עס, אויך נאָך איהר?" האָט וואַסילי געפֿרעגט מיט אַ מרה שחורה'־דיגען טאָן.

„אויך! ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איך אויך. . . איך וואָלט אייך דאַן אַלעמען איינפֿאַך אַרונטערגעשאַרט פֿון וועג און. . . פֿאַרטיג! און אַחוץ דעם — וואוהין זאָל איך געהן מיט איהר?"

„נו יאָ, פֿאַרוואָס זשע מישסט דו זיך אַלזאָ אַריין?" האָט וואַסילי געפֿרעגט מיט פֿערדרוס.

אַט די איינפֿאַכע פֿראַגע האָט וואַהרשיינליך אַריינגע־בראַכט סערעשקאַ'ן אין אַ פֿערלעגענהייט. ער איז געבלי־בען ערשטוינט, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען אויף וואַסילי'ן און געלאַכט.

„פֿאַרוואָס איך מיש זיך אַריין? יאָ, ווייס דער טייוועל פֿאַרוואָס... זי איז אַ פֿרוי... אַזאַ איינע... מיט פֿע־פֿער... געפֿעלט מיר... אפשר האָב איך גאָר רחמנות אויף איהר..."

וואַסילי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פֿערדעכטיגען בליק, אָבער ער האָט געפֿיהלט, אַז סערעשקאַ האָט גע־לאַכט פֿון גאַנצען האַרצען און גערעדט אויפֿריכטיג, און אַז ער האָט ניט געהאַט קיין שום אַבזיכט צוצונעהמען ביי איהם מאַלוואַ'ן און דאָך האָט ער זיך אָבגערופֿען:

„אַז זי וואָלט געווען אַן אָנשטענדיג און אונשולדיג מיידעל — נו, וואָלט מען זי נאָך ווי עס איז געקענט בעדויערן. אָבער אַזוי... איז עס מערקווירדיג!

סערעשקאַ האָט געשוויגען און זיך צוגעקוקט, ווי די באַרקע דאָרט ווייט אין ים קעהרט זיך אוים מיט'ן שנאָ־בעל צום ברעג. דאָס רויט־האָריגע געזיכט זיינס האָט אויס־געזעהן אָפֿענהערציג און אַזוי גוט און איינפֿאַך. וואַסילי האָט איהם אָנגעקוקט און מחמת וואָס פֿאַר ס'איז אורזאַכע איז ער געוואָרען ווייך געשטימט.

„דו ביסט גערעכט... זי איז אַן אויסגעצייכענטע פֿרוי... נאָר אַ פלוידערזאַק!... יאַשקאַ!... נו, דעם וועל איך שוין וויזען! וואָס זאָגסט דערצו? אַזאַ מין הונד!..."

„אין מיין פּאַק פּאַסט ער זיך ניט אַריין... נאָך'ן דאָרף שטינקט ער... און איך קען דעם דאָזיגען עפּוש ניט פֿערטראָגען," האָט סערעשקאַ געזאָגט.

„וואָס זשע, ער שאַרט זיך טאַקי צו איהר?" האָט וואַסילי אַ פֿרעג געטהאָן צווישען די צייהן און בעת מעשה זיך געגלעט דעם באָרד.

„און נאָך ווי שאַרט ער זיך! ער — גיב אַקאָרשט גוט אַכטונג — וועט זיך שטעלען צווישען אייך אַזוי ווי אַ קלין," האָט סערעשקאַ מיט אַן איבערצייגטען טאָן געזאָגט.

„איך וועל איהם שוין געבען אַ קלין!"

אין דער ווייטקייט פֿון ים האָבען אויפֿגעפֿלאַמט די ראָזעווע שטראַהלען פֿון דער אויפֿגעהענדער זונן. דער ראַנד פֿון דער זונן האָט שוין אַרויסגעקוקט פֿון דעם פֿערגאָלדעטען וואַסער. צווישען דעם גערויש פֿון די כוואַליעס איז פֿון דער באַרקע אַריבערגעקומען אַ שוואַכער רוף:

„פֿיהרע—ען!"

„שטעהט אַקאָרשט אויף, קינדער! אַנו, גיכער! שטעלט זיך צום נעץ!" האָט סערעשקאַ קאָמאַנדירט און איז אויפֿגעשטאַנען.

גלייך נאָכדעם האָבען זיי אַלע פֿינף אָנגענומען דעם עק פֿון נעץ. פֿון דעם וואַסער האָט זיך געשלעפּט צום ברעג אַ לאַנגער שטריק, אָנגעצויגען אַזוי ווי אַ סטרונע; די פֿישער האָבען צוגעטשעפּעט די ציה-בענדער און גענומען ציהען מיט אַלע כוחות דעם שטריק.

און דעם אַנדערן עק נעץ האָט געפֿיהרט די באַרקע צום ברעג, זיך גליטשענדיג איבער די כוואַליעס. איהר מאַטשט האָט דורכגעשניטען די לופֿט, זיך שאָקלענדיג אין איהר.

די פּראַכטפֿאָלע און גלענצענדע זונן האָט זיך אויפֿגעהויבען איבער'ן ים.

„אַז דו וועסט זעהן יאַקאָוו'ן — זאָג איהם, ער זאָל מאָרגען קומען צו מיר," האָט וואַסילי געבעטען סערעשקאַ'ן.

„שוין גוט!"

די באַרקע האָט זיך אָבגעשטעלט ביים ברעג, און די פֿישער זיינען אַרונטערגעשפּרונגען אויף'ן זאַמד און האָבען אַרויסגעצויגען זייער עק פֿון נעץ. די צוויי גרופּען זיינען וואָס ווייטער אַלץ נעהנטער צוגעקומען איינע צו די אַנדערע און די פּליטען פֿון'ם נעץ האָבען אַרומגעטאַנצט אויף'ן וואַסער און אויסגעזעהן אַקוראַט ווי אַ האַלבּצירקעל.

יענעם טאָג שפּעט אין אָוונד, ווען די אַרבייטער אויף דער פֿישעריי האָבען געגעסען זייער נאַכטמאָהל, איז מאַלוואַ געזעסען מיעד און פֿערטראַכט אויף אַ צובראָכענער לאָדקע, וואָס איז געלעגען אומגעוואָרפֿען מיט'ן דנאָ אַרויף, און האָט געקוקט אין ים, וועלכער איז שוין געווען פֿערשלייערט פֿון ז'ער נאַכט-פֿינסטערניס. דאָרט אין דער ווייטענס האָט געבלישטשעט אַ פֿייער, און מאַלוואַ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס איז דער שייטערהויפֿען, וואָס וואַסילי האָט אָנגעצונדען לעבען זיין שטיבעל. איינזאַם, אָקוראַט ווי עס וואָלט פֿערבלאָנדזשעט דאָרט אין ווייטען ים, האָט דאָס פֿייער אַלע ווײלע זיך פֿערלאָשען, צוריק אויפֿגעפֿלאַקערט און זיך ווידער פֿערלאָשען, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט די כוחות פֿערלאָרען. און מאַלוואַ'ן איז געוואָרען פּיינליך צו קוקען אויף דעם דאָזיגען רויטען, פֿלאַקערדיגען פּונקט, וועלכער האָט זיך פֿערלאָרען דאָרט אין דער וויסטע, אין דעם אונרוהיגען, אונפֿערשטענדליכען גערויש פֿון די כוואַליעס.

„וואָס זיצט דו דאָ?" האָט זיך דערהערט סערעשקאַ'ס שטימע הינטער איהר רוקען.

„וואָס איז דאָס דיין עסק?" האָט זי איהם געפֿרעגט מיט אַ טרוקענעם טאָן, ניט אַ קוק געבענדיג אויף איהם.

„ס'איז אינטערעסאַנט."

ער איז אַנשוויגען געוואָרען, האָט זי בעטראַכט, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, איהם פֿעררויכערט און דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט רייטענדיג אויף'ן שיפֿעל. אַזוי

ווי ער האָט אָבער געפֿיהלט, אַז זי האָט קיין חשק ניט מיט איהם צו ריידען, האָט ער זיך מיט אַ פֿריינדליכען טאָן אָבגערופֿען צו איהר:

„דו ביסט אַ מאָדנע פֿרויענצימער: אָט אַנטלויפֿסט דו פֿון אַלעמען און אָט היינגסט דו זיך אָן יעדען איינעם אויף׳ן האַלז."

„וואָס זשע, כ׳היינג זיך אפשר אָן אָן דיר?" האָט זי אַ פֿרעג געטהאָן גלייכגילטיג.

„אָן מיר ניט, נאָר אָן יאַשקאַ׳ן."

„און דו ביסט איהם מקנא?"

„הם. . . . לאָמיר אַקאָרשט ריידען אָפֿענהערציג!" האָט זיך סערעשקאַ געבעטען און איהר אַ קלאַפּ געטהאָן אָן פלייצע. זי איז געזעסען אָן אַ זייט און ער האָט ניט גע־קענט זעהן איהר געזיכט, בעת זי האָט איהם גאַנץ קורץ אַ זאָג געטהאָן:

„רייד."

„ווי איז דאָס, דו האָסט אַוועקגעוואָרפֿען וואַסילי׳ן?"

„כ׳ווייס ניט," האָט זי געענטפֿערט נאָך אַ קורצע פויזע. „נאָך וואָס דאַרפֿסט דו עס אזוי נייטיג וויסען?"

„נאָר ניט, אַזוי. . . מחמת לאנגווייליגקייט."

„כ׳בין אין כעס אויף איהם."

„פֿאַרוואָס?"

„ער האָט מיך געשלאָגען!. . ."

„נו יאָ?. . . ער? אַזאַ מין. . . פֿע! און דו האָסט עס איהם ערלויבט? אַיי — איי!"

סערעשקאַ איז געווען איבערראַשט פֿון דער דאָזיגער מיטטהיילונג איהרער. ער האָט מיט גנב׳ישע בליקען גע־קוקט פֿון דער זייט גלייך איהר אין געזיכט אַריין און בעת מעשה האָט ער איראָניש צוגעטשמאָקעט מיט די ליפּען.

„אַז איך וואָלט געוואָלט — וואָלט איך עס ניט ער־לויבט," האָט זי געענטפֿערט מיט כעס.

„יאָ, טאָ וואָס זשע רען?"

„כ׳האָב ניט געוואָלט.“

„האָסט דו איהם, הייסט עס, שטאַרק ליעב, דעם גראָען קאָטער?“ האָט זיך סערעשקאַ אָבגערופען מיט אַ גיפטיגען טאָן און דערביי האָט ער איהר אַרומגענומען מיט דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס. „נאַ, אַזוי איז דאָס! אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ניט פון דעם סאָרט. . .“

„כ׳האָב אייך קיינעם ניט ליעב,“ האָט זי געזאָגט, פון דאָס ניי גלייכגילטיג, און האָט אַוועקגעיאָגט דעם רויך פון זיך מיט דער האַנד.

„דו לייגסט דאָך, ווי?“

„צו וואָס זאָל איך לייגען?“ האָט זי געפרעגט, און נאָך איהר שטימע נאָך האָט סערעשקאַ בעגריפען, אַז זי האָט ווירקליך ניט געהאַט קיין שום אורזאַכע צו זאָגען ליגען.

„יאָ, אָבער אַז דו האָסט איהם ניט ליעב, פאַרוואָס זשע ערלויבסט דו איהם, ער זאָל דיך שלאָגען?“ האָט ער מיט אַן ערנסטען טאָן געפרעגט.

„וויים איך? וואָס קריכסט דו מיר אַזוי אַריין אין די געדערים?“

„מאָרגע!“ האָט סערעשקאַ געזאָגט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

און זיי זיינען ביידע אַנשוויגען געוואָרען.

די נאַכט האָט זיך אַראָבגעלאָזט. אויף׳ן ים זיינען געלעגען די שאָטענס פון די וואָלקען, וועלכע האָבען זיך לאַנגזאַם געצויגען אויף׳ן הימעל. די כוואַליעס האָבען געקלונגען. דאָס פייער דאָרט אויף דער לאַנד־צונג ביי וואַסילי׳ן האָט זיך שוין פערלאָשען, נאָר מאַלוואַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אַהין.

סערעשקאַ האָט זי אָנגעקוקט.

„הער אויס!“ האָט ער זיך אָבגערופען. „ווייסט דו וואָס דו ווילסט?“

„ווען איך וואָלט עס געוואוסט!“ האָט מאַלוואַ גע־ענטפערט מיט אַ טיעפען זיפץ און גאַנץ שטיל.

„אַלזאָ דו ווייסט ניט? דאָס איז שלעכט," האָט סערעשקאַ געזאָגט מיט אַן איבערצייגטען טאָן. „און איך ווידער וויים עס תמיד." — און מיט אַ טרויעריגען טאָן האָט ער צוגעלייגט: „נאָר זעלטען ווען איך וויל עפּעס."

„איך וויל אימער וואָס עס איז," האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופען פערטראַכטערהייט. „אָבער וואָס, וויים איך ניט. . . אָפטמאָל וואָלט איך חשק געהאַט זיך זעצען אויף אַ שיפעל און אַרויספאָהרען אין ים! ווייט! אַז איך זאָל שוין מעהר קיינמאָל קיין מענשען ניט זעהן פאַר די אויגען. און אָפטמאָל ווילט זיך מיר יעדען מענשען אַזוי אַרומדרעהען אין דער לופטען און איהם מיט אַמאָל אָבלאָזען. איך וואָלט געקוקט אויף איהם און געלאַכט. אָט האָב איך רחמנות אויף אַלעמען און דאָס רוב אויף מיר אַליין, און אָט ווילט זיך מיר אומברייננגען די גאַנצע וועלט. און דערנאָך זיך אַליין. . . דורך אַ שרעקליכען טויט. . . און אומעטיג איז מיר אויף'ן האַרצען און פריילאַך. . . די מענשען זיינען אַלע עפּעס ווי פון האָלץ געמאַכט. . .

„פערפוילט פאָלק," האָט סערעשקאַ שטילערהייט צוגעשטימט. „דערפאַר, כ'קוק דיך אָן און זעה — קיין קאַץ ביסט דו ניט, קיין פיש אויך ניט. . . און קיין פויגעל ניט. . . און דאָך שטעקט דאָס אַלעס אין דיר. . . דו ביסט ניט ווי אַנדערע ווייבער."

„גאָט זיי דאַנק דערפאַר!" האָט מאַלוואַ געשמייכעלט.

לינקס, הינטער דער קייט פון זאַמד־בערגלאַך, איז אַרויס די לבנה און האָט זיי און דעם ים בעגאָסען מיט דעם זילבערנעם גלאַנץ פון איהר שיין. גרויס און מילד איז זי אַרויפגעשוואומען אויבען אויף דעם הימעל־דעק און דער העלער גלאַנץ פון די שטערן איז בלייך געוואָרען און האָט זיך פערוואַנדעלט אין זיין רוהיגען טרוימערישען ליכט.

„דו דיינקסט — דאָס איז דער עיקר!" האָט זיך סערעשקאַ אין אַ ווײַלע אַרום אָבגערופען, נאָכדעם ווי ער האָט אַ וואָרף געטהאָן דעם פּאַפּיראָס אין דער לופטען.

„און ווער עס דיינקט — דעם איז דאָס לעבען לאַנג־ווייליג... מען מוז אימער עפּעס טהאָן, כדי דער עולם זאָל זיך אַרום דיר אַרומדרעהען און פֿיהלען, אַז דו לעבסט.... דאָס לעבען מוז מען עפּטערס דורכמישען, כדי ס'זאָל ניט זויער ווערן... הוליע אַרום דאָרט און דאָ, אַזוי לאַנג ווי די כוחות דיענען דיר — נו, און ס'וועט זיין לוסטיג און לעבעדיג אַרום דיר..."

מאַלוואַ האָט זיך צולאַכט.

„דאָ, זעהסט דו, ביסט דו גערעכט... אָפּטמאָל קומט מיר פֿאָר, ווען מען וואָלט... ביינאַכט אונטערגע־צונדען די קאַזאַרמע — נאַ, דאָס וואָלט אַביסעל געווען אַ מהומה!"

„און נאָך וואָס פֿאַר אַ מהומה!" האָט זיך סערעשקאַ אָבגערופֿען ענטציקט, און פלוצלינג האָט ער איהר אַ שטויס געטהאָן אָן שולטער. „ווייסט דו גאָר וואָס?... כ'וועל דיך לערנען... אַ קאָמיש שטיק וועלען מיר אויפֿ־פֿיהרען; דו ווילסט?"

„נו?" האָט מאַלוואַ אַ פֿרעג געטהאָן מיט אינטערעס.

„ווי איז דאָס, האָסט דו דעם דאָזיגען יאַשקאַ... גוט איינגעהייצט?"

„ער ברענט ווי אַ פֿייער..." האָט זי געשמייכעלט.

„נו?... דו רייץ איהם אָן אויף'ן פֿאָטער! ביי גאָט! וועט דאָס אַביסעל זיין אַ שפּאַס!... זיי וועלען אַרויפֿ־פֿאַלען ווי בערען איינער אויף'ן אַנדערן... הייץ איין דעם אַלטען און דעם דאָזיגען אויך... דאַן וועלען מיר זיי אָב־לאָזען איינעם אויף'ן צווייטען... אהָ!"

מאַלוואַ האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם און איהם שאַרף אַריינגעקוקט אין דעם פֿרעהלאַך שמייכעלריגען גע־זיכט, בעדעקט מיט זומער־פרישטשיקעס. די לבנה האָט געשיינט דערויף און עס האָט ניט אויסגעזעהן אַזוי פֿער־שיעדענפֿאַרביג ווי ביי טאָג ביי זונען־ליכט. קיין שפּור פֿון כעס איז ניט געווען צו זעהן אויף דעם געזיכט, קיין זאַך

ניט אַחוץ דעם גְעווֶעהנליכען גוט־מוטהיגען און אַביסעל פֿרעכען שמייכעל זיינעם.

„וואָס איז די אורזאַכע וואָס דו האָסט זיי ניט ליעב ?"

האָט מאַלוואַ געפֿרעגט מיט אַ טאָן פֿון פֿערדרוס.

„איך ?. . . וואַסילי איז ניט קיין שלעכטער מענש. נאָר יאַשקאַ — איז שרעקליך. איך, הערסט דו, האָב אַלע בויערן ניט ליעב. . . ס'איז אַ מיאוס'ע חברה ! זיי מאַכען דעם אָנשטעל, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען יתומים — און מען גיט זיי ברויט און. . . אַלצדינג !. . . זיי האָבען זיך אַ זעמסטוואָ, און דאָס טהוט אַלעס פֿאַר זיי. אַ בעל הבית'־ ישקייט האָבען זיי, לאַנד, בהמות. . . כ'האָב אַ לאַנגע צייט געדיענט ביי אַ דאָקטאָר אַלס קוטשער, כ'האָב זיך גענוג אָנגעזעהן מיט זיי. . . . . דאַן האָב איך זיך אַ צייט לאַנג אַרומגעטריבען אויף דער וועלט. קומט מען אַמאָל אין אַ דאָרף און מען בעט אַ שטיקעל ברויט — מאַכט מען דיך צום נאַרען ! ווער ביסט דו און וואָס זוכסט דו, און וויז אַקאָרשט דיינע פּאַפּירען. . . וויפֿיעל מאָל האָט מען מיך געשלאָגען ?. . . אָט האָבען זיי מיך געהאַלטען פֿאַר אַ פֿערד־גנב און אָט איינפֿאַך אַזוי. . . אין טורמע האָט מען מיך אַריינגעזעצט. . . רק זיי קלאָגען און מאַכען רחמנות־פּנים'ער, אָבער לעבען קענען זיי : זיי האָבען אַן אָנהאַלט, דאָס לאַנד. און וואָס בין איך אַנטקעגען זיי ?"

„וואָס זשע, דו ביסט דען ניט קיין בויער ?" האָט איהם מאַלוואַ איבערגעשלאָגען די רייד.

„איך בין אַ בירגער !" האָט סערעשקאַ מיט אַ גע־ וויסען שטאָלץ געענטפֿערט ; „אַ בירגער פֿון דער שטאָדט אוגליטש."

„און איך בין פֿון פּאָוליש. . ." האָט מאַלוואַ פֿער־ טראַכטערהייט געזאָגט.

„איך האָב קיין שום שתדלן ניט, וואָס זאָל זיך פֿאַר מיר אָננעהמען ! און די מוזשיקעס. . . די טייוואָלים קענען לעבען. . . זיי האָבען זיך זייער זעמסטוואָ און נאָך אַנדערע אַזעלכע זאַכען."

„זעמסטוואָ — וואָס איז דאָס אַזוינס?" האָט מאַלוואַ געפרעגט.

„וואָס דאָס איז? וויים דער טייוועל, וואָס עס איז! פאַר די בויערן איז עס געמאַכט, זייער פערוואַלטונג איז עס... כ'פייף דערויף... דו, לאָמיר בעסער ריידען מכח אונזער זאַך... מאַך אַקאָרשט אָן אַ שטיקעל קריעג צווישען זיי, יאָ? ס'וועט גאָרנישט זיין... זיי וועלען זיך בלויז דורכברעכען די ביינער... איך וועל דיר העלפען! וואַסילי האָט דיך דאָך געשלאָגען? נו, טאָ זאָל איהם דער אייגענער זוהן זיינער אָבצאָהלען פאַר דיינע קלעפ."

„יאָ, כלעבען," האָט מאַלוואַ געשמייכעלט. „ס'וואָלט גאָרניט שלעכט געווען."

„בערעכען אַקאָרשט... איז עס ניט אַנגענעהם, צו זעהן, ווי מענשען שלאָגען זיך אונטער איינע די אַנדערע די זייטען פון דיינעטוועגען? בלויז צוליעב אַ פאָר ווערטער, וואָס דו ברייננסט אַרוים פון מויל?... דו דרעהסט מיט דער צונג איין... צוויי מאָל און... ס'איז פאַרטיג!"

אַ היבשע ווײלע האָט סערעשקאַ אַזוי גערעדט מיט אַ הייסער בעגייסטערונג איבער דעם רייץ פון זייער ראָלע. ער האָט געשפאַסט און גערעדט ערנסט, גלייכגילטיג, און איז ענדליך אַליין בעגייסטערט געוואָרען פאַר זיין פּלאַן.

„אַך, ווען איך וואָלט געווען אַ שעהנע פרוי! איך וואָלט אויף דער וועלט פערקאָכט אַזאַ מין קאַשע!" האָט ער זיך ענדליך אָבגערופען, דאַן האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר'ן קאָפּ, האָט איהם צוגעדריקט, פערמאַכט די אויגען און געשוויגען. די לבנה איז שוין געשטאַנען הויך אין הימעל, בעת זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אָהן זיי איז די נאַכט געוואָרען שעהנער און פּראַכטפאָלער. איצט איז בלויז געבליבען דער ברייטער, פייערליכער ים, בעזילבערט פון דער לבנה, און דער בלויער הימעל, בעזייעט מיט שטערן. צווישען זיי זיינען אויך געווען זאַמד־בערגלאַך, קליינע בוימלאַך און צוויי

לאַנגע, שמוציגע געביירעם אויף׳ן זאַמד, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי גרויסע, גראָב־בעשלאָגענע טויטען־קאַסטענס.

אָט דאָס אַלעס האָט אויסגעזעהן עלענד און קליין אנטקעגען דעם מעכטיגען ים, און די שטערן, וועלכע האָבען אַרונטערגעקוקט דערויף, האָבען געשיינט מיט א קאַלטען גלאַנץ! . . .

פֿאָטער און זוהן זיינען געזעסען איןביידעל איינער געגען אַנדערן און האָבען געטרונקען שנאַפּס. דעם שנאַפּס האָט מיטגעבראַכט דער זוהן, כדי עס זאָל ניט ווערן סקוטשנע צו זיצען ביים פֿאָטער און כדי ער זאָל זיך גוט פֿיהלען. סערעשקאַ האָט יאַקאָוו'ן געזאָגט, אַז דער פֿאָטער איז ברוגז אויף איהם צוליעב מאַלוואַ'ן און ער סטראַשעט, איהר צו שלאָגען צום טויט; מאַלוואַ ווייסט דערפֿון, און דערפֿאַר גיט זי זיך איהם, יאַקאָוו'ן הייסט עס, ניט איבער. סערעשקאַ האָט איינפֿאַך חוזק געמאַכט פֿון איהם.

„נישקשה, ער וועט דיר שוין ווייזען וואָס ער קען! ער וועט דיר אַזוי ציהען ביי די איערן, אַז זיי וועלען ווערן איילען־לאַנג. בעסער, קום איהם ניט פֿאַר די אויגען!"

דער שפּאָט פֿון דיזען רויטהאָריגען, אונאַנגענעהמען בחור האָט אַרויסגערופֿען אין יאַקאָוו'ן אַ שטאַרקען כעס אויף'ן פֿאָטער. און אַחוץ דעם האָט מאַלוואַ עפּעס קיין חשק ניט, און זי קוקט איהם אָן מיט אַזאַ אומעטיגען בליק און רייצט פֿונאַנדער זיין פֿערלאַנג נאָך איהר ביז צום שמערץ... זי האַלט איהם אויך אין איין דערמאָנען אָן דעם פֿאָטער.

און זעה נאָר זעה. יאַקאָוו איז געקומען צום פֿאָטער און ער בעטראַכט איהם אַזוי ווי אַ שטיין, וואָס ליגט איהם אויף'ן וועג, אַזוי ווי אַ שטיין, וואָס מען קען בשום אופן ניט אַריבערשפּרינגען און אויך ניט אַרומגעהן. נאָר אַזוי ווי ער פֿיהלט, אַז ער האָט פֿאַר'ן פֿאָטער גאָר קיין מורא

ניט, קוקט איהם יאַקאָוו אַריין גלייך אין די פֿינסטערע אין בייזע אויגען אַריין, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזאָגט:

„אַנו, ריהר מיך אַקאָרשט אָן!"

זיי האָבען שוין צוויי מאָל אויסגעטרונקען, אָבער נאָך נאָר ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן, אחוץ עטליכע אונ־בעדייטענדע ווערטער איבער דאָס לעבען פֿון די פֿישער. אויג אין אויג אין מיטען ים האָבען זיי אָנגעזאַמעלט דעם כעס איינער געגען צווייטען, און זיי האָבען ביידע געוואוסט, אַז ער וועט זיך באַלד פֿונאַנדערפֿלאַקערן און זיי פֿער־ברענען. די לייוועגדען פֿון'ם ביידעל האָבען גערוישט אין ווינד, די שטיקער קאָרע האָבען זיך אָנגעקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע און די רויטע שמאַטע אויף'ן שפּיץ שטאַנג האָט עפּעס אַזוי ווי געשעפּטשעט. אָט די אַלע טענער זיינען געוועזן עהנליך צו אַ ווייטען, אונפֿערשטענדליכען און אונענטשלאָסענעם געבעט. די כוואַליעס פֿון ים האָבען געברויזט, ווי תמיד, פֿריי און אָהן אַ שום ליידענשאַפֿט.

„וואָס זשע, סערעשקאַ טרינקט אָהן אויפֿהער?" האָט וואַסילי אַ פֿרעג געטהאָן.

„יאָ, ער טרינקט... יעדען אָוועגד איז ער שכור," האָט איהם דער זוהן געענטפֿערט און איהם אָנגענאָסען נאָך שנאַפּס.

„וועט צו גרונד געהן... דאָס איז דאָס פֿרייע לע־בען... אָהן פּחד... דו וועסט נאָך אויך אַזוי ווערן."

יאַקאָוו האָט ניט ליעב געהאַט סערעשקאַ'ן, און דע־ריבער האָט ער געענטפֿערט קורץ:

„כ'וועל ניט ווערן אַזוי!"

„וועסט ניט ווערן!?" האָט וואַסילי געזאָגט, צונויפֿ־ציהענדיג בעת מעשה די ברעמען. „נישקשה, כ'ווייס וואָס איך רייד. ווי לאַנג ביסט דו דאָ? דעם דריטען מאָנאַט, באַלד מוזט דו שוין פֿאָהרען צוריק אַהיים און וויפֿיעל געלד וועסט דו מיטנעהמען פֿון דאַנעט?"

מיט כעס האָט ער אַריינגעגאָסען דעם שנאַפּס פֿון דער טאַס אין מויל אַריין, האָט זיך אָנגענומען פֿאַר'ן באָרד

און איהם אַזוי געצויגען, אַז דער קאָפּ זיינער האָט זיך געשאָקעלט.

„אין אַזאַ קורצער צייט קען מען דאָ ווינציג וואָס פּערדיענען," האָט איהם יאַקאָוו געענטפערט קורץ און שאַרף.

„יאָ, ווען עס האַלט אַזוי, דאַן דאַרפסט דו זיך ניט אַרומשלייען דאָ — געה צוריק אין דאָרף!"

יאַקאָוו האָט געשמייכעלט, ניט אויסרײדענדיג קיין וואָרט.

„וואָס מאַכסט דו פאַר אַ קרומע צורה?" האָט וואַסילי אַ געשריי געטהאָן; די רוהיגקייט פון דעם זוהן זיינעם האָט איהם וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַריינגעבראַכט אין כעס. „דער טאַטע רעדט צו דיר און דו לאַכסט! גיב אַקאָרשט אַכטונג, האָסט מיר צו פריה אָנגעהויבען זיין זעלבסטשטענדיג! וואַרט אויס, כ'וועל דיר נאָך אָנטהאָן דעם צוים. . ."

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעגאָסען שנאַפּס און האָט אויסגעטרונקען. וואַסילי'ס גראָבע רייד האָבען איהם בעליידיגט, אָבער ער האָט זיך מיט אַלע כחות איינגעהאַלטען, אום ניט צו ריידען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט און געטראַכט צו ריידען; ער האָט דעם פאָטער ניט געוואָלט ערגערן. איצט האָט איהם שוין אַביסעל באַנג געטהאָן פאַר דעם פאָטער'ס האַרבע און רוי־גלאַנציגע בליקען.

אַז וואַסילי האָט געזעהן, אַז דער זוהן האָט אַליין געטרונקען און איהם ניט אָנגעגאָסען קיין שנאַפּס, איז ער געוואָרען נאָך בייזער און מחמת דעם אויך געפאַסטער און בייסענדער.

„דער טאַטע זאָגט — פאָהר אַהיים, און דו שמייכעלסט? איך וועל דיר ווייזען. . . שבת בעט מען זאָלדיך אָבלאָזען און. . . מאַרש אין דאָרף אַריין! דו הערסט וואָס איך זאָג?"

„איך וועל ניט פאָהרען!" האָט יאַקאָוו געענטפערט

גאַנץ פֿעסט. דער יאַנצער קערפּער האָט זיך איהם גע־טרייסעלט און ער [illegible] כעת מעשה נאָך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, וועלי[illegible]יקטיגען די ווערטער זיינע.

„וואָס זאָ[illegible] האָט זיך וואַסילי פֿונאַנדערגע־שריען און זיך [illegible] אַרענדיג אויף דער פּאָס איז ער אויפֿ־געשטאַנען פֿון זיין אָרט. „רייד איך מיט דיר צו ניט? וואָס, דו הונד איינער, ביסט מעיז דעם טאַטען? אָט אפנים דו האָסט פֿערגעסען, אַז איך קען מיט דיר טהאָן וואָס איך וויל? האָסט עס גאָר פֿערגעסען?"

זיינע ליפּען האָבען זיך געטרייסעלט און דאָס געזיכט האָט זיך פֿערצויגען פֿון קרעמפּפֿען, צוויי אָדערן אויף די שלייפֿען זיינען אָנגעשוואָלען געוואָרען.

„כ'האָב גאָרנישט פֿערגעסען," האָט זיך יאַקאָוו שטי־לערהייט אָבגערופֿען, ניט אַ קוק געבענדיג בעת מעשה אויף'ן פֿאָטער; „דו, קוק זיך אַפּריהער אום אויף דיר אַליין, געדיינקסט דו אַלצדינג?"

„ס'איז ניט דיין זאַך, מיך צו לערנען! אין טויזענד שטיקער וועל איך דיך צושמעטערן!"

יאַקאָוו האָט אויסגעמיידעט דעם פֿאָטער'ס האַנד, וועלכע האָט זיך אויפֿגעהויבען איבער זיין קאָפּ, און אַזוי ווי ער האָט געפֿיהלט, אַז אין איהם פֿלאַקערט זיך פֿונ־אַנדער אַ ווילדער צאָרן, האָט ער מיט צונויפֿגעדריקטע צייהן געזאָגט:

„ריהר מיך ניט אָן... דאָ איז ניט דער דאָרף."

„שווייג! איך בין איבעראַל דיין פֿאָטער."

„דאָ קענסט דו מיך ניט לאָזען שמייסען, אַזוי ווי אין וואָלאָסט, דאָ איז ניט דער וואָלאָסט..." האָט איהם יאַ־קאָוו אַריינגעשמייכעלט גלייך אין געזיכט אַריין און בעת מעשה האָט ער זיך אויך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבען.

זיי זיינען געשטאַנען איינער גענגען אַנדערן. וואַסילי, מיט בלוט־רויטע אויגען און מיט דעם האַלז אויסגע־שטרעקט נאָך פֿאָרענט, האָט צונויפֿגעדריקט די פֿויסטע

און מיט א הייסען אָטהעם, פערמישט [illegible]ט דעם ריח פון שנאַפס, האָט ער דעם זוהן אריינגעזייכט גלייך אין געזיכט אריין. יאַקאָוו ווידער הא[illegible]ינגעבויגען הינטערוויילאַכם און מיט פינסטערע[illegible]ייר געקוקט אויף יעדען ריהר, וואָס דער פאָטער [illegible] געטהאָן, גרייט צוצונעהמען די קלעפ; ער האָט אויסג[illegible] רוהיג. אָבער דאָך איז ער געווען אָבגעגאָסען פון הייסען שוויים. צווישען זיי איז געשטאַנען א פּאַס, וואָס האָט זיי געדיענט אַלס טיש.

„וואָס, איך וועל דיך ניט שלאָגען?" האָט וואַסילי געפרעגט מיט אַ הייזעריגער שטימע, אויסשטרעקענדיג דעם רוקען, אַזוי ווי אַ קאָטער, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טהאָן.

„דאָ — זיינען אַלע גלייך. דו ביסט אַן ארבייטער און איך אויך."

„אַזוי, דאָס איז עס?"

„נו, וואָס זשע דען, אז ניט דאָס? פאַרוואָס ביסט דו אויף מיר אַזוי אין כעס? מיינסט, איך פערשטעה ניט? דו מוזט זיך אַפריהער אַליין. . ."

וואַסילי האָט אַ געשריי געטהאָן ווי אַ ווילדער און האָט אויפגעהויבען די האַנד אַזוי שנעל, אַז יאַקאָוו האָט ניט אויספּייעט זי אויסצואווייכען. דער קלאַפּ האָט איהם געטראָפען אויף'ן קאָפּ, ער האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און געקוקט מיט אויסגעשטשירעטע צייהן אין דעם טהירישען געזיכט פון דעם פאָטער, וועלכער האָט שוין פון דאָס ניי געהאַלטען די האַנד אויפגעהויבען.

„גיב אַקאָרשט אַכטונג!" האָט יאַקאָוו געוואָרענט, צונויפדריקענדיג די פויסטען.

„כ'וועל דיר. . . אַכטונג געבען!"

„לאָז צורוה, זאָג איך!"

„אַה. . . דו!. . . דו וועסט דעם טאַטען!. . . טאַטען?. . . דעם טאַטען?"

דאָ איז פאַר זיי געווען צו ענג, די פיס זייערע האָבען זיך פערטשעפּעט אין די זאַלץ־זעק און אין דער אומגע־וואָרפענער פאַס, דער קלאָץ האָט זיי געשטערט.

זיך וועהרענדיג געגען דעם פאָטער'ס קלעפּ מיט ד' פויסטען זיינע, האָט זיך יאַקאָוו וואָס ווייטער אַלץ מעהר אַוועקגערוקט פון דעם פאָטער. ער איז געווען בלייך און דער שוויים האָט זיך פון איהם געגאָסען. מיט צוזאַמענ־געדריקטע צייהן און מיט גליהענדע וואָלפישע אויגען האָט ער זיך אַלץ דערווייטערט פון וואַסילי'ן וועלכער איז צו־געקומען אַלץ נעהנטער צו איהם, פאָכענדיג מיט די הענד אין דער לופטען, מלא רציחה און אַזוי צווישעט ווי אַ ווילדער חזיר.

„טראָג זיך... גענוג שוין... לאָז אָב!" האָט יאַקאָוו רוהיג געזאָגט, זיך אַרויסרוקענדיג דורך דער טהיר פון ביידעל אויף דרויסען.

דער פאָטער האָט געליאַרעמט און זיך געלאָזט אויף איהם מיט די קולאַקעס, אָבער די קלעפּ זיינע האָבען בלויז געטראָפען דעם זוהן אין די פויסטען.

„זעה נאָר זעה, ווי ס'האָט דיך אַ נעהם געטהאָן... זעה..." האָט זיך גערייצט מיט איהם דער זוהן, וועלכער האָט זיך געפיהלט געשיקטער און האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר איהם.

„וואַרט אַקאָרשט... וואַ—אַרט..."

אָבער יאַקאָוו האָט אַ שפרונג געטהאָן אָן אַ זייט און איז צוגעלאָפען צום ים.

מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען און מיט אויסגע־שטרעקטע הענד האָט איהם וואַסילי נאָכגעיאָגט, נאָר דער פוס זיינער האָט זיך פערטשעפּעט אָן עפּעס און ער איז געפאַלען מיט דער ברוסט אויף'ן זאַמד. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען אויף די קניע און זיך אָנשפּאַרענדיג מיט די הענד אויף'ן זאַמד, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. ער איז געווען פאָלשטענדיג פערמאַטערט פון דעם אַרומלויפען,

און אויסער זיך פֿאַר שמערץ וואָס ער קען ניט בעצאָהלען דעם זוהן פֿאַר זיין בעליידיגונג און וואָס ער מוז אָנערקענען זיין שוואַכקייט — האָט ער זיך מיראַ'דיג פֿונאַנדערגעשריען. . . .

„זיי פֿערפֿלוכט!" האָט ער געשריען מיט אַ הייזעריגער שטימע, אויסשטרעקענדיג זיין האַלז צו יאַקאָוו'ן און אַרויסשפּייענדיג דעם צאָרנדיגען שוים פֿון זיינע ציטערנדע ליפּען.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן שיפֿער און אָנגעקוקט דעם פֿאָטער מיט אַ שאַרפֿען בליק, זיך רייבענדיג מיט דער האַנד אָן דעם געראַניעטען קאָפּ זיינעם. איין אַרבעל פֿון זיין העמד איז געווען אָבגעריסען און איז געהאַנגען אויף אַ פֿאָדים, דער קאָלנער איז אויך געווען צוריסען, און די ווייסע, שווייסיגע ברוסט האָט זיך געשפּיעגעלט אַנטקעגען דער זונן און אַזוי געגלאַנצט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געווען בעשמירט מיט פּוטער. איצט האָט ער געפֿיהלט אַ מין פֿעראַכטונג צום פֿאָטער. ער האָט איהם געהאַלטען פֿאַר אַסך שטאַרקער ווי עס האָט זיך אַרויסגעציינט, און בעת דער פֿאָטער איז אַזוי דערשלאָגען, אַז עס איז איינפֿאַך געווען אַ רחמנות אויף איהם אַ קוק צו טהאָן, געזעסען אויף'ן זאַמד און האָט איהם געסטראַשעט מיט די פֿויסטען, האָט יאַקאָוו געשמייכעלט צו איהם מיט אַ פֿעראַכטענדען און בעליידיגענדען שמייכעל פֿון דעם שטאַרקען אַנטקעגען דעם שוואַכען.

„זאָל דיך דער שלאַג טרעפֿען! זיי פֿערפֿלוכט. . . אויף אייביג!"

וואַסילי האָט די קללה זיינע אויסגעשריען אַזוי הויך, אַז יאַקאָוו האָט זיך ניט ווילענדיג אומגעקוקט צו דער פֿישעריי, וואָס איז געלעגען דאָרט ווייט פֿון דער אַנדער זייט ים, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געגלויבט, אַז מען קען נאָך דאָרט דערהערען דעם דאָזיגען קראַנקען געשריי פֿון שוואַכקייט.

אָבער דאָרט האָט מען בלויז געקענט זעהן כ׳וואַליעס אין די זונן. דאָ האָט ער אַ שפּיי געטהאָן און געזאָגט:

„שריי נור, שריי!.... וועמען טהוסט דו אָב דערמיט? בלויז זיך אַליין... און אַז עס איז שוין יאָ געקומען אַזוי ווייט מיט אונז, וועל איך דיר אָט וואָס זאָגען... כדי איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל צו מאַכען אַ סוף..."

„שווייג!... אַוועק פֿון מיינע אויגען... געה!" האָט וואַסילי געשריען.

„אין דאַרף צוריק געה איך ניט... כ׳וועל דאָ דעם ווינטער פֿערברייגנען," האָט יאַקאָוו ווייטער גערעדט, ניט נעהמענדיג אין אַכט דאָס דאָזיגע געשריי, און דאָך האָט ער ניט אויפֿגעהערט קוקען אויף׳ן פֿאָטער און אויף די הועיות, וועלכע ער האָט געמאַכט. „דאָ איז מיר בעסער... דאָס פֿערשטעה איך גאַנץ גוט, כ׳בין דאָך ניט קיין דומ־קאָפּ. דאָס איז אַסך לייכטער... און מעהר פֿרייהייט... דאָרט קענסט דו מיט מיר טהאָן, וואָס דו ווילסט, אָבער דאָ — נאַ, ביים אַקאָרשט איין!"

ער האָט געוויזען דעם פֿאָטער אַ פֿייג און דערביי האָט ער זיך צולאַכט ניט אויף׳ן קול, נאָר דאָך אַזוי הויך, אַז וואַסילי איז פֿון דאָס ניי געוואָרען מלא רציחה, האָט זיך מיט אימפּעט אויפֿגעהויבען פֿון זאַמד, געכאַפּט אַ לאָפּעטע און זיך אַ לאָז געטהאָן אויף איהם מיט אַ היי־זעריגען געשריי:

„אָט דאָס דעם טאַטען דיינעם? דעם טאַטען? אַה? איך דער׳הרג׳ע דיך אויף טויט..."

נאָר אַז וואַסילי איז מיט אימפּעט און אין איין רציחה צוגעשפּרונגען צום שיפֿעל, איז שוין יאַקאָוו געווען ווייט פֿון איהם. ער איז געלאָפֿען און דער אָבגעריסענער אַר־בעל פֿון העמד האָט איהם אין דער לופֿטען נאָכגעיאָגט.

וואַסילי האָט איהם נאָכגעוואָרפֿען די לאָפּעטע, אָבער זי האָט ניט דערגרייכט יאַקאָוו׳ן, און פֿון דאָס ניי איז וואַסילי אַנידערגעפֿאַלען אָהן כוחות מיט דער בריסט אין

שיפֿעל, האָט מיט די נעגעל געקראַצט דאָס האַלץ, בעת דער זוהן האָט געשריען צו איהם פֿון דער ווייטען:

„שעהמען מעגסט דו זיך! גראָה ביסט דו שוין און דאָך ביסט דו ווילד געוואָרען צוליעב אַ פֿרוי... אַך, דו! כ׳וועל ניט צוריקגעהן אין דאָרף אַריין... כ׳וועל ניט צוריקגעהן! געה דו, אַז דו ווילסט... אַלצאיינס... האָסט דאָ גאָרנישט וואָס צו טהאָן..."

„יאַשקאַ! שווייג שטיל!" האָט וואַסילי זיך געסטאַרעט איהם אַריבערשרייען. „יאַשקאַ! איך דער׳הרג׳ע דיך אויף טויט... געה אַוועק! טראָג זיך פֿון דאַנעט!"

נאָר יאַקאָוו האָט שוין גענומען געהן און בעת מעשה האָט ער ניט אויפֿגעהערט לאַכען.

מיט קליינע, וואַהנזיניגע אויגען האָט וואַסילי זיך צוגעקוקט, ווי ער איז געגאַנגען. זעה נאָר! מיט אַמאָל איז ער קורצער געוואָרען, אָקוראַט ווי די פֿיס זיינע וואָלטען פֿערזונקען אין זאַמד... אָט איז ער גאָר איינגעזונקען געוואָרען אין זאַמד ביז׳ן גאַרטעל... ביז די שולטערן... און אָט — מיט׳ן קאָפּ אין זאַמד. ער איז ניטאָ... אין אַ ווילע אַרום, אַביסעל ווייטער פֿון דעם אָרט, וואו ער איז פֿערשוואונדען, איז ער פֿון דאָס ניי אַרויס, נאָר ביסלאַכווייז: תחילת זיין קאָפּ, דערנאָך די שולטערן, דאַן די גאַנצע פֿיגור... אַצונד איז ער עפּעס אַזוי ווי קלענער געוואָרען... קעהרט זיך אום און קוקט אַריבער אַהער און שרייט עפּעס.

„זיי פֿערפֿולכט! פֿערפֿלוכט, פֿערפֿלוכט!" האָט וואַסילי געענטפֿערט אויף׳ן זוהן׳ס געשריי. יאַקאָוו האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און איז פֿון דאָס ניי אַוועק... און פֿון דאָס ניי איז ער פֿערשוואונדען הינטער אַ זאַמדבערגעל.

אַ היבשע ווילע האָט וואַסילי געקוקט אהין אין יענער זייט, ביז וואַנעט דער רוקען האָט איהם אָנגעהויבען וועה טהאָן פֿון דער מאָדנער פּאָזיציע, און וועלכער ער איז

געלעגען האַלב אין שיפֿעל און האַלב אויף׳ן זאַמד. דערשלאָגען און צובראָכען איז ער אויפֿגעשטאַנען און קוים וואָס ער האָט זיך געקענט האַלטען אויף די פֿים פֿון שמערץ.

דער גאַרטעל האָט זיך איהם אַרויפֿגעקאַטשעט ביז אונטער די אָרעמס; מיט פֿערגליווערטע פֿינגער האָט ער איהם אויפֿגעבונדען, איהם בעטראַכט און איהם אַ וואָרף געטהאָן אויף׳ן זאַמד. נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט געהן אין ביידעל אַריין, נאָר לעבען טהיר איז ער געבליבען שטעהן, האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ אויף דעם פּלאַץ איז ער געפֿאַלען און אַז ער וואָלט אפשר דעם זוהן זיינעם געפּאַקט, ווען ער פֿאַלט ניט אַנידער. אינעווייניג אין ביידעל איז אַלעס געווען אומגעוואָרפֿען. וואַסילי האָט מיט די אויגען געזוכט די פֿלאַש מיט שנאַפּס און נאָכדעם ווי ער האָט זי געפֿונען צווישען די זעק, האָט ער זי אויפֿגעהויבען. זי איז געווען גוט פֿערקאָרקט און דער שנאַפּס האָט זיך ניט אויסגעגאָסען. לאַנגזאַם האָט וואַסילי אַרויסגעקראַצט די פּראָפּקע און אַריינגעשטעקט דאָס העלזעל פֿון דער פֿלאַש אין מויל אַריין, כדי זיך צו שטאַרקען. אָבער דאָס גלאָז האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן די צייהן און דער שנאַפּס האָט זיך אויסגעגאָסען פֿון מויל אויף׳ן באָרד, אויף דער ברוסט. איצט האָט דער שנאַפּס קיין שום טעם ניט געהאַט, אַזוי ווי וואַסער.

וואַסילי׳ן האָט געשווינדעלט אין קאָפּ, אויף׳ן האַרצען איז איהם געווען שווער און דער רוקען האָט איהם מורא׳דיג וועה געטהאָן.

„אָבער בין איך דאָס אַביסעל אַלט געוואָרען", האָט ער אין דער הויך געזאָגט און האָט זיך אַנידער געזעצט אויף׳ן זאַמד ביים אַריינגאַנג פֿון ביידעל.

אַנטקעגען איהם איז געלעגען דער ים — גרויס, זיפּצענדיג, פֿול מיט קראַפֿט און שעהנקייט... די כוואַליעס האָבען ווי תמיד ליאַרמענדיג געלאַכט. אַ היבשע ווילע

האָט וואַסילי געקוקט אין וואַסער אַריין און האָט זיך דערמאָנט אָן די זשאַרנע ווערטער פון זיין זוהן:

„יאָ, ווען אָט דאָס אַלעס וואָלט געווען ערד, און נאָך שוואַרצע ערד דערצו! און עס פעראקערן!"

אַ שטאַרקעס געפיהל פון ווייטאָג האָט אַרומגענומען דעם בויער. ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געריבען די ברוסט, זיך אומגעקוקט און א טיפען זיפץ געטהאָן. דער קאָפּ זיינער האָט זיך אַרונטער געלאָזט און דער רוקען איינגעבויגען, עפּעס אַזוי ווי אַ שווערע משא וואָלט אויף איהם געלעגען. ס'האָט איהם אָנגעהויבען מורא'דיג שטיקען אין האַלז. וואַסילי האָט זיך אויסגעהוסט און זיך איבערגע'-צלמ'ט, אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל. אַ שווערער געדאַנק האָט איהם בעהערשט.

...דערפאַר וואָס ער האָט צוליעב אַן אויסגעלאַסענע פרוי אַוועקגעוואָרפען זיין ווייב, מיט וועמען ער האָט פערבראַכט מעהר ווי פופצעהן יאָהר אין עהרליכער אַרבייט — האָט איהם גאָט אַצונד געשטראָפט מיט דער ווידערשפעניגונג פון זיין זוהן.

אַזוי, גאָט!

געשענדעט האָט איהם דער זוהן, דאָס האַרץ האָט ער איהם אין שטיקער צוריסען... איהם דערשלאָגען אויף טוידט דערפאַר איז ווייניג, וואָס ער האָט אויף אַזאַ'ן אופן דעם פאָטער זיינעם פון די כלים אַרויסגעבראַכט! צוליעב וואָס? צוליעב אַ פרוי, וואָס פיהרט א שמוציג, שענדליך לעבען!... ס'איז געווען אַ זינד, וואָס אַזאַ'ן אַלטער מאַן ווי ער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט איהר, גאָר פערגעסענדיג אָן זיין פרוי און זיין זוהן...

און אָט האָט זיך דער האַר פון דער וועלט דערמאָנט אָן איהם, דורך זיין זוהן האָט ער איהם אַ זעץ געטהאָן אין האַרצען מיט זיין גערעכטער שטראָף...

אַזוי גאָט!

איינגעבויגען איז וואַסילי געזעסען, האָט זיך געהאַל-טען אין איין צלם'ן און אָפט געפינטעלט מיט די ברעמען,

אַוועקיאָגענדיג מיט זיי די טרעהרען, וועלכע האָבען איהם געבלענדט די אויגען.

די זונן האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין ים און די פורפורנע רויטקייט איז ביסלאַכווייז פערשוואונדען פון הימעל. אַ וואַרים ווינטעל איז אָנגעקומען פון דער ווייטענס און האָט געבלאָזען דעם בויער גלייך אין זיין געזיכט, וואָס איז פייכט געווען פון טרעהרען. פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, פול מיט חרטה, איז ער געזעסען ביז וואַנעט ער איז אַנשלאָפען געוואָרען. דאָס איז געשעהן בעגינען צו טאָג.

איין טאָג נאָך דעם שטרייט מיט'ן פאָטער איז יאַקאָוו געפאָהרען מיט אַ פארטיע אַרבייטער אויף אַ בארקע באפען פיש אין אַ קאַנאַל, אַן ערך דרייסיג וויאָרסט ווייט פון דער פישעריי.

אין פינף טעג אַרום איז ער שוין ווידער געווען אין דער פישעריי; ער איז צוריקגעקומען אַליין אין זעגעל שיף — מען האָט איהם געשיקט נאָך פראָוויאַנט. אָנגעקומען איז ער מיטאָג־צייט, ווען די אַרבייטער האָבען זיך אָבגערוהט נאָך'ן עסען. ס'איז געווען מורא'דיג היים, דער גליהענדער זאַמד האָט איינפאך פער'שרפה'ט די פיס און די שופען און ביינדלאַך פון די פיש האָבען געשטאָכען. פאָרזיכטיג איז יאַקאָוו צוגעגאַנגען צו די הילצערנע שטיבער, וואו די אַרבייטער פלעגען זיך אויפהאַלטען, און ער האָט זיך אַ לעבעדיגער אויפגעגעסען וואָס ער האָט ניט אָנגעטהאָן קיין שטיועל. זיך אומקעהרען צום שיפעל איז ער געווען צו פויל, און אַחוץ דעם האָט ער זיך געאיילט אויף גיך עפעס אָבצועסען, כדי צו קענען זעהן מאַלוואַ'ן. אין פערלויף פון דער דאָזיגער לאַנגווייליגער צייט, וואָס ער האָט פערבראַכט אויף'ן ים, האָט ער אָפט געטראַכט פון איהר. אַצונד האָט זיך איהם געוואָלט וויסען, צו זי האָט זיך געזעהן מיט זיין פאָטער און וואָס ער האָט איהר געזאָגט... אפשר האָט ער זי גאָר געשלאָגען? ס'וואָלט

גאָר ניט געשאַדט, איהר דורכברעכען אַביסעל די ביינער — זי וואָלט רוהיגער געוואָרען. ווארים זי איז צו היציג און צו פֿלינק. אויף דער פֿישעריי איז געווען שטיל און איינזאַם. די פֿענסטער אין די באַראַקען זיינען געווען אָפֿען און דיזע גרויסע הילצערנע קאַסטענס האָבען אויך אויס־געזעהן אַזוי ווי פֿערשמאַכט פֿון היץ. אין קאָנטאָר ביים אויפֿזעהער האָט זיך אַ קינד געריסען אויף׳ן קול. הינטער דעם הויפֿען פֿון פֿעסער האָבען זיך געלאָזט הערען שטילע שטימען. יאַקאָוו האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אַהין: איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט מאַלוואַ׳ס קויל. נאָר אַז ער איז צוגעקומען צו די פֿעסער און האָט געוואָרפֿען אַ בליק הינטער זיי, איז ער אָבגעשפרונגען אָן אַ זייט און געבליבען שטעהן אַ צומישטער.

הינטער די פֿעסער, אין זייער שאָטען, איז געלעגען דער רויט־האָריגער סערעשקאַ מיט דער ברוסט אַרויף און מיט די צוזאַמענגעלייגטע אָרעמס אונטער׳ן קאָפּ. אויף איין זייט איז געזעסען יאַקאָוו׳ס פֿאָטער, אויף דער אַנדער זייט — מאַלוואַ.

יאַקאָוו האָט זיך פֿערטראַכט וועגען פֿאָטער. — וואָס טהוט ער דאָ? צי האָט ער זיך ניט אַקאָרשט אָבגעזאָגט פֿון זיין רוהיגער שטעלע אין דער פֿישעריי, כדי צו זיין דאָ לעבען מאַלוואַ׳ן און איהם ניט צולאָזען צו איהר? אַך, דער אַלטער טייוועל! ווען די מאַמע וואָלט עס געוואוסט פֿון דעם אַלעמען!. . . וואָס זשע, זאָל מען צוגעהן צו זיי, אָדער ס׳איז ניט נייטיג?

„נאַ. . ." האָט זיך סערעשקאַ אָבגערופֿען. „אַלזאָ — אַדיע! נו, וואָס איז דאָ פֿאַר אַן אונגליק דערביי? געה, קראַץ די ערד. . ."

יאַקאָוו האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און פֿריילאַך געפינטעלט מיט די אויגען.

„איך געה. . ." האָט געזאָגט זיין פֿאָטער.

דאַן איז יאַקאָוו מוטהיג צוגעגאַנגען און האָט זיי בע־גריסט מיט די ווערטער:

„דער געשעצטער פֿערזאַמלונג!"

דער פֿאָטער האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם אַ בליק און זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, מאַלוואַ האָט זיך גאָר געמאַכט ניט זעהענדיג און סערעשקאַ האָט געטריי־סעלט מיט'ן פּוס און מיט אַ טיעפֿער שטימע געזאָגט:

„אָט איז צוריקגעקומען פֿון פֿרעמדע לענדער אונזער געליעבטער זוהן יאַשקאַ!" און אין זיין געוועהנליכען טאָן האָט ער צוגעלייגט: „ציהט פֿון איהם אַרונטער די פֿעל פֿאַר אַ פויק... אַזוי ווי דעם פעלץ פֿון'ם שעפּס."

מאַלוואַ האָט שטילערהייט געלאַכט.

„ס'איז הייס," האָט יאַקאָוו געזאָגט, זיך אַנידערזעצענדיג לעבען זיי.

וואַסילי האָט פֿון דאָס ניי אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אַ בייזען בליק.

„כ'וואַרט דאָ אויף דיך, יאַקאָוו, זייט היינט אין דער־פֿריה," האָט ער זיך אָבגערופֿען. „נעכטען האָט מיר דער אויפֿזעהער געזאָגט, אַז דו וועסט קומען..."

יאַקאָוו'ן האָט זיך געדוכט, אַז דעם פֿאָטער'ס שטימע איז עפּעס שטילער ווי געוועהנליך און דאָס געזיכט זיינס איז אויך ניט געווען דאָסזעלבע וואָס אַלע מאָל.

„כ'בין געקומען נאָך פּראָוויאַנט," האָט ער געזאָגט און דערנאָך האָט ער געבעטען ביי סערעשקאַ'ן אַביסעל טאַבאַק אויף אַ פּאַפּיראָס.

„פֿאַר דיר עזעלקאָפּ האָב איך ניט קיין טאַבאַק," האָט סערעשקאַ געענטפֿערט, זיך ניט אַ ריהר געבענדיג פֿון אָרט.

„כ'געה אַהיים, יאַקאָוו," האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען, אַרומפֿיהרענדיג די פֿינגער אין זאַמד.

„נאָך וואָס?..." האָט אַ פֿרעג געטהאָן דער זוהן און האָט איהם דערביי אָנגעקוקט מיט אַן אונשולדיגען בליק.

„נו, און דו... בלייבסט?"

„יאָ, איך בלייב. וואָס זאָלען מיר ביידע טהאָן אין דערהיים?"

„נו. . . כ'זאָג גאָרנישט. ווי דו ווילסט. . . ביסט דאָך ניט קיין קליין קינד. — אָבער איין זאַך. . . געדיינק, אַז איך קען לאַנג ניט אויסהאַלטען. לעבען אפשר וועל איך נאָך, נאָר אַרבייטען, וויים איך ווירקליך ניט ווי. . . כ'האָב זיך, מיין איך, אָבגעוועהנט פון דער ערד. . . געדיינק אַלזאָ, דיין מאַמע איז דאָרט."

ס'האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס ריידען קומט איהם אָן שווער: די ווערטער האָבען זיך איהם צוגעקלעפט צו די צייהן. ער האָט זיך געגלעט דעם באָרד און זיין האַנד האָט געציטערט.

מאַלוואַ האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ גלייכגילטיגען בליק.

סערעשקאַ האָט צונויפגעדריקט איין אויג און דאָס אַנדערע געעפענט אַזוי גרויס ווי נאָר מעגליך און אַריינגעקוקט יאַקאָוו'ן גלייך אין געזיכט אַריין. יאַקאָוו איז געוועזען מלא שמחה, נאָר כדי מען זאָל עס ניט בעמערקען, האָט ער געשוויגען און געקוקט אויף די פים.

„פערגעס אַלזאָ ניט, יאַקאָוו, די מאַמע. . . זעה, דו ביסט דער איינציגער," האָט וואַסילי געזאָגט.

„יאָ, וואָס דען?" האָט יאַקאָוו געענטפערט, זיך דרעהענדיג. „איך וויים שוין."

„ס'איז גוט, אַז דו ווייסט. . ." האָט זיך דער פאָטער אָבגערופען, איהם אָנקוקענדיג מיט אַ ברוגז'דיגען בליק. „כ'זאָג בלויז, דו זאָלסט ניט פערגעסען."

„נו. . ."

וואַסילי האָט אַ טיפען זיפץ געטהאָן. אַ היבשע ווײַלע האָבען אַלע פיער געשוויגען שטיל. דערנאָך האָט זיך מאַלוואַ אָבגערופען:

„באַלד וועט מען קלינגען צו דער אַרבייט."

„נו, כ'וועל שוין געהן," האָט וואַסילי ערקלעהרט, אויפשטעהענדיג. און אַלע אַנדערע האָבען זיך אויך אויפגעהויבען.

„אַדיע, סערגיי. . . אַז דו וועסט אַמאָל אפשר זיין ביי

דער וואָלגאַ, קומסט דו דאָך? סימבירסקע אויעזד, דאָס דאָרף מאַסלאַ אין דעם ניקאָלאָ-ליקאָווער וואָלאָסט...״

„שוין רעכט,״ האָט סערעשקאַ געענטפֿערט, האָט איהם געשאָקעלט די האַנד און זי ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זיין פֿעסטער האַנד, בעוואַקסען מיט רויטע האָר, קוקענדיג בעת מעשה מיט אַ שמייכעל אין זיין מרה שחורה׳דיגען און ערנסטען געזיכט.

„ליקאָוואָ-ניקאָלסקאָיע איז אַ גרויס דאָרף... מען קען עס אין יענער געגענד אַרום און אַרום, און פֿון דאָרט ביז צו אונז איז בלויז פֿיער וויאָרסט גאַנג,״ האָט וואסילי ער־קלעהרט.

„נו, נו... כ׳וועל שוין קומען... אַז דער צופֿאַל וועט וועלען.״

„אַדיע!״

„אַדיע, ליעבער מאַן!״

„אַדיע, מאַלוואַ!״ האָט זיך וואסילי אָבגערופֿען מיט אַ פֿערדריקטען טאָן, ניט אַ קוק געבענדיג אין איהר זייט.

לאַנגזאַם, אָהן איילעניש, האָט זי זיך אָבגעווישט די ליפּען מיט׳ן אַרבעל, האָט אַרויפֿגעלייגט איהרע ווייסע הענד אויף זיינע שולטערן, און שטיל און ערנסט האָט זי איהם דריי מאָל געקושט אויף די באַקען און אויף די לי־פּען.

דאָס האָט איהם אַביסעל צומישט און ער האָט אַרויס־געמורמעלט עטליכע אונדייטליכע ווערטער. יאַקאָוו האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, שמייכלענדיג אין זיך. סערעשקאַ איז געווען רוהיג און האָט זאָגאַר אַ געגעץ געטהאָן, אַרויפֿקוקענדיג צום הימעל.

„ס׳וועט דיר זיין היים געהענדיג,״ האָט ער זיך אָב־געגרופֿען.

„ס׳שאַדט ניט... נו, אַדיע, יאַקאָוו!״

„אַדיע!״

זיי זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן, ניט וויסענדיג וואָס צו טהאָן. דאָס טרויעריגע וואָרט „אַדיע״,

וואָס האָט אין דער איין ווײלע אָבגעקלונגען אַזוי אָפּט און אַזוי מאָנאָטאָן אין דער לופֿטען, האָט דערוועקט בײַ יאַקאָוו'ן אין האַרצען אַ וואַרים געפֿיהל צום פֿאָטער, אָבער ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי ער זאָל עס אויסדריקען: צי ער זאָל דעם פֿאָטער אומאַרמען, ווי מאַלוואַ האָט עס געטהאָן, אָדער איהם דריקען די האַנד אַזוי ווי סערעשקאַ? וואַסי־לי'ן, ווידער, האָט בעליידיגט די אונענטשלאָסענקייט, וועל־כע האָט זיך אַרויסגעציינט פֿון דעם זוהן'ס האַלטונג, און אחוץ דעם האָט ער זיך מיט אַמאָל עפּעס אַזוי ווי אָנגע־הויבען שעהמען פֿאַר יאַקאָוו'ן. דאָס דאָזיגע געפֿיהל איז אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך דער עראינערונג אָן דעם שטרייט דאָרט אויף דער לאַנד־צונג און דורך מאַלוואַ'ס קושען.

„יאָ. . . פֿערגעס ניט די מאַמע'ן!" האָט זיך וואַסילי אָבגערופֿען.

„גוט, גוט!" האָט יאַקאָוו געזאָגט מיט אַ וואַרעמען שמייכעל. „דאַרפֿסט זיך ניט אַזוי בעאונרוהיגען. . . און איך וועל שוין זעהן!. . ." און דערביי האָט ער צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„נו. . . דאָס איז אַלעס! זייט געזונד דאָ, זאָל אייך גאָט געבען. . . דערמאָנט מיך ניט צום שלעכטען. . . יאָ, דאָס קעסעלע, סערעגאַ, האָב איך איינגעגראָבען אין זאַמד אונטער דער שטייער־באַנק ביים גרינעם שיפֿעל."

„נאָך וואָס טויג איהם דאָס קעסעלע?" האָט יאַקאָוו מיט אימפּעט אַ פֿרעג געטהאָן.

„ער האָט איבערגענומען מיין שטעלע. . . דאָרט אויף דער לאַנד־צונג. . ." האָט וואַסילי ערקלעהרט.

יאַקאָוו האָט מיט קנאה אַ קוק געטהאָן אויף סערעש־קאַ'ן, דערנאָך האָט ער געוואָרפֿען אַ בליק אויף מאַלוואַ'ן און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, בעהאַלטענדיג דעם פֿרעהלי־כען בלישטש אין זיינע אויגען.

„אַדיע, ברידער. . . איך געה!"

וואַסילי האָט זיך פֿערניינגט פֿאַר זיי און האָט זיך גע־לאָזט געהן. מאַלוואַ איז איהם נאָכגעגאַנגען.

„איך וועל דיך אַביסעל בעגלייטען.“

סערעשקאַ האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף'ן זאַמד און אָנגעכאַפּט יאַקאָוו'ן, וועלכער האָט געוואָלט נאָכגעהן מאַל־וואַ'ן, ביים פֿוס.

„ב־ר! וואוהין?“

„וואַ־ט! לאָז אָב...“ האָט זיך יאַקאָוו געוואָלט אויס־רייסען.

אָבער סערעשקאַ האָט איהם אָנגעכאַפּט ביים אַנדערן פֿוס.

„בלייב זיצען דאָ לעבען מיר.“

„יאָ, נו! וואָס מאַכסט דו פֿאַר שטיק?“

„איך מאַך ניט קיין שטיק...... דו, זעץ זיך!“

יאַקאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט צונויפֿגעדריקטע צייהנער פֿאַר כעס.

„וואָס ווילסט דו?“

„וואַרט אוים! דו שווייג, און איך וועל קלעהרען, דערנאָך וועל איך דיר שוין זאָגען וואָס איך וויל.“

מיט זיינע פֿרעכע אויגען, סטראַשענדיג, האָט ער געקוקט דעם יונג גלייך אין פּנים אַריין, און יאַקאָוו האָט זיך אונטערגעגעבען...

מאַלוואַ און וואַסילי זיינען אַ היבשע ווילע געגאַנגען, ניט אויסריידענדיג קיין וואָ־ט. זי האָט איהם פֿון דער זייט געקוקט גלייך אין געזיכט אַריין און איהרע אויגען האָבען מאָדנע געגלאַנצט. וואַסילי איז געווען אָנגע'ברוגז'ט און ער האָט געשוויגען. די פֿים זייערע זיינען אַלע ווילע געבלי־בען שטעקען אין זאַמד און זיי האָבען דעריבער ניט גע־קענט געהן שנ־ל.

„יואַסיאַ!“ האָט זיך מאַלוואַ ענדליך אָבגערופֿען.

„וואָס?“

ער האָט זי אָנגעקוקט און זיך גלייך אָבגעקעהרט פֿון איהר.

„און איך האָב דיך דאָך מיט אַ כיוון צוריסען מיט יאַשקאַ'ן. . . איהר וואָלט אַזוי אויך געקענט לעבען דאָ, זיך ניט קריגענדיג איינער מיט'ן צווייטען," האָט זי געזאָגט רוהיג און גלייכגילטיג; קיין שפור פון חרטה האָט זיך ניט אַרויסגעהערט פון איהרע ווערטער.

„נאָך וואָס האָסט דו עס געטהאָן?" האָט וואַסילי געפרעגט נאָך אַ קורצער פויזע.

„כ'וויים ניט. . . אַזוי זיך!"

זי האָט שמייכלענדיג אַ צוק געטהאָן מיט די שול-טערן.

„אַ שעהנע חתונה האָסט דו אנגעמאַכט! אַך, דו!" האָט ער איהר מיט אַ בייזען טאָן פאָרגעוואָרפען.

זי האָט געשוויגען.

„דו וועסט מיר דעם יונג איבערפיהרען, פאָלשטענ-דיג איבערפיהרען! נו יאָ! מכשפה דו, מכשפה!. . . וואָס זשע, האָסט גאָר קיין מורא ניט פאַר גאָט. . . שעהמסט זיך גאָרניט. . . וואָס טהוסט דו?"

„וואָס דען זאָל מען טהאָן?" האָט זי איהם געפרעגט. אין איהר פראַגע איז געלעגען אַביסעל אונרוהיגקייט אָדער פערדרוס.

„וואָס, פרעגסט דו? אַך דו!" האָט וואַסילי אַ געשריי געטהאָן, מלא רציחה אויף איהר.

ער האָט זיך געוואָלט ליידענשאַפטליך אַ וואָרף טהאָן אויף איהר, זי אַנידערשליידערן אונטער די פיס און איהר איינטרעטען אין זאַמד, איהר דערלאַנגען עטליכע געזונדע קלעפ מיט די שטיוועל אין ברוסט און אין פנים.

ער האָט צונויפגעדריקט זיין פויסט און זיך אומגע-קוקט אין אַלע זייטען.

דאָרט, ביי די פעסער, זיינען געשטאַנען יאַקאָוו און סערעשקאַ מיט די פנים'ער צו זיי.

„טראָג זיך. . . געה! איך וועל דיך צושמעטערן אויף שטיקלאַך."

ער איז שטעהן געבליבען און האָט איהר אַריינגעזאָגט פערשיעדענע שימפפווערטער כמעט גלייך אין געזיכט אַריין. די אויגען זיינען איהם געווען פערלאָפען מיט בלוט, דער באָרד האָט געציטערט און די הענד האָבען זיך ניט ווילענדיג אויסגעשטרעקט צו איהרע האָר, וועלכע זיינען אַרויסגעקראָכען פון אונטער איהר פאַטשיילע.

נאָר זי האָט איהם אָנגעקוקט רוהיג מיט איהרע גרינע אויגען.

„איך וואָלט דיך געדאַרפט דערשלאָגען אויף טויט, דו אַרומטרייבערקע וואָס דו ביסט! וואַרט אויס. . . וועסט שוין אָנטרעפען דעם ריכטיגען בחור. . . . מען וועט דיר שפּאַלטען דעם קאָפּ."

זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן, געשוויגען אַ ווילע און דערנאָך האָט זי מיט אַ טיעפען זיפץ געזאָגט:

„נו, גענוג שוין. . . אַדיע!"

און זי האָט זיך אויסגעדרעהט און איז אַוועק צוריק.

וואַסילי האָט איהר נאָכגעשריען און געקריצט מיט די צייהן. און מאַלוואַ איז זיך געגאַנגען און האָט זיך געסטאַרעט איינצוטרעטען מיט איהרע פיס וואַסילי'ס דייטליכע, אָבגעדריקטע פוס־טריט אין זאַמד, און אַז עס האָט זיך איהר נור איינגעגעבען האָט זי די דאָזיגע טריט אָבגעווישט, פערשאַרט מיט איהר פוס. אַזוי איז זי זיך געגאַנגען לאַנגזאַם ביז גאַנץ נאָהענט צו די פעסער, וואו סערעשקאַ איז איהר אַנטקעגען געקומען מיט דער פראַגע:

„נו, האָסט איהם, הייסט עס, בעגלייט?"

זי האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהם. און יאַקאָוו האָט זי אָנגעקוקט און צערטליך געשמייכעלט, און די ליפּען זיינע האָבען זיך בעת מעשה אַזוי לאַנגזאַם בעוועגט, אָקוראַט ווי ער וואָלט געשעפּטשעט עפּעס, וואָס נור ער אַליין קען הערען.

„וואָס. . . האָסט איהם בעגלייט, ס'האָט דיר לייד געטהאָן?" האָט איהר סערעשקאַ פון דאָס ניי געפרעגט מיט די ווערטער פון אַ ליעד.

„ווען געהסט דו אַהין, צו דער לאַנד־צונג ?" האָט זי איהם געענטפערט מיט אַ פראַגע און אָנווייזענדיג מיט'ן קאָפּ אויף'ן ים.

„פאַרנאַכט."

„און איך געה אויך מיט דיר."

„בראַוואָ!... דאָס האָב איך ליעב."

„און איך געה אויך מיט!" האָט זיך יאַקאָוו מיט אַן ענטשלאָסענעם טאָן אָבגערופען.

„ווער רופט דיך ?" האָט סער־עשקאַ געפרעגט, צונויפ־דריקענדיג בעת מעשה די ברעמען פון די אייגען.

ס'האָט זיך דערהערט דער קלינגענדער טאָן פון אַ צובראָכענעם גלאָק — דאָס רופען צו דער אַרבייט. די טענער האָבען זיך מיט אימפעט געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע אין דער לופטען, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט, זיי זאָלען זיך ניט פערשפעטיגען, זיי זאָלען ניט אָבשטאַרבען דאָ אין דעם לוסטיגען גערויש פון די כּוואַ־ליעס.

„זי וועט מיך רופען!" האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופען, אַ קוק טהאָנדיג אויף מאַלוואַ'ן מיט אַן אַרויספאָדערנדען בליק.

„איך ? נאָך וואָס דאַרף איך דיך ?" האָט זי זיך גע־וואונדערט.

„לאָמיר ריידען אָפען, יאַשקאַ," האָט סערעשקאַ גע־זאָגט מיט אַ גראָבען טאָן, און דערביי איז ער אויפגע־שטאַנען. „אַז דו וועסט זי ניט צורוה לאָזען — צוברעך איך דיר די ביינער! אין טאָמער וועסט דו זי אָנ־יהרען מיט אַ פינגער אפילו — דערשלאָג איך דיך אייף טויט, אַזוי ווי אַ פליעג! כ'דערלאַנג דיר אַ זעץ אין קאָפּ — און דו ביסט מעהר ניטאָ אויף דער וועלט! איך מאַך עס גאַנץ איינפאַך!"

דאָס גאַנצע געזיכט זיינס, זיין געשטאַלט און די צו־קנייטשטע הענד, וועלכע האָבען זיך אויסגעשטרעקט צו

יאַקאָוו׳ס האַלז, האָבען גאַנץ דייטליך געֶרעדט דערפוּן, ווי איינפאַך ס׳איז פאַר איהם, צו הרג׳ענען אַ מענשען.

יאַקאָוו האָט אָבגעטראָטען אָן אַ זייט און מיט אַ פערדריקטען טאָן האָט ער געזאָגט.

„וואַרט אַקאָרשט! זי אַליין האָט דאָך...“

„רוּהיג, זיי שטיל, שש — זאָג איך דיר! וואָס ביסט דוּ? ניט פאַר דיר הונד פאַסט עס, אַ שעפעלע צוּ עסען, דאַנק גאָט, אַז מען גיט דיר די ביינער אָבצוּלעקען.... נוּ?.... וואָס קוּקסט דוּ מיך אַזוי אָן?“

יאַקאָוו האָט אַ קוּק געטהאָן אויף מאַלוואַ׳ן. איהרע גרינע אויגען האָבען איהם אַריינגעשמייכעלט גלייך אין געזיכט אַריין מיט אַ בעליידיגענדען, פערניכטענדען שמייכעל, און זי האָט זיך אַזוי צערטליך צוגעטוּליעט צוּ סערעשקאַ׳ן, אַז יאַקאָוו׳ן איז אַרוים דער שוויים אויף׳ן פנים פוּן פערדרוּס.

איינער לעבען אַנדערן זיינען זיי אַוועק פוּן איהם, און אַז זיי זיינען אָבגעגאַנגען אַביסעל ווייטער, האָבען זיי זיך צולאַכט אויף׳ן קול. יאַקאָוו האָט מיט אַלע כיחות אַ זעץ געטהאָן מיט׳ן רעכטען פוּס אין זאַמד און איז געבליבען שטעהן אַ פערגליווערטער מיט אַ רויט געזיכט און מיט אַ שווער־אָטהעמענדע ברוּסט.

אין דער ווייטענס, איבער די געלע, טויטע כוואַליעס פוּן דעם זאַמד האָט זיך בעוועגט אַ קליינע און דוּנקעלע מענשליכע געשטאַלט; רעכטס פוּן איהר האָט געבלישטשעט אַנטקעגען דער זוּנן דער לוּסטיגער און מעכטיגער ים און לינקס ביז צוּם האָריזאָנט האָט מען קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן נוּר זאַמד, מאָנאָטאָנער, טרויעריגער, איינזאַמער זאַמד. יאַקאָוו האָט נאָכגעקוּקט דעם איינזאַמען מענשען און פינטלענדיג מיט די אויגען, פוּל בעליידיגוּנג און צווייפעל, האָט ער זיך מיט בײדע הענד שטאַרק געריבען די ברוּסט..

און אויף דער פּישערײ האָט זיך אָנגעפאַנגען די אַר־בייט.

יאַקאָוו האָט געהערט מאַלוואַ'ס פּולע ברוסט־שטימע, וועלכע האָט געשריען:

„ווער האָט צוגענומען מיין מעסער..."

און די כוואַליעס קלינגען, די זונן גלאַנצט און דער ים שמייכעלט...

ע נ ד ע.

אין דער סטעפּע.

— פון —

מאַקסים גאָרקי.

(איבערזעצט אויס דעם רוסישען פֿון מ. ש.)

הונגעריג ווי הינד, בייז אויף דער גאַנצער וועלט זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פֿון פּערעקאָפּ. אויף׳ן האַרצען איז געווען אַזוי שלעכט; אַ גאַנצען האַלבען מעת לעת האָבען מיר געבראָכען דעם קאָפּ, ווי קריגט מען עפּעס צו גנב׳נען אָדער צו פֿערדינען, און אַז מיר האָבען סוף כל סוף איינגעזעהען, אַז ניט דאָס איינע, ניט דאָס אַנדערע וועט אונז געלינגען, האָבען מיר בעשלאָסען צו געהען ווייטער. וואָהין? אַזוי, גלאַט ווייטער.

איינשטימיג האָבען מיר עס בעשלאָסען. „ווייטער געהן, ווייטער געהן,” האָט יעדער פֿון אונז געזאָגט. מיר זיינען אָבער געווען בעריט ניט נאָר יעצט ווייטער צו געהן, נאָר אין אַלע הינזיכטען פֿאָרטצוזעצען אונזער מאַרשרוט אויף דעם־זעלבען לעבענסוועג, אויף וועלכען מיר זיינען געגאַנגען ביז יעצט. מיר האָבען עס אפילו ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערען, אָבער מען האָט עס קלאָר געקענט זעהען אין דעם פֿינסטערען גלאַנץ פֿון אונזערע הונגעריגע אויגען.

מיר זיינען געווען דריי; ערשט ניט לאַנג האָבען מיר זיך בעקענט, אין אַ שענק אין חערסאָן.

איינער פֿון אונז איז געווען אַ סאָלדאַט פֿון׳ם אייזענבאַהן באַטאַליאָן; מיט רויטע האָר, שטאַרקע מוסקלען און קאַלטע, גרויע אויגען; ער האָט געקענט רעדען דייטש, און דאָס לעבען פֿון אָסטראָג איז איהם געווען בעקאַנט, אַזוי ווי זיינע פֿינף פֿינגער.

אונזער איינער האָט פֿיינט צו רעדען פֿון זיין פֿערגאַנ־גענעם לעבען; יעדער האָט זיך זיינע פּריטשינעס, פֿאַר וואָס ער וויל ניט רעדען פֿון דעם, און דערפֿאַר האָבען מיר גע־גלויבט איינער דעם אַנדערען, וויניגסטענס אויסערליך;

דען ווען מען זאָל זיך גוט אַריינקוקען אין אונזער האַרץ, וואָס עס טהוט זיך אינווייניג ביי אונז, וואָלט מען געזעהען, אַז אפילו זיך אַליין גלויבען מיר זעהר שווערליך.

אונזער צווייטער חבר איז געווען אַ דאַרינקער קליין מענשעלע מיט דינע ליפּען, וועלכע זיינען ביי איהם געווען שטענדיג סקעפּטיש צונויפגעלעגט. ער האָט אונז געזאָגט, אַז ער איז אַ געוועזענער סטודענט פון מאָסקאָווער אוני-ווערזיטעט, און מיר האָבען עס געהאַלטען פאַר אַן אמת, מיר האָבען איהם געגלויבט.

אונז איז אייגענטליך געווען איינערליי, וואָס ער איז פריהער געווען, אַ סטודענט, אַ שפּיאָן אָדער אַ גנב; די הויפּטזאַכע איז געווען, אַז אין דער צייט, וואָס מיר האָבען זיך מיט איהם בעקענט, איז ער געווען אַ גלייכער פויגעל מיט אונז: האָט געהונגערט, אַזוי ווי מיר; די פּאָליציי אין די שטעט האָט שטאַרק נאָכגעקוקט נאָך איהם, ווי נאָך אונז; די מוזשיקעס אין די דערפער פלעגען קוקען אויף איהם, ווי אויף אַ פערדעכטיגען מענשען, אַזוי ווי אויף אונז; געהאַסט האָט ער ביידע, די פּאָליציי און די מוזשיקעס, מיט דעם האַס פון אַ שוואַכער, הונגעריגער חיה; און ער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק, ווי אַזוי נקמה צו נעהמען פון דער גאַנצער וועלט. מיט איין וואָרט, אין יעדער הינזיכט, איז ער געווען פון „אונזערע."

„דאָס אונגליק איז דער בעסטער צעמענט, וועלכער בינט צוזאַמען גאַנץ פערשידענע מענשען, און מיר האָבען געמיינט, אַז מיר האָבען פאָלקאָמען רעכט צו הייסען אונגליקליכע.

דער דריטער בין איך געווען. איך בין זעהר אַ שעמע-דיגער און דערפאַר וועל איך גאָר ניט זאָגען פון מיינע מעלות, אָבער אויך מיינע חסרונות וועל איך פערשווייגען, איהר זאָלט מיך ניט האַלטען פאַר אַ נאַרעלע. נאָר עפּעס מוז מען דאָך זאָגען, חאָטש נאָר צוליב דעם, עס זאָל זיין אביסעל מאַטעריאַל פאַר מיין כאַראַקטעריסטיק; נו, איך האָב זיך שטענדיג געהאַלטען פאַר אַ בעסערען מענשען פון אַלע אַנדערע, און נאָך ביז היינט דענק איך אַזוי.

מיר זיינען זיך געגאַנגען אַלע דריי און האָבען נאָר געדיינקט, ווי בעגעגענט מען שוין גיכער די שאָף-פּאַסטוכער; ביי זיי קען מען שטענדיג בעטען אַ שטיקעל ברויט, און זעלטען זאָגען זיי אָב.

איך בין געגאַנגען אין איינעם מיט דעם סאָלדאַט; דער „סטודענט" איז געגאַנגען הינטער אונז, אויף זיינע פּלייצעס איז געהאַנגען עפּעס אַ מין רעקעל; אויף זיין שפּיציגען און גלאַט אָבגעשאָרענעם קאָפּ איז געווען אָנגעטהאָן אַ רעסטעל פֿון אַ ברייטעם קאַפּעלוש; אויף זיינע דינע פֿיס האָט ער געהאַט אַ פּאָר הויזען, פֿול מיט לאַטעס פֿון פֿערשידענע פֿאַרבען. שיך האָט קיינער פֿון אונז ניט געהאַט, נאָר דער „סטודענט" האָט געפֿונען אויף'ן וועג אַ גאָלענישצע פֿון אַ שטיוועל, פֿון דעם אונטערשלאַג פֿון זיין קאָסטיום האָט ער צונויפֿגעדרייט אַ שטריק, און האָט מיט איהם צוגעבונדען די גאָלענישצע צו די פּאָדאָשוועס פֿון זיינע פֿיס. ער האָט עס געבענשט מיט דעם נאָמען „סאַנדאַליען" און האָט געהענדיג געמאַכט אַ גרויסען שטויב מיט זיי. ער האָט ניט גערעט, איז זיך געגאַנגען שטיל הינטער אונז, נאָר זיינע קליינינצקע גרינע אויגען האָבען שטענדיג געגלענצט.

דער סאָלדאַט איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ רויטע ציטענע העמד, וועלכע ער האָט, ווי ער האָט אונז געזאָגט, מיט זיינע „אייגענע הענד" ערוואָרבען אין כערסאָן; איבער דעם העמד האָט ער נאָך געהאַט אַ וואַרעמען זשילעט אויף וואַטע; דער קאָפּ איז געווען בעדעקט מיט אַ סאָלדאַטסקע היטעל, אָבער מען האָט בשום אופֿן ניט געקענט ערקענען, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרב זי האָט געהאַט; אויף די פֿיס האָבען זיך געבאָלטעט ברייטע צומאַשקע שאַראָוואַרעס. ער איז געווען באָרוועס.

איך בין אויך געווען עהנליך אָנגעטהאָן און אויך באָרוועס.

אַרום אונז פֿון אַלע זייטען האָט זיך צוואָרפֿען די גרויסע רוסישע סטעפּע; בעדעקט מיט דעם בלויען, הייסען, קלאָרען, זומערדיגען הימעל, איז זי געלעגען, ווי אַ גרויסע, שוואַרצע דעקע. דער גרויער, שטויביגער וועג האָט זיך דורכגעשניטען, אַזוי ווי פּונקט אין דערמיטען און האָט אונז געברענט די פֿיס. ערטערווייז פֿלעגען מיר טרעפֿען פּלעצער, וואו דאָס ברויט איז שוין געווען אָבגעשניטען, עס האָבען נאָר אַרויסגעשטעקט שטעכעדיגע רעסטלעך, און עס איז געווען אַזוי עהנליך צו די באַקען פֿון דעם סאָלדאַט, וועלכע זיינען שוין לאַנג ניט געווען ראַזירט.

דער סאָלדאַט איז זיך געגאַנגען און האָט מיט אַ הייזעריגען באַס געזונגען עפּעס אַ נגון פֿון קלויסטער און נאָך

מיט די ווערטער, אַז ער האָט געדינט, איז ער געווען אַ דיאַטשאָק אין דעם קלויסטער פֿון זיין באַטאַליאָן און האָט געקענט אַ מאַסע נגונים מיט די ווערטער אויסווייניג; ווי אונזער געשפּרעך פֿלעגט זיך נאָר אָברייסען, פֿלעגט ער באַלד אָנהויבען זינגען.

פֿון דערווייטען האָבען זיך אָנגעהויבען בעוויזען אויף׳ן הימעל פֿערשידענע פֿיגורען מיט אַזעלכע שעהנע גיואַנסען פֿון פֿערשידענע פֿאַרבען, לילאָווע, ראָזאָווע...

„אָט דאָס זיינען אַפּנים די קרימער בערג,״ האָט הינטער אונז געזאָגט דער „סטודענט״ מיט אַ טרוקענעם קול.

„בערג?״ האָט זיך אָבגערופֿען דער סאָלדאַט, „צו פֿריה, ברודער, האָסטו זיי דערזעהען. וואָלקען זיינען דאָס... פּשוט׳ע וואָלקען. קוק זיך נאָר גוט צו, זעהסט, וועלכע וואָלקען, פּונקט אַזוי ווי אַ קובעל מיט מילך...

אַך, ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען די וואָלקען וואָלטען אין אמת׳ען געווען אַ קיבעל! דער הונגער האָט זיך נאָך מעהר געלאָזט פֿיהלען.

„דער רוח זאָל עס וויסען, וואָס איז דאָס עפּעס היינט אַזוי,״ האָט זיך דער סאָלדאַט געבייזערט און אויסגעשפּיגען דערביי, „קיין לעבעדיגע נשמה בעגעגענט מען ניט! עס בלייבט אונז נאָר, אַזוי ווי די בערען ווינטער, זויגען די אייגענע לאַפּעס...״

„איך האָב באַלד געזאָגט, אַז מיר זאָלען בעסער געהען מיט אַזאַ וועג, וואו עס זיינען דאָ דערפֿער,״ האָט זיך אָבגערופֿען דער „סטודענט.״

„דו האָסט געזאָגט!״ האָט זיך אויפֿגערעגט דער סאָל-דאַט. „דערפֿאַר ביזטו דאָך אַ געלערענטער; ווער דען זאָל זאָגען, אַז ניט דו? וואו האָסטו דערפֿער? דער טייפֿעל וויים זיי, וואו זיי זיינען!״

דער סטודענט האָט גאָר ניט געענטפֿערט.

די זון האָט זיך געזעצט, און די וואָלקען אויף׳ן הימעל האָבען געשפּילט מיט פֿערשידענע פֿאַרבען, אונמעגליך איבערצוגעבען מיט ווערטער: אין דער לופֿט האָט געשמעקט מיט ערד און זאַלץ.

אונזער אַפּעטיט האָט זיך נאָך מעהר פֿערגרעסערט פֿון דעם טרוקענעם און געשמאַקען גערוך.

אין אונזערע מאָגענס האָט עס געגאָגט. דאָס איז געווען

אַ זאָנדערבאַרער און זעהר אונאַנגענעהמער געפֿיהל: עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז פֿון אַלע ביינער רינט אַרויס די זאַפֿט, זי וועבט זיך אויס, און די מוסקלען פֿערלירען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם דאָס לעבען. אין מויל און אין האַלז האָט זיך געפֿיהלט אַ שטעכעדיגע טרוקענהייט, דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט, און פֿאַר די אויגען פֿלעגען אָהן אויפֿהער שווינדלען פֿינסטערע פֿלעקען, וועלכע פֿלעגען זיך אונז פֿאָרשטעלען אַלס הייסע שטיקער פֿלייש און גרויסע לאַבענס ברויט; און ניט נאָר מיט די אויגען פֿלעגען מיר זיי זעהען, מיר האָבען אויך געפֿיהלט דעם גערוך, און דאַן האָט עס אין מאָגען געשניטען, ווי מיט אַ מעסער.

מיר זיינען אַלץ געגאַנגען ווייטער און יעדער פֿון אונז האָט דעם אַנדערען בעשריבען, וואָס ער פֿיהלט, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין מאָגען. מיר פֿלעגען אָבער אויך מיט אַלע אויגען זיך אַרומקוקען אין אַלע זייטען, טאָמער וועלען מיר ערגעץ דערזעהען אַ סטאַדע שאָף; מיר פֿלעגען זיך צוהערען, טאָמער וועט אַ סקריפּע טהאָן אַ וואָגען פֿון אַ טאָטער, וועלכער פֿיהרט אויף׳ן מאַרק פֿרוכטען.

עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפֿען. אויף׳ן פֿעלד איז געווען פוסט און שטיל.

ערב דעם שווערען טאָג האָבען מיר אַלע דריי אויפֿגעגעסען פֿיער פֿונט קאָרענברויט און פֿינף קאַווינעס; געגאַנגען זיינען מיר אָבער יענעם טאָג כמעט פֿערציג ווערסט, ווי איהר זעהט, איז דער ראַסכאָד געווען ניט גאָך׳ן פריכאָד. שלאָפֿען האָבען מיר זיך דאַן געלעגט אויף׳ן מאַרק, ביז דער הונגער האָט אונז אויפֿגעוועקט.

דער „סטודענט" האָט אונז דאַן אייגענטליך אַן עצה געגעבען, מיר זאָלען זיך ניט לעגען שלאָפֿען... מיר זאָלען בעסער ביי נאַכט זיך בעשעפֿטיגען מיט..., נאָר אין אַ פֿיינער געזעלשאַפֿט פּאַסט ניט צו רעדען פֿון פּראָיעקטען, ווי אַזוי מען זאָל מאַכען פֿרעמדע אייגענטהום פֿאַר אייגענס, דערפֿאַר וועל איך בעסער פֿערשוויינען; איך וויל נאָר דערצעהלען דעם ריינעם אמת, און עס איז גאָר ניט אין מיינע אינטערעסען צו זיין גראָב. איך ווייס, אַז די מענשען ווערען וואָס ווייטער אַלץ ווייכער אין אונזער ציוויליצירטע צייט, און אפילו ווען זיי כאַפּען דעם צווייטען ביים גאָרגעל, כדי איהם צו דערשטיקען, געבען זיי זיך די גרעסטע

מיה, עס צו טהאָן מיט דער מעגליכסטער פּיינקייט, ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך ביי אַזאַ פּאַל.

די ערפֿאַהרונג פֿון מיין אייגענעם גאָרגעל צווינגט מיך צו זאָגען דעם אמת, אַז איך האָב בעמערקט דעם פּראָגרעס, און עס איז מיר אפילו העכסט אַנגענעהם צו פֿערזיכערען, אַז אַלעס אויף דער וועלט ענטוויקעלט זיך און ווערט פֿאָלקאָמענער. נאָך מעהר בעמערקט מען דיזע מערקווירדיגע פֿערבעסערונג דורך דעם, וואָס די צאָהל פֿון די אָסטראָגען, פֿון די שענקען און פֿון די פֿרעהליכע הייזלעך ווערט יעדעס יאָהר גרעסער און גרעסער...

נאָר איך קעהר זיך אום צו מיין ערצעהלונג.

מיר זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער אין דעם וויסטען און שטילען פֿעלד, האָבען געשלונגען די הונגעריגע שפּייאַכץ, און האָבען זיך אונטערהאַלטען, אַזוי ווי מיר וואָלטען וועלען דורך דעם איינשטילען אונזערע מאָגענס. די שטראַהלען פֿון דער אונטערגעהענדער זון זיינען שוין רויטלעך געוואָרען, און מיר האָבען אַלץ געהאַלטען אין איין געהען, עפּעס אַזוי ווי מיר וואָלטען האָפֿען אויף עטוואָס. די זון האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזט אין די ווייכע וואָלקען, וועלכע האָבען בעקומען אַזאַ שעהנע פֿאַרב פֿון איהרע שטראַהלען, און אונטער אונז און פֿון די זייטען האָט די אָנקומענדע בלוויליכע פֿינסטערניס, וועלכע האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון'ם פֿעלד צום הימעל, אַלץ מעהר פֿערשמעלערט אונזער האָריזאָנט.

„נו, חברה, קלייבט מאַטעריאַל פֿאַר אַ פֿייער," האָט זיך אָבגערופֿען דער סאָלדאַט און האָט דערביי אויפֿגעהויבען אַ שטיק האָלץ. „מירמוזען דאָ נעכטיגען, אין דער סטעפּע; אַלזאָ קלייבט, קיזעק, שפּענדלעך, יעדעס שטיקעלע וועט צו נוטץ קומען!"

מיר זיינען אַראָב פֿון וועג און האָבען אָנגעהויבען זאַמלען טרוקענעם בוריאַן, אַלעס, וואָס קען נאָר ברענען. יעדעס מאָל, וואָס מען האָט זיך געדאַרפֿט איינבויגען צו דער ערד, האָט דעם גאַנצען לייב דורכדרונגען דער היי־סעסטער וואונש, פֿאַלען אויף איהר, ליגען, ניט ריהרענדיג זיך און עסען זי, אָט די ערד, די שוואַרצע, די פֿעטע, עסען אַסך, אַסך, אַזוי פֿיל, אַז עס זאָל קיין כח ניט זיין אויפֿצושטעהען, און דאַן ענטשלאָפֿען ווערען. האָטש אויף

עוויג איינשלאָפֿען, אַבי עסען, קייען און פֿיהלען, ווי דאָס וואַרעמע און געדיכטע, וואָס די קייסט, לאָזט זיך אַראָב פֿון׳ם מויל דורך דעם פֿערטריקענטען קאַנאַל אין דעם הונגעריגען צוזאַמענגעדריקטען מאָגען, וועלכער ברענט, ווי א פֿייער, אויס לוסט עפּעס אַריינצונעהמען אין זיך.

„חאָטש וואָס פֿאַר ניט איז וואורצלען, ווען מיר זאָלען דאָ געפֿינען,״ האָט אַ זיפֿץ געטהאָן דער סאָלדאַט. „עס זיינען דאָ אַזעלכע עסבאַרע וואורצלען...״

אָבער אין דער שוואַרצער געאַקערטער ערד זיינען ניט געווען קיין וואורצלען... קוים איז דער לעצטער זונען-שטראַהל פֿערלאָשען געוואָרען, האָבען שוין אויף׳ן דונקעל-בלויען הימעל אָנגעהויבען צו גלענצען שטערען און אַרום אונז איז די נאַכט געוואָרען דיכטער, די אונענדליכע סטעפּע שמעלער און שמעלער.

„חברה,״ האָט זיך מיט אַמאָל אָבגערופֿען דער „סטודענט״ שטיל, „דאָרט לינקס ליגט אַ מענש.״

„אַ מענש?״ האָט געזאָגט דער סאָלדאַט מיט אַ צווייפֿעל, „וואָס האָט ער דאָרט צו ליגען?״

„געה און פֿרעג איהם. ער האָט אוודאי ברויט, אַז ער האָט זיך אַזוי פֿונאַנדערגעלעגט אין דער סטעפּע...״ האָט ערקלעהרט דער ״סטודענט.״

דער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטהאָן אין יענער זייט, וואו דער מענש איז געלעגען, האָט אַן ענטשלאָסענעם שפּיי געטהאָן און געזאָגט: „לאָמיר געהען צו איהם״.

נאָר אַזעלכע גרינע און שאַרפֿע אויגען, ווי ביים „סטו-דענט,״ זיינען אימשטאַנדע געווען צו דערקענען, אַז דער הויפֿען, וואָס איז געלעגען 50 קלאַפֿטער לינקס פֿון דעם וועג, איז אַ מענש. מיר האָבען זיך געלאָזט געהען צו איהם איבער אַ געאַקערט שטיק פֿעלד, און האָבען גע-פֿיהלט, אַז די האָפֿנונג, צו בעקומען עפּעס עסען, האָט פֿיל פֿערגרעסערט די קרעמפּפֿען פֿון הונגער. מיר זיינען שוין געווען גאָר נאָהענט,—דער מענש האָט זיך ניט געריהרט.

אפשר איז דאָס גאָר ניט קיין מענש...״ האָט דער סאָלדאַט אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, וועלכען מיר האָבען אייגענטליך אַלע געהאַט.

נאָר אין דעמזעלבען אויגענבליק האָבען מיר זיך איבער-צייגט, אַז דער „סטודענט״ האָט קיין טעות ניט געהאַט. דער

הויפּען האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען, איז אויסגעוואַקסען און מיר האָבען דערזעהען, אַז עס איז אַן אמת'ער לעבע־דיגער מענש, וועלכער איז געשטאַנען אויף די קניע און האָט געהאַלטען איין האַנד אויסגעשטרעקט צו אונז.

מיט אַ ציטערענדער שטימע האָט ער געשריען צו אונז:

„טרעט ניט צו, איך וועל שיסען!"

און אין דעמזעלבען מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ שאָס.

מיר זיינען מיט אַמאָל געבליבען שטעהען, ווי איינגע־גראָבענע, איבערראַשט פון אַזאַ אויפנאַהמע.

„אָט דאָס הייסט נידערטרעכטיג!" האָט געבורטשעט דער סאָלדאַט.

„יאָ," האָט געזאָגט דער „סטודענט" פערטראַכטערהייט, „מיט אַ רעוואָלווער געהט ער... אַ געלערענטער פויגעל."

דער סאָלדאַט האָט אין דער צייט נאָכגעדענקט און, ווי עס שיינט, האָט ער עטוואָס בעשלאָסען.

„עי!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן צום מענשען.

נאָר יענער איז געבליבען שטעהען אין דערזעלבער פּאָזיציאָן און האָט געשוויגען.

„הער נאָר! מיר ווילען דיר גאָר ניט טהאָן... גיב אונז נאָר ברויט, דו האָסט דאָך, מן הסתם? גיב, ברודער, אין קריסטי נאָמען!... אַה, צו אַל די רוחות זאָלסטו געהען!"

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, אַז יענער האָט זיי ניט געקענט הערען.

ער האָט אָבער ווייטער געשוויגען.

„דו הערסט, וואָס מען רעט צו דיר?" האָט ווייטער אָנגעהויבען דער סאָלדאַט, ציטערענדיג פאַר בייזקייט און פערצווייפלונג, „גיב אונז ברויט! מיר ווילען אפילו ניט צוגעהען צו דיר... וואַרף אונז צו אַהער..."

„גוט..." האָט ענדליך קורץ געזאָגט דער מענש.

ווען ער וואָלט אונז געזאָגט: „טייערע ברידער מיינע," און וואָלט אַריינגעלעגט אין די דריי ווערטער אַלע הייליגסטע און ריינסטע געפיהלען, וואָלטען זיי ניט געמאַכט אויף אונז אַזאַ איינדרוק, ווי דאָס איינציגע קליין ווערטעלע: „גוט!"

„האָב קיין מורא ניט פאַר אונז," האָט געענטפערט דער סאָלדאַט שוין מיט אַ ווייכערער שטימע און מיט אַ זיסען שמייכעל אויף'ן פּנים, האָטש יענער האָט סיי ווי סיי ניט געקענט זעהען זיין שמייכעל, ווייל ער איז געווען ווייניגסטענס

צוואַנציג שריט ווייט פֿון אונז.

„מיר זיינען רוהיגע, שטילע מענשען... מיר געהען פֿון ראָססיאַ אין קובאַן... אויף'ן וועג איז אונז קורץ געוואָרען אין געלד, וואָס מיר האָבען געהאַט אויף זיך, איז שוין אַלעס אויפֿגעגעסען... און יעצט געהן מיר שוין דעם צווייטען מעת לעת ניט עסענדיג."

„האַלט!" האָט זיך יענער אָבגערופֿען, און האָט אַ דריי געטהאָן מיט דער האַנד אין דער לופֿט. אַ שוואַרצער שטיק האָט זיך בעוויזען און איז געפֿאַלען ניט ווייט פֿון אונז אויף'ן געאַקערטען פֿעלד. דער „סטודענט" האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן נאָך איהם.

„האַלט! נאָך! נאָך!... מעהר איז ניטאָ..."

אַז דער „סטודענט" האָט צונויפֿגעקליבען דיזע אָריגינעלע נדבה, האָבען מיר דערזעהען, אַז מיר האָבען אונגעפֿעהר פֿיער פֿונט האַרטען ווייץ-ברויט. ער איז געוועזן פֿול מיט ערד און שרעקליך האַרט. נאָר וואָס פֿאַר אַ ווערטה האָט עס געהאַט? אומגעקעהרט, מיר האָבען גערעכענט פֿאַר אַ גרויסע מעלה, וואָס ער איז אַזוי האַרט געווען; האַרט ברויט איז זעטיגער, עס האָט ניט אַזוי פֿיל פֿליסיגקייט אין זיך. דער סאָלדאַט האָט אָנגעהויבען טהיילען די שטיקער.

„דאָס דיר... דאָס דיר... דאָס מיר. וואַרט, וואַרט... ניט גלייך! ביי דיר, תלמיד חכם, דאַרף מען אָברייסען אַ שטי-קעל, ווייל ער האָט ווייניגער..."

דער סטודענט האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט און האָט זיך נעבעך אונטערוואָרפֿען דעם בעשלוס פֿון סאָלדאַט, וואָביי ער האָט פֿערלוירען אַ שטיק ברויט, ווענינסטענס פֿון פֿינף זאָלאָטניק; דעם שטיק האָב איך בעקומען און האָב איהם באַלד אַריינגעשטופט אין מויל און אָנגעהויבען קייען.

מיט וואָס פֿאַר אַ פֿערגעניגען האָב איך געטהאָן די אַרבייט, טראָץ דעם וואָס יעדעס מאָל פֿלעגט אונטער די ציין אַ קריץ טהאָן אַ שטיינדעלע. איך האָב געקייעט לאַנג-זאַם, לאַנגזאַם, און מיט גרויסען פֿערגניגען האָב איך געפֿיהלט, ווי דער עסקאַנאַל אַלט אַריינצוציהען אין זיך אַלעס, אָבער איך האָב זיך ניט געאיילט און האָב איהם צופֿרידענגעשטעלט לאַנגזאַם. די וואַרעמע און אונבעשרייבליך געשמאַקע טראָפּען האָבען געקאַפּעט איינס נאָך דעם

אַנדערען אין דעם ברענענדען מאָגען, און מיר האָט אויס-געוויזען, אַז אין דעמזעלבען מאָמענט פֿערוואַנדלען זיי זיך אין בלוט און מאַרך. אַ מין שמחה, אַ זאָנדערבאַרע, אַ שטילע, אַ מחיה׳דיגע שמחה האָט געוואַרעמט דאָס הערץ אין דער צייט, וואָס דער מאָגען האָט זיך אָנגעפּילט, עפּעס בין איך געווען אַזוי ווי אין האַלבען שלאָף. איך האָב פֿערגעסען אָן די פֿערפֿלוכטע טעג פֿון כראָנישעם הונגער, פֿערגעסען אָן מיינע חברים, איך בין אין גאַנצען געווען פֿערטיפֿט אין דעם ענטציקענדען געפֿיהל, וועלכען איך האָב יעצט איבערגעלעבט.

אָבער, ווען איך האָב אַריין געוואָרפֿען אין מויל די לעצטע ברעקלעך ברויט, דאַן האָב איך ערשט דערפֿיהלט, אַז איך בין... טויט הונגעריג.

„ער האָט נאָך אוודאי חזיר-שמאַלץ אָדער פֿלייש,״ האָט געבורטשעט דער סאָלדאַט, זיצענדיג אויף דער ערד געגען מיר, און גלעטענדיג דעם בויך מיט די הענד.

„זיכער האָט ער; דאָס ברויט האָט געהאַט אַ גערוך פֿון פֿלייש... היינט ברויט איז ביי איהם זיכער געבליבען...״ האָט געזאָגט דער סטודענט, און דאַן האָט ער נאָך שטיל צוגעזעצט: „ווען ניט דער רעוואָלווער...״

„ווער איז ער אַזוינס?״

„אַ הונד,״ האָט בעשטימט געזאָגט דער סאָלדאַט.

מיר זיינען געזעסען אַלע איינג צוזאַמען און האָבען שיעף געקוקט אויף יענער זייט, וואו אונזער וואָהלטעטער איז געזעסען מיט דעם רעוואָלווער. פֿון דאָרט האָט זיך ניט געלאָזט הערען קיין שום צייכען פֿון לעבען.

די נאַכט האָט געזאַמעלט ארום אונז איהרע פֿינסטערע קרעפֿטע. אין דער סטעפּע איז געווען טויט-שטיל, נאָר צו ווייל\u05bfען פֿלעגט זיך הערען דאָס מעלאַנכאָלישע פּייפֿען פֿון אַ פֿעלד-מויז... די שטערען, די לעבעדיגע בלומען פֿון׳ם הימעל, האָבען געגלענצט איבער אונז, און מיר... האָבען געוואָלט עסען, מיר זיינען געווען הונגריג.

איך זאָג דעם אמת און זאָג עס מיט שטאָלץ, אַז אין דיזער זאָנדערבאַרער נאַכט בין איך געווען ניט בעסער און ניט ערגער פֿון מיינע צופֿעליגע חברים. איך האָב זיי פֿאָר-געלייגט, מיר זאָלען אויפֿשטעהען און געהען צו דעם מענשען. טהאָן דאַרפֿען מיר איהם גאָר ניט, נאָר אויפֿעסען

אַלעס, וואָס מיר וועלען ביי איהם געפינען. ער וועט שיסען — זאָל ער שיסען! פון דרייען וועט ער דאָך גאָר איינעם טרעפען, אויב ער וועט נאָך טרעפען, און עס איז נאָך אַ פראַגע, אויב די קוגעל פון אַ רעוואָלווער קען הרג׳ענען אויף טויט.

„געהען מיר!" האָט אויסגעשריען דער סאָלדאַט און איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט.

דער „סטודענט" האָט זיך אויפגעהויבען לאַנגזאַמער.

טיר, צוויי, האָבען זיך געלאָזט געהען אויף גיך, כמעט ווי לויפען. דער סטודענט האָט זיך געהאַלטען הינטער אונז.

„חבר!" האָט דער סאָלדאַט אַ געשריי געטהאָן, און אין זיין שטימע האָט זיך געהערט, ווי אַ פאָרוואורף.

דער מענש האָט וואַהרשיינליך געזעהען, אַז מיר גענעהערען זיך צו איהם, דען באַלד האָט אַ בליץ געטהאָן אַ פייערעל און מיר האָבען דערהערט דעם שאָס.

„ניט געטראָפען!" האָט פריילין אויסגעשריען דער סאָלדאַט. מיט איין שפרונג איז ער געווען נעבען יענעם.

„נו, טייפעל, וואַרט, יעצט, וועסטו שוין בעקומען דיין חלק..."

דער „סטודענט" האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער טאָרבע.

אין דער מינוט אָבער איז דער טייפעל געפאַלען אויף׳ן רוקען, האָט צושפרייט די הענד און אָנגעהויבען צו כליפען.

„וואָס איז דאָס אַזוינס?" האָט זיך געוואונדערט דער סאָלדאַט, וועלכער האָט שוין אויפגעהויבען דעם פוס, אום יענעם אַ זעץ צו געבען. „זאָל עס מעגליך זיין, אַז ער האָט אויף זיך...? עי, רעד, וואָס איז מיט דיר? האָסט זיך דערשאָסען, האַ?

אין דערזעלבער צייט האָט זיך געלאָזט הערען די שטימע פון׳ם „סטודענט," וועלכער האָט געזאָגט מיט גרויס שמחה:

„פלייש איז דאָ, און נאָך פלעצלעך, און ברויט... אַסך, אַסך, ברידער."

„נו, קאַפּט דיך דער רוח, אַז דו ווילסט ניט רוידען, געה אין דער ערד, פגר דאָ, ווי אַ הונד," האָט געשריען דער סאָלדאַט. לאָמיר זיך נעהמען צום עסען, פריינדע."

איך האָב אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון יענעמס האַנד, עס איז מעהר ניט געבליבען ווי איין פאַטראָן. — ער האָט שוין אויפגעהערט צו כריפען און איז יעצט געלעגען ווי אַ טויטער.

מיר האָבען אַלזאָ ווייטער געגעסען און אַלע האָבען געשוויגען. יענער איז אויך געלעגען שטיל און האָט ניט גערירט מיט קיין גליד. מיר האָבען שוין גאָר ניט געדיינקט וועגען איהם, ער איז אונז גאָר ניט אָנגעגאַנגען.

פּלוצלונג האָבען מיר דערהערט אַ הייזעריגע, ציטערענדע שטימע:

„זאָל איך עס גלויבען, ברידער, אַז איהר טהוט דאָס אַלעס נאָר וועגען דעם שטיקעל ברויט?"

אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דורך דעם גאַנצען קערפּער. דער „סטודענט" האָט זיך זאָגאַר אַ רוק געטהאָן פון'ם אָרט, האָט זיך איינגעבויגען צו דער ערד און זיך פערהוסט.

דער סאָלדאַט האָט דערקייעט דאָס שטיקעל, וואָס ער האָט געהאַט אין מויל און האָט אָנגעהויבען צו שיטען מיט קללות:

„אַך דו, הינדישע נשמה, דו, צוזעצט זאָלסטו ווערען! וואָס איז דיר? וואָס האָסט דו מורא? די פעל וועלען מיר פון דיר אַראָב ציהען? אויף וועלכע כפּרות דאַרפען מיר זי? דו פּאַסקודניאַק, וואָס דו ביסט! זעה נאָר, זעה! האָט זיך אַ רעוואָלווער און שיסט אויף מענשען! מיט ניט גוטע זאָלסט דו נאָר האָבען צו טהאָן!..."

ער האָט געשאָלטען און געגעסען דערביי, און דערפאַר האָבען די קללות אָנגעוואוירען זייערע גאַנצע קראַפט.

„וואַרט נאָר, וואַרט, אָט וועלען מיר אָבעסען, וועלען מיר זיך שוין צורעכענען מיט דיר," האָט דער „סטודענט" צוגעזעצט מיט אַזאַ שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך ניט געהערט קיין גוטעס.

דער מענש האָט אָנגעהויבען צו שלוכצען און צו וואָיען, און אין דער נעכטליכער שטילע איז עפּעס אַ מורא אָנגעפאַלען אויף אונז.

„ברידער... איך האָב דען געוואוסט? איך האָב געשאָסען... וויל איך האָב מורא. איך געה פון דעם נייען אַפאָן*)... אין סמאָלענסקי גובערני... אוי, רבונו של עולם! דאָס קדחות האָט מיך אויסגעמוטשעט... ווי די זון געהט נאָר אונטער, בין איך אוים מענש! פון דעם אַפאָן בין איך אויך אַוועק איבער דאָס קדחות... איך האָב דאָרט געאַר-

---

*) אַ באַרג אין קאַווקאַז, וואו עס געפינט זיך אַ גרויסער מאָנאַסטיר מיט פיל מאָנאַכען.

בייט... איך בין אַ טישלער... אין דערהיים האָב איך אַ ווייב... צוויי מיידלעך... שוין דריי יאָהר, דאָס פֿיערטע האָב איך זיי ניט געזעהען... עסט, ברידער, עסט אַלעס..."

„דאָס דאַרפֿסט דו אונז ניט בעטען, מיר וועלען שוין אויפֿעסען, זיי רוהיג," האָט זיך אָבגערופֿען דער „סטודענט."

„אוי, רבנו של עולם! ווען איך זאָל געוועזן ווייסען, אַז איהר זייט פֿרידליכע, גוטע מענשען... וואָלט איך דען גע-שאָסען? אָבער דאָ, איהר ווייסט דאָך אַליין, ברידער, אַ סטעפּע, ביי נאַכט... בין איך דען שולדיג? האַ?

ער האָט גערעט און געוויינט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער האָט געוואָיעט און דערביי געציטערט.

„קוק איהם נאָר אָן, וואָס האָט ער זיך צו וואָיעט! אַלע בייזע חלמות צו דיין קאָפּ!" האָט געזאָגט דער סאָלדאַט מיט פֿעראַכטונג.

„ער מוז געלד האָבען ביי זיך," האָט בעמערקט דער „סטודענט."

דער סאָלדאַט האָט צוגעמאַכט איין אויג, האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען און האָט געשמייכעלט.

„דו ביסט גאָר ניט קיין נאַר, האָסט שכל... אָט וואָס, ברידער, איך וועל אייך זאָגען, לאָמיר אָנצינדען דעם קאָסטיאָר און לעגען זיך שלאָפֿען."

„און ער?" האָט געפֿרעגט דער „סטודענט."

„כאַפּט איהם דער רוח! וואָס געהט ער אונז אָן? בראָ-טען וועלען מיר איהם, וואָס?"

„עס וואָלט ניט שלעכט געווען," האָט דער סטודענט אַ שאָקעל געטהאָן מיט זיין שפּיציגען קאָפּ.

מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָך דעם אַלעס, וואָס מיר האָבען שוין געהאַט צונויפֿגעקליבען וועגען דעם קאָסטיאָר, האָבען עס אַלעס געבראַכט, און טאַקע באַלד האָט שוין דאָס פֿייער געברענט און מיר זיינען געזעסען אַרום איהם.

די נאַכט איז געווען שטיל, קיין ווינטעל האָט זיך ניט געריהרט, דאָס פֿייער האָט געברענט רוהיג און האָט אונז בעלייכט דעם קליינעם פלאַץ, וועלכען מיר האָבען פֿערנומען. עס האָט אונז אָנגעהויבען צו שלעפֿערען, האָטש מיר וואָלטען געקענט זעהר גוט נאָך אַמאָל עסען וועטשערע.

„ברידער!" האָט צו אונז אַ געשריי געטהאָן דער טיש-לער. ער איז געלעגען ייט וויטער ווי דריי שריט פֿון אונז,

און מיר האָט זיך שטענדיג אויסגעוויזען, אַז ער בורטשעט עפּעס.

„יאָ, וואָס איז?" האָט געפֿרעגט דער סאָלדאַט.

„איך קען זיך צורוקען צו אייך?... צום פֿייער? אוי, דער טויט, דער טויט קומט... דער מלאך המות שטעהט שוין מיט זיין מעסער איבער מיר... אוי די ביינער ברעכען מיר... אוי, רבנו דעלמא כלא, איך וועל שוין הפנים אהיים ניט דערגעהן."

„קריך אַהער," האָט איהם ערלויבט דער „סטודענט."

דער טישלער האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַם, אַזוי ווי ער וואָלט מורא האָבען צו פֿערלירען אַ האַנד אָדער אַ פֿוס, צורוקען זיך צום פֿייער. דאָס איז געווען אַ הויכער און שרעקליך אָבגעמאָגערטער מענש; אַלעס, וואָס איז געווען אויף איהם, האָט זיך נאָכגעשלעפּט; אין זיינע גרויסע טריבע אויגען האָט מען געקענט לייענען זיין שמערץ. זיין פּנים איז געווען ווי פֿערקרימט און אפילו ביים פֿייער האָט ער געהאַט אַ שרעקליך בלייכע פֿאַרב, ווי אַ טויטער. ער האָט געציטערט מיט אַלע גלידער און האָט נאָר געקענט אַרויס-רופֿען אַ פֿערעכטליכען רחמנות צו זיך. ער האָט אַרויסגע-שטעקט זיינע לאַנגע, מאָגערע הענד צום פֿייער, האָט געריבען די פֿינגער, אויף וועלכע עס איז שוין גאָר קיין פֿלייש ניט געווען, הוילע ביינער. סוף כל סוף איז עקעל געוואָרען צו קוקען אויף איהם.

„דו ביסט דאָך גאָר אויף קיין מענשען ניט עהנליך, ווי לאָזט מען עס זיך אַזוי אין וועג, און נאָך צו פֿוס? אַזוי קאַרג ביסטו?" האָט דער סאָלדאַט געפֿרעגט.

„אַזוי האָט מען מיר אַן עצה געגעבען... פֿאָהר ניט מיט דעם וואַסער, האָט מען מיר געזאָגט, געה דורך דער קרים, דאָרט איז די לופֿט גוט. איך קען אָבער ניט געהן... אוי, איך שטאַרב, ברידער! איינער אַליין אין דער סטעפּע... די ווילדע פֿייגעל וועלען מיך פּיקען, אויפֿעסען מיין קערפּער, קיינער וועט אפילו ניט וויסען... מיין ווייב, די טעכטער וועלען וואַרטען, איך האָב זיי געשריבען... און איך וועל דאָ ליגען, און דער רעגען וועט וואַשען מיינע ביינער... אוי, רבונו של עולם, זיסער טאַטע אין הימעל!"

ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו וואָיען ווי אַ פֿערוואוּנדעטער וואָלף.

„אַך, דו טייפעל,“ האָט זיך צובייזערט דער סאָלדאַט און איז אויפגעשפרונגען פון׳ם פלאַטץ. „וואָס וואָיעסטו, וואָס שרייסטו? וואָס לאָזטו ניט מענשען אין רוה? דו פגר׳סט, גו פגר, אָבער שווייג... ווער דאַרף דיך? שווייג!“

„גיב איהם איינס איבער׳ן קאָפ, אָבער אַזוי אַ רעכטס,“ האָט פאָרגעלעגט דער „סטודענט.“

„נו, לאָמיר גערען שלאָפען,“ האָב איך זיך אָבגערופען, „און דו, אויב דו ווילסט זיצען ביים פייער, זאָלסטו ניט וואָיען...“

„האָסטו שוין געהערט?“ האָט געזאָגט דער סאָלדאַט בייז, „געדענק זשע, דו מיינסט אפשר, אַז מיר וועלען רחמנות האָבען אויף דיר, וועלען דאָ מיט דיר פיעל צו טהאָן האָבען דערפאַר, וואָס דו האָסט אויף אונז געוואָרפען ברויט און קוגלען? דו באַבע, וואָס דו ביזט! אַנדערע וואָלטען... פוי...“

דער סאָלדאַט איז אַנשוויגען געוואָרען און האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

דער סטודענט איז שוין געלעגען. איך האָב מיך אויך געלעגט. דעם טישלער האָבען דעם סאָלדאַטס ווערטער אַזוי איינגעשראָקען, אַז ער האָט זיך צונויפגעדרייט אין אַ קנויל, האָט זיך צוגערוקט צום פייער און האָט שווייגענדיג געקוקט אויף איהם. איך בין געלעגען רעכטס פון איהם און האָב געהערט, ווי זיינע ציין האָבען געקלאַפט. דער „סטודענט“ איז געלעגען לינקס, האָט זיך אויך מאָדנע פערדרעהט און איז, דוכט זיך באַלד איינגעשלאָפען. דער סאָלדאַט האָט אונטערגעלעגט די הענט אונטערען קאָפ, איז געלעגען מיט׳ן פנים אַרויף און האָט געקוקט אויף׳ן הימעל.

„אַך, וואָס פאַר אַ שעהנע נאַכט! וויפיל שטערען...“ האָט ער זיך געווענדעט צו מיר נאָך אַ קורצע צייט.

„וואָס פאַר אַ הימעל, אַזוי ווי אַ קאָלדרע האָט ער זיך אויסגעשפרייט איבער אונז! עס איז פשוט אַ מחיה, אָט אַזוי צו ליגען און צו קוקען אויף איהם! איך האָב ליב אַזאַ מין לעבען, אַ וואַגאַבונדישען לעבען. עס איז טאַקע קאַלט, מען הונגערט צו אַביסעל, אָבער פריי איז מען דערפאַר. האָסט ניט קיין נאַטשאַלסטוואָ איבער דיר, קיינע בעלי הבתים... ביזט זיך אַליין אַ בעל הבית איבער דיין לעבען...

חאָטש דעם קאָפּ בייס זיך אָב, קיינער קען דיר קיין וואָרט ניט זאָגען... אַך, גוט אַזוי... אָט די לעצטע טעג האָב איך זיך געגנוג אָנגעהונגערט, עס זיינען געווען מאָמענטע, וואָס איך האָב געשאָלטען די גאַנצע וועלט, בייז געווען אויף אַלעמען... אָבער יעצט ליג איך מיר און קוק מיר אויף'ן הימעל... די שטערען ווינקען צו מיר... אַזוי ווי זיי וואָלטען מיר זאָגען: נישקשה, לאַקוטין, זיי אַ מענש, געה זיך דיר איבער דער גאַנצער ערד, און גיב זיך ניט אונטער קיינעם... יאָ... אַך ווי גוט עס איז אויף'ן האַרצען... נו, און דו, הער, ווי רופט מען דיך, דו, טישלער! זיי ניט בייז אויף מיר און האָב קיין מורא ניט. וואָס מיר האָבען אויפגעגעסען דיין ברויט, דאָס מאַכט ניט; דו האָסט געהאַט ברויט און מיר ניט, דערפאַר האָבען מיר געגעסען דיינס. אָבער דו ביזט דאָך עפּעס פשוט אַ ווילדער מענש, ווי שיסט מען עס טאַקע אויף מענשען... דו פערשטעהסט דען ניט, אַז מיט דער פוליע (קוגעל) קען מען דעם מענשען אַ גרויסען שאַדען אָנמאַכען? איך בין שרעקליך געווען בייז אויף דיר, און ווען דו וואָלסט דאַן ניט געווען פאַלען, וואָלסטו שוין געהאַט אַ שוואַרצען סוף. איך וואָלט דיר שוין אָנגעבראָכען די ביינער. אָבער וועגען דאָס ברויט לוינט זיך גאָר ניט צו רעדען, מאָרגען וועסטו דערגעהען ביז פערעקאָפּ, און דאָרט וועסטו דיר קויפען — געלד האָסטו דאָך... איך ווייס... שוין לאַנג האָסטו דאָס קדחות?"

נאָך לאַנג האָט געקלונגען אין מיינע אויערען דער באַס פון'ם סאָלדאַט און די ציטערענדע שטימע פון'ם קראַנקען טישלער.

די פינסטערע, כמעט שוואַרצע נאַכט האָט זיך אַליין נידריגער און נידריגער אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, און אַ פרישע, זאַפטיגע לופט האָט דורכגעדרונגען די גאַנצע ברוסט.

דאָס פייער האָט נאָך געברענט און האָט געגעבען ליכט און וואַרעמקייט... די אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו קלייבען, און אַזוי ווי עפּעס בערוהיגענדעסאון רייניגענדעס האָט זיך געטראָגען דורך'ן שלאָף. — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

„שטעה אויף, גיכער! עס איז שוין צייט צו געהען!"
מיט שרעקען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און געעפּי

די אויגען. דער סאָלדאַט האָט מיר אַשלעפּ געטהאָן ביי דער האַנד, און איך בין באַלד געשטאַנען אויף די פיס.

„נו, גיכער, גיכער, שטעל שוין פּיס!"

זיין געזיכט איז געווען אויפגערעגט און בייז. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען. די זון האָט אָנגעהויבען אויפצוגעהען און איהר רויטליכער שטראַהל איז שוין געלעגען אויף דעם אונבעוועגטען און בלויען פּנים פון׳ם טישלער. זיין מויל איז געווען אָפּפען, די אויגען אַרויסגעקראָכען פון זייער פּלאַטץ און האָבען געקוקט מיט אַ בליק, אין וועלכען עס האָט זיך אויסגעדרוקט אַ שרעקליכער פּחד. די קליידער אַרום דער ברוסט זיינע, געווען צוריסען, און אַליין איז ער געלעגען אין אַן אונגעוועהנליכער, צערבראָכענער, ניט מענשליכער פּאָזיציאָן.

דער „סטודענט" איז ניט געווען.

„נו, וואָס האָסטו זיך דאָ פערקוקט! קום, זאָג איך דיר," האָט דער סאָלדאַט געזאָגט שטרענג און האָט מיך אָנגעהויבען שלעפּען ביי דער האַנד.

„געשטאָרבען?" האָב איך געפרעגט, ציטערענדיג פון דער קאַלטער פרישקייט.

„וואָס דען! מען זאָל דיך דערשטיקען, וועסטו אויך שטאַרבען," האָט ערקלעהרט דער סאָלדאַט.

„דאָס האָט איהם... דער סטודענט?" האָב איך אויסגעשריען.

„ווער דען? אפשר דו? אָדער גאָר איך? אָט האָסטו דיר אַ געלערענטען... פיין אָבגעטהאָן... אַליין געמאַכט אַ ויברח און די חברים אונטערגעשטעלט אַ פּיסעל... ווען איך וויים עס, וואָלט איך דאָך נאָך נעכטען דער׳הרג׳עט דעם סטודענט. מיט איינמאָל וואָלט ער געוואָרען ביי מיר אַ כפּרה. אַ טראַך (זעטץ) אין די שלייפען... און מיט איין פאָדלעץ ווייניגער אויף דער וועלט. דו באַרעכען נאָר, וואָס ער האָט דאָ געטהאָן! האַ! פערשטעהסט? דעם טישלער וועט מען דאָך היינט געפינען; מען וועט דאָך באַלד דערזעהן, דערשטיקט און בערויבט. אָט וועט מען זיך באַלז אָנהויבען צוצוקוקען צו אונזער איינעם... ווער ביסטו, פון וואַנען געהסטו, וואו האָסטו גענעכטיגט! נו, פערשטעהט זיך, אַז אונז וועט מען אויך נעהמען... חאָטש מיר האָבען גאָר ניט ביי זיך... אָבער זיין רעוואָלווער איז ביי מיר, איך האָב איהם דאָ פערשטעקט אין בוזעם!"

„וואַרף עס אַוועק," האָב איך אַן עצה געגעבען דעם סאָלדאַט.

„אַוועקוואַרפען ?" האָט ער געזאָגט פערקלעהרטערהייט... „עס איז אָבער זעהר אַ טהייערע זאַך... און טאָמער כאַפּט מען אונז ניט... ניין, איך וועל איהם ניט אַוועקוואַרפען... ווער ווייס עס, אַז דער טישלער האָט געהאַט אַ רעוואָלווער? ניין, איך וואַרף עס ניט אַוועק... ער קאָסט אוודאי דריי רובעל... אַ קוגעל ליגט נאָך אין איהם. אַך, מיט וואָס פאַר אַ פערגניגען וואָלט איך אָט דיזעלבע קוגעל אַריינגעלאָזט אונזער טייערען חבר אין אויער! וויפיל געלד האָט ער בעראַבעוועט, דער הונד, האַ?"

„אָט האָסטו דיר די מיידלעך!" האָב איך געזאָגט.

„מיידלעך? וואָס פאַר אַ מיידלעך? אַך, יאָ, זיינע, דעם טישלערס... נו, זיי וועלען זיך אויסוואַקסען, וועלען חתונה האָבען זיכער ניט מיט אונז, פון זיי איז ניטאָ וואָס צו רעדען... נו, לאָמיר נאָר געהען אַביסעל גיכער... וואוהין זאָלען מיר געהען?"

„איך ווייס ניט... וואוהין עס ניט איז, ניט אַלעס איינס?"

„איך ווייס אויך ניט, מיר איז אויך אַלעס איינס. לאָמיר געהען רעכטס, דאָרט דאַרף זיין דער ים".

מיר האָבען זיך גענומען רעכטס.

איך האָב זיך אומגעדרעהט. ווייט פון אונז אין דער סטעפּע האָט זיך קוים געזעהען דער פלאַטץ... און אויף איהם האָט געשיינט די זון.

„דו קוקסט, אויב ער איז ניט אויפגעשטאַנען תחית המתים! שרעק זיך ניט, ער וועט ניט אויפשטעהען אונז נאָכצואיאָגען. דער געלערנטער, ווי עס שיינט, איז א מענש מיט שכל, ער האָט שוין גוט אָבגעטהאָן די זאַך. אָט האָסטו דיר אַ חבר! אַ שעהנעם שפּיטצעל אונז אָבגעטהאָן! אַך, וואָס ווייטער ווערען די מענשען אַלץ ערגער און ערגער!" האָט דער סאָלדאַט צוגעזעצט טרויריג.

די שטילע און וויסטע סטעפּע, בעגאָסען מיט דעם העלען ליכט פון דער מאָרגען-זון, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום אונז, און דאָרט אויבען אויף'ן האָריזאָנט איז זי זיך צוזאַמענגעגאַנגען מיט דעם הימעל. די זון האָט געשיקט איהר ליכט אַזוי ליעב, אַזוי רייך, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז קיין עולות קענען גאָר ניט פאָרקומען אויף דעם גרויסען ברייטען פּלאַטץ פון דער פרייער סטעפּע.

„עכען ווילט זיך, ברודער!" האָט מיט אַמאָל געזאָגט דער סאָלדאַט, צונויפדרייענדיג אין דערזעלבער צייט אַ פּאַפּיראָס פון מאַכאָרקע.

„וואָס וועלען מיר היינט עסען, וואו און ווי אַזוי?"

„היקו, עס בלייבט אַ קשיא!"

— — — — — — — — — — — — — — —

מיט דעם האָט דער ערצעהלער, וועלכער איז געווען מיין שכן אין האָספּיטאל (אונזערע בעטלעך זיינען געשטאַנען איינע נעבען דער אַנדערע), געענדיגט זיין געשיכטע.

„אָט דאָס איז אַלעס," האָט ער נאָך צוגעזעצט. „איך האָב מיך זעהר בעפריינדעט מיט דעם סאָלדאַט און בין אין איינעם מיט איהם געגאַנגען ביז קאַרסקאַ אָבלאַסט. ער איז געווען אַ גוטער ברודער און אַן ערפאַהרענער מענש, אַ טיפּ פון אַ בראָדיאַגאָ-באָסיאַק. איך האָב אפילו געהאַט דרך ארץ פאַר איהם. ביז קליין-אַזיען זיינען מיר געגאַנגען צוזאַמען, דאָרט האָבען מיר פערלוירען איינער דעם אַנ-דערען..."

„איהר דערמאָהנט זיך, ווען ניט איז פון'ם טישלער? האָב איך געפרעגט.

„ווי איהר זעהט אָדער ווי איהר האָט געהערט..."

„נו, און וואָס...? גאָר ניט...?"

ער האָט אָנגעהויבען צו לאַכען.

„וואָס זאָל איך דען פיהלען דערביי? איך בין ניט שולדיג אין דעם, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען, אַזוי ווי איהר זייט ניט שולדיג, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען.

קיינער איז ניט שולדיג אין גאָר ניט, דען אין גרונד גענומען, זיינען מיר אַלע שטיקער פיה.

— ע נ ד ע —

זעקס־און צוואַנציג און איינע.

(איבערזעצט פֿון „גד״.)

זעקס־און צוואַנציג אונזערע זיינען מיר דאָרטען געוועזן; — זעקס-און צוואַנציג לעבעדיגע מאַשינעס אין אַ פֿייכטען, אונטער-אירדישען קעלער, וואו פֿון פֿריהמאָרגען ביז אין דער נאַכט האָבען מיר געקנעטען טייג און געפֿלאָכטען בייגעל. געגענאיבער דעם נידעריגען, אונטעראירדישען פֿענכטער פֿון אונזער קעלער איז געוועזן אַ ציגעלדיגער פלאַטץ, גרין און שימעלדיג פֿון נאַסקייט. דער פֿענסטער איז געוועזן בעשיצט פֿון אויסען מיט אַ געדיכטע אייזערנע רעשיאָטקע און פֿאַר די ליכטיגקייט פֿון דער זון איז געוועזן כמעט אונמעגליך זיך דורכצודרינגען דורך די שויבען, וועלכע זיינען געוועזן בעדעקט מיט׳ן שטויב פֿון מעהל.

אונזער מייסטער האָט פֿערשטעלט דעם פֿענסטער מיט גראַטעס, כדי מיר זאָלען ניט קענען דורכדערלאַנגען זיינע אַ שטיקעל ברויט צו די פֿערבייגעהענדע בעטלערס אָדער אונזערע חברים, וועלכע זיינען געוועזן אויסער אַרבייט און הונגעריג. אונז האָט ער גערופֿען מאַשעניקעס און געקאָר-מעט מיט האַלב-פֿערפֿוילטע פּאָטראָכעס פֿאַר מיטאָג אַנשטאַט פֿלייש. עס איז אונז געוועזן שטיקענד איינג, זייענדיג פֿערשפּאַרט אין דיזען שטיינערנעם, אונטער-אירדישען קאַמער, אונטער דער נידריגער, שווערער, שוואַרץ-פֿעררויכערטער און מיט שפּינוועבס בעדעקטער סטעליע. טרויעריג און אַבעקע-לענד איז געוועזן אונזער לעבען, צווישען די דיקע, שמוציגע און פֿערשימעלטע ווענד.

ניט ערפֿרישט און זיך פֿיהלענדיג ניט אויסגעשלאָפֿען, פלעגען מיר אויפֿשטעהען פֿינף אַ זייגער אין דער פֿריה; און נאָך בעפֿאָר זעקס זיינען מיר שוין מיד און אַפּאַהטעטיש, געזעסען אויף אונזערע פלעצער ביי׳ן טיש, וועלגערענדיג דאָס טייג, וואָס אונזערע חברים האָבען צוגעגרייט, ווען מיר זיינען נאָך געשלאָפֿען. דעם גאַנצען טאָג פֿון צעהן מאָרגענס ביז צעהן אָבענדס זיינען מאַנכע פֿון אונז געזעסען

בײ'ן טיש, אַרבײטענדיג מיט דעם נאָכגעביגען שטאָף, וועלגערענדיג און פֿלעכטענדיג, עס זאָל ניט האַרט ווערען. וועהרענד די איבריגע האָבען געקנעטען דעם פוכקען טײג, דעם גאַנצען טאָג האָט דער זידענדער קעסעל, וואו די בײגעל האָבען זיך געקאָכט, געזונגען נידעריג און טרויעריג; און דעם בעקערס לאָפּעטע האָט זיך הײזעריג געשאַרט איבער'ן דעק פֿון אויווען, אַרײנוואַרפֿענדיג די גליטשיגע שטיקלעך טײג פֿון זודיגען קעסעל אויף די הײסע ציגעל.

פֿון דער פֿריה ביז בײ נאַכט האָט האָלץ זיך געברענט אין אויווען, און דער רויטער שײן פֿון פֿײער האָט געפֿונקעלט און אַרומגעטאַנצט אויף די וועגד פֿון דער בעקערײ, אַזוי ווי עס וואָלט אין דער שטיל חוזק געמאַכט פֿון אונז. דער גיגאַנטישער אויווען האָט אויסגעזעהען, ווי דער אונגע-לומפּעטער קאָפּ פֿון אַ מאָנסטער אין אַ צויבערגעשיכטע; ער האָט זיך אַזוי ווי דורכגעריסען דורך דער פּאָדלאָגע, האָט אויפֿגעעפֿענט זײן פּיסק, פֿול מיט גליהענדען פֿײער און חאָט געבלאָזען אויף אונז מיט זײן הײסען אָטהעם; עס האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט אַכטונג געגעבען מיט זײנע שוואַרצע ליפּטרעהרען אויף אונזער אונענדליכער אַרבײט. דיזע צוויי טיפֿע לעכער האָבען אויסגעזעהען, ווי אויגען — די קאַלטע אונערבאַרעמדיגע אויגען פֿון אַ מאָנסטער. זײ האָבען געהאַלטען אין איין קוקען אויף אונז מיט דעמזעלבען דונקלען גלאַנץ, אַזוי ווי זײ וואָלטען געווען איבערדריסיג, זעהענדיג פֿאַר זיך אַזעלכע אײביגע שקלאַפֿען, פֿון וועלכע מען קען גאָר ניט ערוואַרטען עטוואָס מענשליכעס און האָבען זײ דערום פֿעראַכטעט מיט אַ קאַלטען פֿילאָזאָפֿישען שפּאָט.

אין דעם שטויב פֿון מעהל, אין די בלאָטע, וואָס מיר האָבען אַרײנגעבראַכט פֿון הויף אויף אונזערע שיך, אין די הײסע, קלעפּעדיגע אַטמאָספֿערע, טאָג אײן טאָג אויס, האָבען מיר געפֿלאָכטען פֿון דעם טײג בײגעל, וועלכע מיר האָבען בענעצט מיט אונזער שווײס. מיר האָבען פֿײנט געהאַט אונזער אַרבײט מיט אַ גליהענדען האַס; מיר האָבען קײנמאָל ניט געגעגעסען, וואָס עס איז דורכגע-גאַנגען אונזערע הענד און האָבען בעסער פֿאָרגעצויגען שוואַרצען ברויט, אײדער די בײגעל. זיצענדיג פּנים צו

פנים, ביי אַ לאַנגען טיש — ניין געגענאיבער ניין — האָבען מיר מעכאַניש בעוועגט מיט אונזערע הענד און פינגער פאַר אונענדליכע לאַנגע שטונדען, ביז מיר זיינען אַזוי געוואוינט געוואָרען צו אונזער לאַנגווייליגער, מאָנאָ-טאָנער אַרבייט, דאָס עס האָט אונז שוין גאָר ניט געקימערט.

מיר האָבען זיך אַזוי גוט דורכשטודירט איינער דעם אַנדערען, דאָס מיר האָבען געקענט יעדען קנייטש אויף אונזער חבר׳ס פנים. עס האָט אונז אויך ניט לאַנג גענומען, ביז מיר זיינען געבליבען אָהן אַן ענין איבער וואָס צו ריידען; און דעריבער האָבען מיר פערבראַכט די מעהרסטע צייט אין שטילשוויגען, אויסער ווען מיר האָבען געשפּאַסט איינער איבער׳ן אַנדערען. ניט אימער אָבער קען מען געפינען מיט וואָס חוזק צו מאַכען פון אַנדערען, בעזאָנדערס ווען מען איז יענעם׳ס חבר. מיר האָבען זיך אויך ניט אָבגעגעבען מיט זוכען חסרונות איינער אויף׳ן אַנדערען; ווי אַזוי האָט ווירקליך איינער פון אונז אָרעמע טייוואָלים גאָר געקענט זיין אימשטאַנדע צו זוכען פעהלערען ביי יענעם, ווען מיר זיינען האַלב-טויט און אַזוי ווי פערשטיינערט געווען? די שווערע, גראָבע אַרבייט האָט געשיינט צו ערשטיקען אין אונז אַלע געפיהלען. אָבער דאָס שטיל-שווייגען איז גאָר שוידערליך און שרעקליך פאַר די, וואָס האָבען שוין אַלעס אַרומגערעט און האָבען מעהר ניט וואָס צו דערצעהלען איינער דעם אַנדערען; פערקעהרט אָבער, פאַר די, וואָס האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין פערבינדונג צווישען זיך, איז עס גאַנץ גרינג און איינפאַך.

מאַנכעס מאָל האָבען מיר אויך געזונגען; ווי אַזוי מיר פלעגען אָנפאַנגען צו זינגען, איז צוגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן: איינער פון אונז פלעגט געבען אין מיטען דער אַרבייט אַ טיפען זיפץ, אַזוי ווי אַן איבערגעהאָרעוועטער פערד, און דאַן פלעגען מיר אָנפאַנגען צו זינגען איינע פון די לידער, וועמעס איידעלע איינפליסענדע מעלאָדיע שיינט צו פער-גרינגערען די לאַסט פון דעם זינגערס ברוסט.

צוערשט האָט איינער געזונגען אַליין און מיר, די איבריגע, זיינען געזעסען שטילשוויגענד, צוהערענדיג זיך צו זיין איינזאַמען ליד, וועלכעס אונטער דער שווערער געוועלבטער סטעליע פון אונזער קעלער איז לאַנגזאַם, שטופענווייז אָב-געשטאָרבען און האָט זיך געהאַלטען ביי׳ן אויסלעשען, אַזוי

ווי אַ קליינער פייערל אין דער סטעפּע אין אַ נאַסע הערבסט נאַכט, ווען דער גרויער הימעל הענגט ווי אַ שווערע מאַסע איבער דער ערד. דאַן פלעגט נאָך איינער צושטעהען צום זינגער און צוויי ווייבע, טרויעריגע שטימען פלעגען זיך צוזאַמענגיסען אין איין געזאַנג און אונזער איינגען דומפּפען קעלער. פלוצלונג פלעגען זיך אַנדערע אָנשליסען און דאָס ליד האָט זיך געקייקעלט פאָרוועדטס ווי אַ כוואַליע, האָט געוואַקסען העכער און געשטיגען שטאַרקער, ביז עס האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס די פייכטע, שמוציגע וועגד פון אונזער איינגער תפיסה האָבען זיך פונאַנדערגערוקט און געעפענט. דאַן האָבען אונזערע אַלע זעקס און צוואַנציג געזונגען; אונזער הויכער, האַרמאָנישער געזאַנג האָט אָנגעפילט דעם קעלער, אונזערע שטימען האָבען זיך געטראָגען אין אַלע ריכטונגען און האָבען זיך אַזוי ווי אָנגעשלאָגען אָן די וועגד אין קלאַגענדע שלוכצען און זיפצען, בעריהרענדיג אונזערע הערצער מיט אַ ווייכען, טאַנטאַלישען* שמערץ, אויפרייסענדיג אלטע וואונדען און אַרויסרופענדיג אַ בייגקעניש.

די זינגער האָבען געזיפצט טיעף און שווער; אויף אַ ווײַלע פלעגט איינער בלייבען שטיל און זיך צוהערען צו דעם געזאַנג פון די איבריגע און ווידער אַמאָל האָט זיין שטימע זיך לאָזען טראָגען מיט דעם געמיינשאַפטליכען שטראָם. אַן אַנדערער פלעגט מיט אַן אונטערדריקטען קול אויסרופען „אַה!" און צוזאַמענציהען די אויגען, אַזוי ווי די שטאַרקע כוואַליעס פון געזאַנג וואָלטען איהם אין דער ווייטען אָנגעצייגען אַ ברייטען, מיט זונען-שטראַהלען בעלייכטעטען וועג, וואו ער אַליין און זיינע געדאַנקען האָטע עוואַנדערט.

דער פייער אין אונגעהייערען אויוועז האָט געפלאַקערט, דער בעקער מיט זיין שופעל האָט אונאויפהערליך גע-שאַרט מיט'ן שופעל איבער'ן דעק פון אויוועז, די וואַסער

---

*) טאַנטאַליש שטאַמט פון טאַנטאַלוס, אַ מיטהאָלאָגישע פערזענליכקייט פון די אַלטע גריכען, וועלכען די געטער האָבען פעראורטהיילט צום אייביגען הונגער. זיינע ליידען זיינען נאָך פערשטאַרקערט געוואָרען, ווייל אַרום זיך האָט ער געזעהען די בעסטע שפייזען און געטרענקע, אָבער ער האָט ניט געקענט צוקומען צו זיי.

דער איבערזעצער.

אין קעסעל האָט געזשומט און דער שיין פֿון פֿייער אויף'ן וואַנד האָט אַרומגעטאַנצט אין זיין שטילען געשפּעט אַזוי ווי פֿריהער. און אָט אַזוי פֿלעגען מיר מיט פֿרעמדע ווער־טער אַרויסזינגען אונזער שטומען שמערץ, די איבערדריסיגע לאַסט פֿון לעבעדיגע מענשען בערויבט פֿון זונען־שיין, בעלאַדענע שקלאַפֿען.

אַזוי האָבען מיר געלעבט, מיר אַלע זעקס און צוואַנציג אין דעם סקליעפּען־עהנליכען קעלער פֿון אַ גרויסער שטיי־נערנער געביידע, און מיר האָבען געליטען יעדער איינער פֿון אונז, אַזוי ווי מיר וואָלטען געהאַט צו טראָגען אויף אונזערע פּלייצעס אַלע דריי עטאַזשען פֿון דיזען הויז.

אויסער די לידער האָבען מיר געהאַט נאָך אַ גוטע זאַך —עטוואָס, וואָס מיר האָבען געליבט, וואָס האָט פֿילייכט פֿערנומען דעם פּלאַטץ פֿון אונזער גערויבטען זונען־שיין.

אין דעם צווייטען שטאָק פֿון דיזען הויז האָט זיך געפֿונען אַ גאָלד־שטיקעריי לאָדען, און דאָרטען, צווישען די איבריגע אַרבייטס־מיידלעך, איז געווען טאַניאַ, אַ דינסט־מיידעל פֿון אַ יאָהר זעכצעהן.

יעדען פֿריהמאָרגען פֿלעגט איהר קליינער ראָזאָווער פנים'ל מיט לעבעדיגע בלויע אייגלעך ערשיינען דורך אַ שייבעל אין דער גלעזערנער טהיר און מיט איהר קלינגענדען דאַרטען קול'כעל פֿלעגט זי אונז צורופֿען:

„נו טורמעניקעס! האָט איהר עפּעס בייגעל פֿאַר מיר!"

דערהערענדיג דיזען גוטבעקאַנטען קול צו אונז, פֿלעגען מיר זיך אַלע אומקעהרען און מיט אַן אינערליכער פֿריידע האָבען מיר בעטראַכט איהר ריינעם אונשולדיגען מייד־לישען געזיכט, וועלכער האָט אַזוי זים געשמייכעלט צו אונז. מיר זיינען אַזוי געוואוינט געוואָרען צו דיזען בילד מיט'ן צוגעדריקטען נעזעל אָן שויב און די ווייסע ציינדלעך צווישען די האַלב־געעפֿענטע ליפּען, דאָס עס איז געוואָרען אונזער טעגליכער פֿערגניגען. פֿאַלענדיג איינער איבער' אַנדערען, פֿלעגען מיר זיך אַ לאָז טהאָן איהר עפֿענען די טהיר און זי פֿלעגט אַריינקומען, לוסטיג און לעבעדיג, מיט אַן אויסגעשפּרייטען פֿאַרטוך, פֿערוואָרפֿען דעם קעפּעל אויף אַ זייט און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען. איהרע גינדיכטע, לאַנגע קאַסטאַניען־האָר זיינען אַריבער געפֿאַלען יבער איהרע פּלייצעס און איבער דער ברוסט. און מיר שמוציגע,

העסליכע פֿערזעהעניסען, וואָס מיר זיינען געווען, האָבען אַרויפֿגעקוקט צו איהר — דער שוועל פֿון מהיר איז געווען מיט פֿיער טרעפּלעך העכער פֿון דער פּאָדלאָגע — מיט פֿערריסענע קעפּ, מיר האָבען איהר געוואונשען אַ גוטען מאָרגען און גערעט צו איהר מיט בעזאָנדערע ווערטער, וועלכע מיר האָבען געהאַלטען אָנגעגרייט בלויז פֿאַר איהר אַליין. אונזערע שטימען פֿלעגען ווערען ווייכער און אונזערע וויצען איידעלער, ווען מיר האָבען גערעט צו איהר. פֿאַר איהר איז אַלעס ביי אונז געווען גאַנץ אַנדערש. דער בעקער האָט אַרויסגענומען פֿון אויווען אַ שופֿעל מיט די בעסטע און ברוינסטע בייגעל און האָט עס געשיקט אַריינגעוואָרפֿען אין טאַניאַ'ס פֿאַרטוך.

„געה אַוועק איצט און זיי פֿאָרזיכטיג, דער בעל הבית זאָל דיר ניט כאַפּען!" האָבען מיר איהר יעדעס מאָל געוואָרענט. זי האָט שעלמיש געלאַכט און האָט אונז לוסטיג צוגערופֿען: „האָט אייך אַ גוטען טאָג, אָרעמע טורמעניקעס!" און איז זיך אַרויסגעגליטשעט אַזוי געשווינד ווי אַ מייזעל.

דאָס איז געווען אַלעס... אָבער אַ לאַנגע צייט נאָך איהר אַוועקגעהען, האָבען מיר נאָך אַלס איינער צום אַנדערען גערעט פֿון איהר מיט פֿערגניגען. אימער איז זי געווען דיזעלבע; נעכטען אַזוי ווי אייערנעכטען, ווייל אַלעס אַרום אונז, און אויך מיר אַליין אַזוי גוט ווי זי, זיינען געבליבען דיזעלבע, יעדען טאָג דיזעלבע.

עס איז שמערצליך און טרויעריג פֿאַר איינעם צו לעבען, ווען אַלעס אַרום איהם בלייבט אונפֿערענדערט; און אויב די זעלע ווערט ניט געטויטעט אין גאַנצען, ווערט אָבער די איינזאַמקייט, וואָס ווייטער אַלס שמערצפֿאָלער. אונזערע געוועהנליכע געשפּרעכע וועגען פֿרויען פֿלעגט געפֿיהרט ווערען אין אַזאַ שפּראַך, דאָס מאַנכע מאָל פֿלעגט אונז אַליין ווערען עקעלהאַפֿט, צו הערען אונזערע גראָבע. אונפֿערשעהמטע רייד. די פֿרויען, וועלכע מיר האָבען געקענט, האָבען פֿילייכט ניט פֿערדינט קיין בעסערס, אָבער וועגען טאַניאַ האָבען מיר קיינמאָל קיין שלעכטעס וואָרט ניט גערעט; קיינער פֿון אונז האָט אפילו ניט געוואַגט איהר אָנצוריהרען מיט אַ האַנד, זאָגאַר אַ פֿרייען שפּאַס האָט זי קיינמאָל ניט פֿון אונז געהערט. מעגליך, אַז דאָס איז געווען, ווייל מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען נזיט איהר לאַנג צוזאַמען;

זי האָט נאָך אַ שיין געטהאָן פאַר אונזערע אויגען, ווי אַ פאַלענדער שטערען און איז באַלד פערשוואונדען געוואָרען; פיליכט איז דאָס געווען, ווייל זי איז געווען אַזוי קליין, אַזוי שעהן און אַלעס וואָס איז שעהן רופט אַרויס אַ רעספעקט, אפילו ביי גראָבע יונגען. און אויסערדעם — ווי אונזער שקלאַפישע אַרבייט זאָל אונז ניט האָבען פערגרעבט און פערטהיערט, זיינען מיר דאָך נאָך אַלס געבליבען מענשען, און אַזוי ווי אַלע מענשען, האָבען מיר ניט געקענט לעבען, אָהנע עטוואָס צו פערעהרען. קיין בעסערע פון איהר האָבען מיר ניט געהאַט, און קיינער פון דעם גאַנצען הויז אויסער איהר, האָט זיך אויף אונז אין אונזער קעלער ניט אומגעקוקט — אונגעאַכטעט וואָס דאָרטען האָבען זיך געפונען צעהנדליגער מענשען. דאַן איז עס אויך מעגליך, אַז דאָס איז געווען — וואַהרשיינליך איז דאָס געווען די הויפט אורזאַכע — ווייל מיר האָבען איהר געהאַלטען פאַר עטוואָס, וואָס איז אונזער אייגענעס, עטוואָס, וואָס עקזיסטירט נאָר צוליב אונזערע בייגעל. מיר האָבען זיך פערפליכטעט, נאָך דער רייהע, איהר צו בעזאָרגען מיט פרישע, הייסע בייגעל און עס איז ביי אונז געוואָרען אַ טעגליכע עבודה, צו ברייננגען אַ קרבן צו אונזער אָבגאָט; עס איז ביי אונז געוואָרען אַ הייליגע צערעמאָניע, צו וועלכע מיר האָבען זיך געפיהלט יעדען טאָג אַלס מעהר צוגעבונדען. אויסער די בייגעל האָבען מיר טאַניאַ׳ן אויך געגעבען אַ מאַסע עצה׳ס, מיר האָבען איהר געראַטהען צו טראָגען וואַרעמערע קליידער, ניט צו לויפען אויף די טרעפ צו געשווינד און ניט צו שלעפען קיין שווערע בינטלעך האָלץ. זי האָט אַלע אונזערע עצה׳ס אויסגעהערט מיט אַ שמייכעל, האָט געענטפערט מיט אַ געלעכטער און קיינמאָל אונז ניט געפאָלגט, אָבער מיר האָבען זיך ניט געפונען בעליידיגט; מיר האָבען איהר נאָר געוואָלט אַרויסצייגען, ווי וויינט מיר זאָרגען זיך וועגען איהר.

זי האָט זיך אָפטמאָל צו אונז געווענדעט מיט פערשידענע ביטעס, זי האָט אונז צ.ב.ש. געבעטען עפענען די שווערע קעלער-טהיר, צוהאַקען אַביסעל האָלץ, וועלכעס מיר האָבען מיט דער גרעסטער צופרידענהייט, זאָגאַר מיט אַ געוויסען שטאָלץ געטהאָן פאַר איהר און אַנדערע זאַכען, וואָס זי האָט פון אינז פערלאַנגט.

אָבער, ווען איינער פֿון אונז האָט איהר אַמאָל געבעטען, זי זאָל איהם פֿעררירכטען זיין איינציגע העמד, האָט זי איהם געענטפֿערט מיט אַ פֿערעכטליכען שמייכעל:

„וואָס נאָך! אַ שעהנער איינפֿאַל!"

מיר האָבען געמאַכט דאָס גרעסטען געלעכטער פֿון דעם זאָנדערבאַרען מענשען, וועמען אַזעלכעס האָט געקענט איינפֿאַלען אויף די געדאַנקען און פֿון דאַן אָן האָט קיינער פֿון אונז איהר מעהר קיין זאַך ניט געבעטען. מיר האָבען איהר געליבט — דערמיט איז אַלעס געזאָגט. דער מענש האָט אימער דעם וואונש אָנצוהייגען זיין ליבע אויף יע-מאַנדען, אונגעאַכטעט' וואָס מאַנכע מאָל בעלעסטיגט ער און בעפֿלעקט יענעם דערמיט; ער קען פֿערגיפֿטען מיט זיין ליבע דעם צווייטענס לעבען, ווייל ער ליבט אָהנע צו אַכטען דעם וואָס ער ליבט. מיר האָבען געמוזט ליבען טאַניאַ'ן, ווייל מיר האָבען ניט געהאַט קיין אַנדערע וועמען צו ליבען.

צייטענווייז פֿלעגט איינער פֿון אונז אָנפֿאַנגען נאָכצו-דיינקען און זיך פֿרעגען:

„וואָס מאַכען מיר דאָ פֿאַר אַ וועזשדען מיט דיזער מיי-דעל? וואָס איז דאָרט דאָ אַזוינס אין איהר? וואָס גיבען מיר זיך דאָ אַזוי פֿיל אָב מיט איהר? האַ?

דער יעניגער, וואָס איז זיך אונטערשטאַנען אַזעלכעס אַרויסריידען, האָט געכאַפּט אַ קורצען און אַ שאַרפֿען אָב שניט. מיר האָבען געמוזט האָבען וועמען צו ליבען; מיר האָבען געפֿונען טאַניאַ'ן און מיר האָבען איהר געליבט, און וואָס מיר אַלע זעקס און צוואַנציג האָבען געליבט, האָט געמוזט זיין הייליג פֿאַר אַלעמען און דער, וואָס האָט ניט געהאַלטען מיט אונז, איז געווען אונזער שונא. מעג-ליך, אַז דאָס וואָס מיר האָבען געליבט, איז גאָר ניט געווען אַזוי גוט, אָבער מיר זיינען געווען זעקס און צוואַנ-ציג אונזערע און מיר האָבען געוואָלט, אַז דאָס וואָס מיר פֿערעהרען, זאָל זיין ביי אַלעמען הייליג.

אונזער ליבע איז ניט קיין גרינגערע לאַסט ווי אונזער האַס און מעגליך, דאָס צוליב דעם, בעהויפטען מאַנכע שטאָלצע זעלען, דאָס אונזער האַס שמייכעלט זיי מעהר ווי אונזער ליבע. אָבער וואַרום ענטלויפֿען זיי ניט פֿון אונז, אויב עס איז אַזוי?

אויסער אונזער אַבטהיילונג, וואו מיר האָבען געאַרבייט, האָט אונזער בעל הבית אויך געהאַט אַ ברויט-בעקעריי; עס איז געוועז אין דעמזעלבען הויז און איז געווען אָבגעצאַמט פֿון אונזער גרוב, די בייגעל-בעקעריי, ניט מעהר ווי מיט אַ ווענטעל; אָבער די ברויט-בעקערס — 4 זייערע זיינען זיי געווען — האָבען זיך געהאַלטען פֿון ווייטען פֿון אונז. אַנערקענענדיג זייער אַרבייט פֿאַר אַן עדעלערע ווי אונזערע, האָבען זיי אויך זיך אַליין געהאַלטען פֿאַר בעסערע מענשען ווי מיר; זיי זיינען קיינמאָל ניט אַריינגעקומען צו אונז און האָבען זאָגאַר פֿון אונז אָבגעלאַכט, ווען זיי האָבען אונז בעגעגענט אויף'ן הויף; אויך מיר זיינען צו זיי ניט געגאַנגען, ווייל דער בעל הבית האָט עס אונז פֿערבאָטען, דען ער האָט מורא געהאַט מיר זאָלען ניט גנב'ענען אַ ברויטעל; מיר האָבען די ברויט-בעקער ניט האָלט געהאַט, ווייל מיר האָבען זיי מקנא געווען; זייער אַרבייט איז געווען אַ לייכטערע ווי אונזערע, זיי האָבען געקראָגען אַ בעסערען געהאַלט און בעסערע עסענס; זיי האָבען געהאַט אַ ליכטיגען גראַמען צימער צו דער אַרבייט און זיינען געווען ציכטיג און געזונט — און דאָס איז גענוג געווען, מיר זאָלען זיי פֿיינט האָבען. מיר אַלע האָבען אויסגעזעהען גרוי און געל· דריי פֿון אונז האָבען געהאַט די סיפֿיליס, איינגע אַנדערע האָבען געליטען פֿון הויט-קראַנקהייט און איינער איז געווען אַ פֿאָלשטענדיגער קריפּעל פֿון רעמאַטעס. אין אַ יום טוב טאָג אָדער אין אַזוי אַ פֿרייער צייט זיינען זיי געגאַנגען אויסגעפּוצט אין קורצע שבת'דיגע רעקלעך און סקריפּעדיגע שטיוועל, צוויי פֿון זיי האָבען אויך געהאַט האַרמאָניקאַס און זיי פֿלעגען אַרומגעהען שפּאַצירען אין די שטאָט-גאָרטענס, — מיר האָבען געטראָגען שמוציגע, צוריסענע בגדים און אַלטע לעדערנע קלומפּעס אָדער לאַפּטיעס אויף די פֿיס, די פּאָליציי וואָלט אונז אפילו ניט אַריינגעלאָזט אין אַ גאָרטען —ווי האָבען מיר זיי שוין געקענט ליב האָבען?

אין אַ שעהנעם טאָג האָבען מיר ערפֿאַהרען, דאָס דער הויפּט-בעקער האָט זיך אָנגע'שכור'ט, דער בעל הבית האָט איהם ענטזאַגט און האָט אָנגענומען אַן אַנדערען און דיזער איז געווען אַ סאָלדאַט, ער האָט געטראָגען אַ סאַטינענע

קאַמזעלקע און אַ זייגער מיט אַ גאָלדענע קייטעל. מיר זיינען געווען נייגעריג אָנצוקוקען אַזאַ פּראַנט, און מיט דער האָפנונג צו כאַפּען אַ בליק אויף איהם, האָבען מיר גע־האַלטען איינער נאָך׳ן אַנדערען אין אַרויסלויפען אַלע ווילע אין הויף.

ער איז אָבער אַליין געקומען צו אונז. ער האָט אַ בריק געטהאָן מיט׳ן פוס און די טהיר האָט זיך געעפענט. ער האָט איהר געלאָזען ברייט אָפענגעשפּאַנט און שטעהענדיג אויף׳ן שוועל, האָט ער אונז מיט אַ שמייכעל צוגערופען:

„גאָט העלף אייך! גוט מאָרגען אייך, קאַמעראַדען!"

די אייז־קאַלטע לופט, וועלכע האָט אַריינגעשטראָמט דורך דער אָפענער טהיר, האָט זיך פערוואַנדעלט אין פּאַרע און האָט זיך געדרעהט אַרום זיינע פיס. ער איז געשטאַנען אויף׳ן שוועל, האָט אונז בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָב און פון אונטער זיינע העלע, פערדרעהטע וואָנסען האָבען זיך אַרויסגעזעהען זיינע גרויסע געלבליכע ציינער. זיין וועסטעל איז ווירקליך געווען אַן אויסערגעוועהנליכע, מיט בלויע בלומען און בליטציגע רויטע קליינע קנעפּלעך, איבער וועלכע עס איז געווען אַריבערגעוואָרפען די זייגער־קייטעל.

ער איז געווען אַ שעהנער יונג, דיזער סאָלדאַט; הויך, קרעפטיג, מיט רויטע באַקען און זיינע גרויסע קלאָהרע אויגען האָבען געהאַט אַ פריינדליכען און לוסטיגען גלאַנץ. אויף׳ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ ווייסע געקראָכמעלטע היטעל און פון אונטער זיין ווייס־קלאָהרען, ריינעם פאַרטוך האָבען אַרויסגעקוקט די שמאָלע, מאָדערנע שפּיצען פון זיינע גוט אָבגעפּוצטע קאַמאַשען.

אונזער בעקער האָט איהם אין אַ העפליכען טאָן געבע־טען, ער זאָל פערמאַכען די טהיר, וועלכעס ער האָט, אָהנע זיך צו איילען געטהאָן, דאַן האָט ער אונז אָנגעפאַנגען פונאַנדערצופרעגען וועגען אונזער בעל הבית. ריידענדיג אַלע מיט אַמאָל, האָבען מיר איהם דערצעהלט, דאָס אונזער מייסטער איז איינער פון די גרעסטע אונמענשען, אַ מאַ־שעניק, אַ הויט־שינדער און אַ שקלאַפען־טרייבער; מיט איין וואָרט, מיר האָבען געזאָגט אַלעס, וואָס קען און מוז געזאָגט ווערען וועגען אַ מייסטער, אָבער וואָס קען דאָ

ניט אַרויסגעזאָגט ווערען. דער סאָלדאַט האָט אַלעס אויסגעהערט, האָט גערדעהט די וואָנסעס און האָט אויף אונז געקוקט מיט אַ פריינדליכען, אָפענהערציגען בליק.

„האָט איהר ניט דאָ אַסך מיידלעך?" האָט ער פּלוצלינג אַ פרעג געטהאָן.

מאַנכע פון אונז האָבען געלאַכט מיט אָבשיי, אַנדערע האָבען אָנגענומען אַן ערנסטען אויסדרוק און איינער פון אונז האָט דעם סאָלדאַט ערצעהלט, אַז דאָ געפינען זיך אין גאַנצען ניין שטיק.

„און איהר בענוצט זיך דאָך מסתמא מיט דער געלעגענהייט?" האָט דער סאָלדאַט געפרעגט, ווינקענדיג מיט די אויגען.

מיר האָבען געלאַכט, אָבער ניט הויך, אַזוי ווי אין פערלעגענהייט. אַנדערע פון אונז וואָלטען אפילו געוואָלט זיך בעריהמען פאַר'ן סאָלדאַט, אַז זיי זיינען גאַנצע קנעפלעך מיט די מיידלעך, קיינער האָט עס אָבער ניט געקענט; איינער פון אונז האָט זיך זאָגאַר האַלב מודה געוועז, זאָגענדיג: „אַזעלכע זאַכען זיינען ניט פאַר אונז..."

„נו יאָ, איך גלויב אויך אַזוי, אַז עס איז ניט פאַר אייך..." האָט דער סאָלדאַט צוגעגעבען מיט איבערצייגונג, בעטראַכטענדיג אונז נאָך אַמאָל פון קאָפּ ביז צו פיס. „עפּעס פעהלט אין אייך. איהר קוקט ניט אויס ווי עס בעדאַרפט צו זיין. איהר האָט דאָך גאָר קיין פנים און אויסזעהען ניט; די ווייבער, פערשטעהט איהר מיך, זיי האָבען האָלט צו זעהען אַ שעהנעם און דרייסטען אויסזעהן, זיי ווילען האָבען אַ קערפּער, וואָס זאָל עפּעס זיין אָנצוקוקען. זיי האָבען האָלט עפּעס רעכטס... אַ קרעפטיגען יונג, אָט מיט אַזעלכע אָרעמס!"

און ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די רעכטע האַנד, מיט אַ פערקאַשערטען אַרבעל ביז איבער'ן עלענבויגען און האָט אונז געצייגט זיין נאַקעטען מוסקוליעזען אָרעם, וועלבער איז געווען צאַרט ווייס און קרעפטיג, בעדעקט מיט בליסצעדיגע געלע הערלעך.

„די פאָלקעס, די ברוסט, אַלעס מוז זיין שטאַרק און קרעפטיג... דאַן מוז מען אויך זיין שעהן אָנגעטהאָן, נאָך דער לעצטער מאָדע, עס זאָל זיי קענען צוציהען. זעהט

איהר, מיך האָבען זיי האַלט, איך געפעל זיי... איך רוף זיי ניט, איך מאַך זיך צו זיי ניט צו און זיי, צו פינף אויף אַמאָל, הייגגען זיי זיך ביי מיר אויף'ן האַלדז..."

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ זאַק מעהל און האָט אונז פאַר אַ לאַנגע צייט דערצעהלט, ווי פרויען האָבען איהם געליבט און ווי דרייסט ער איז געווען מיט זיי... דאַן איז ער אַוועקגעגאַנגען, און נאָכדעם ווי די טהיר האָט זיך מיט אַ סקריפ הינטער איהם צוגעמאַכט, זיינען מיר פאַר אַ לאַנגע צייט געבליבען זיצען שטילשווייגענד און האָבען נאָכגעדיינקט וועגען איהם און דאָס וואָס ער האָט אונז דערצעהלט. דאַן האָבען מיר אַלע פלוצלינג אונטערבראָכען אונזער שטילשווייגען און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, דאָס ער איז אונז אַלעמען געפעלען געוואָרען. מיר זיינען אַלע געווען צופרידען מיט איהם. ער איז געווען אַזוי פיין, אָפענהערציג און איינפאַך מיט אונז; ער פלעגט צו אונז קומען און אָהן גאוה, זיך אַוועקזעצען און פלוידערען מיט אונז. קיינער איז צו אונז ניט געקומען, קיינער האָט צו אונז ניט אַזוי פריינדליך גערעט, ווי ער.

מיר האָבען געהאַלטען אין איין ריידען וועגען איהם און וועגען זיינע צוקונפטיגע ערפאָלגען ביי די מיידלעך, וואָס האָבען געאַרבייט אין דעם גאָלד-שטיקעריי געשעפט, וועלכע זיינען אונז פערביי געגאַנגען מיט אַ פערעכטליכען שפאָט, ווען מיר האָבען זיי אָנגעגעגנט אין הויף און האָבען אונז אַזוי אַריבערגעקוקט, ווי מיר וואָלטען גאָר ניט עקזיסטירט. מיר האָבען זיי אפילו אימער בעוואונדערט, ווען מיר האָבען זיי אָנגעטראָפען פון וויטען אָדער ווען זיי פלעגען פערבייגעהען פאַר אונזער פענסטער — ווינטער אין פוטערנע מאַנטלען און היטעלעך און זומער-צייט מיט בלומען-געפוצטע היט און קאָלירטע זונען-שירמעס אין די הענד. דאָך האָבען מיר וועגען זיי גערעט אין אַזאַ פאָרמע, דאָס זיי וואָלטען רויט געוואָרען פאַר שאַנדע און אויפרעגונג, ווען זיי וואָלטען עס געהערט...

„ער זאָל אַקאָרשט ניט פערפיהרען די קליינע טאַניאַ!" האָט דער בעקער פלוצלינג אַ זאָג געטהאָן.

מיר האָבען אַלע געשוויגען, דען דיזע ווערטער האָבען אונז אַלעמען בעאונרוהיגט. מיר האָבען זיך אָן איהר גאָר

געהאַט פֿערגעסען, אַזוי ווי זי וואָלט פֿערשטעלט געוואָרען פֿאַר אונז, דורך די שעהנע, קרעפֿטיגע פֿיגור פֿון דעם סאָלדאַט.

דאַן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ לעבהאַפֿטער שטרייט; מאַנכע פֿון אונז האָבען בעהויפטעט, אַז טאַניאַ וועט זיך אויף אַזוי ווייט ניט ערנידריגען; אַנדערע האָבען געצוויי־פֿעלט און געזאָגט, דאָס זי וועט זיך ניט קענען צוריקהאַלטען פֿון איהם; גאָר אַנדערע האָבען פֿאָרגעשלאָגען, דאָס מען זאָל איהם גוט דורכברעכען די ביינער, אויב ער וועט פּרובירען זיך טשעפּען צו טאַניאַ'ן. ענדליך האָבען מיר אַלע איינשטימיג בעשלאָסען, גוט אַכטונג צו געבען אויף דעם סאָלדאַט און טאַניאַ'ן און וואַרנען די מיידעל זי זאָלען זיך היטען פֿאַר איהם. דיזער ענטשלוס האָט געמאַכט אַן ענדע צו אונזער שטרייט.

פֿיער וואָכען זיינען פֿון דאַן אָן אַוועק; דער סאָלדאַט האָט אינטער דיזער צייט געבאַקען ווייסע ברויט, האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט די מיידלעך, וועלכע האָבען גע־אַרבייט אין דעם גאָלד־שטיקעריי געשעפֿט, ער האָט אונז אָבגעשטאַטעט אָפֿטע בעזוכע און האָט מעהר ניט גערעט וועגען זיינע העלדישקייטען איבער די מיידלעך; ער האָט גאָר גערדריהט מיט די וואָנסען און געשמאָטשקעט מיט די ליפּען.

טאַניאַ איז יעדען פֿריהמאָרגען, אַזוי ווי אַלע מאָל, אריינגעקומען נאָך די „קליינע בייגעל" און איז געוועזן אַזוי לוסטיג, לעבעדיג און פֿריינדליך צו אונז, אַזוי ווי אימער. מיר האָבען אַפּאָר מאָל פּרובירט צו איהר ריידען וועגען דעם סאָלדאַט, נאָר זי האָט איהם גערופֿען „די קאַלב מיט די אויסגעגלאָצטע אויגען" און אַנדערע צונעמען, זי האָט פֿון איהם חוזק געמאַכט און דאָס האָט אונז בערוהיגט. מיר האָבען צוגעזעהען, וואָס די איבריגע מיידלעך האָבען פֿערפֿיהרט מיט'ן סאָלדאַט און מיר זיינען שטאָלץ געוועזן מיט אונזער מיידעל; טאַניאַ'ס אויפֿפֿיהרונג האָט אונז גע־מאַכט עהרע; מיר האָבען איהר געטרייט נאָכטהאָן און האָבען דעם סאָלדאַט בעהאַנדעלט אין אונזערע געשפּרעכע

מיט ווייניגער רעספּעקט. זי איז אונז געוואָרען טהייערער און מיר האָבען איהר יעדען מאָרגען בעגריסט מיט מעהר ליבליכקייט און פריינדשאַפט.

איין טאָג איז ער צו אונז אַריינגעקומען אַביסעל שכור'לעך, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבען צו לאַכען. ווען מיר האָבען איהם געפרעגט פון וואָס ער לאַכט, האָט ער אונז ערקלעהרט:

„צוויי זייערע — לודקאַ און גרושקאַ — האָבען זיך איבער מיר געשלאָגען. איהר האָט געדאַרפט זעהען, ווי זיי האָבען זיך געגעבען! האַ! האַ! האַ! זיי האָבען זיך צוקראַצט די פּנים'ער און צוריסען די קליידער! עס איז געווען גענוג פאַר איינעם צו שטאַרבען פון געלעכטער! ווי קומט עס, וואָס פרויען קענען זיך ניט שלאָגען ווי עס בעדאַרף צו זיין, אויף אַן עהרליכען שטייגער? וואַרום צוקראַצען זיי זיך אימער די געזיכטער? האַ?

ער איז געזעסען אויף'ן באַנק, געזונט, פריש און מונטער; ער איז געזעסען און געלאַכט. מיר האָבען געשוויגען. דיזען מאָל האָט ער געמאַכט אַן אונאַנגענעהמען איינדרוק אויף אונז.

„וואונדערבאַר! איז דאָס ניט מערקווירדיג, וואָס פאַר אַ מזל איך האָב דאָס צו פרויען? העַ? איך האָב מיר אַזוי פיל אָנגעלאַכט, דאָס איך בין אַזש קראַנק! איין וואונק און אַלעם איז פאַרטיג מיט זיי! צום טייוועל!"

ער האָט אויפגעהויבען זיינע ווייסע, האָריגע הענד און זיי זייגען צוריקגעפאַלען אויף די קניע. זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ גאַאיוועז אויפריכטיגען ערשטוינען, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען איבערראַשט מיט זיין גוטען מזל, וואָס ער האָט צו פרויען. זיין דיקע, רויטע געזיכט האָט געשטראַהלט פון גליק און זעלבסטצופרידענהייט און ער האָט געשמאָטשקעט מיט די ליפּען מעהר ווי אימער.

אונזער בעקער האָט אונרוהיג און אויפגערעגט געשאַרט מיט'ן שופעל איבער'ן דעק פון אויווען און פּלוצלינג האָט ער זיך אָנגערופען:

„וואָס פאַר אַ העלדישקייט דאָס איז, אַ קונץ איינצו-בויגען אַ יונגען בוימעלע, אָבער בעוויז גאָר אַ בראַבראַסט און בויג איין אַ סאָסנע!"

„וואַרום, וואָס מיינסטו דערמיט?" האָט דער סאָלדאַט געפרעגט.

„אָה, עס איז גאָר ניט..."

„וואָס האָסטו געזאָגט?"

„גאָר ניט, עס האָט זיך מיר אַרויסגעגליטשט!"

„ניין, וואַרט אַ ווײַלע! .וואָס מיינסטו? וואָס פאַר אַ טאָסנע?"

אונזער בעקער האָט ניט געענטפערט און האָט שנעל געאַרבייט מיט'ן שופעל אין אויווען; ער האָט אַרײַנגעוואָרפען די האַלב-געקאָכטע בייגעל און אַרויסגענומען די פאַרטיגע און מיט אַ געוויש זיי אַראָבגעוואָרפען אויף דער פאָדלאָגע צו די לעהר-אינגלעך, וועלכע האָבען זיי אַרויפגעצויגען אויף שנירלעך. עס האָט אויסגעוויזען, דאָס ער האָט אין גאַנצען פערגעסען אָן דעם סאָלדאַט און דעם געשפרעך מיט איהם. דער סאָלדאַט איז פלוצלינג געוואָרען אונרוהיג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און איז געגאַנגען צום אויווען, ריזיקירענדיג צו קריגען אַ זעץ מיט'ן שופעל, וועלכער האָט זיך מיט אַ פיבערהאַפטער געשווינדיגקייט בעוועגט אין דער לופט.

„ניין, זאָג מיר, איך בעט דיר, וועמען מיינסטו? דו האָסט מיר בעליידיגט... איך? עס גיט ניט קיינע, וואָס זאָל מיר ווידערשטעהען, ניין, ניין! און דו בעליידיגסט מיר אזוי..."

עס האָט געשיינט, דאָס ער געפינט זיך ווירקליך טיעף געקריינקט. וואַהרשיינליך האָט ער ניט געהאַט מיט עטוואָס אַנדערעס זיך איבערצונעהמען, אויסער מיט זיין פעהיגקייט צו פערפיהרען פרויען. און פיליכט איז אויך דיזע פעהיגקייט געווען די איינציגע זאַך, וועלכע האָט איזם געמאַכט זיך פיהלען אַלס לעבעדיגער מענש.

עס גיט מענשען, ביי וועמען אַ געוויסע קערפערליכע אָדער גייסטיגע קראַנקהייט שיינט צו זיין דאָס שעהנסטע און בעסטע אין זייער לעבען. זייער גאַנצען לעבען-לאַנג גיבען זיי זיך מיט דעם אָב, זיי לעבען נאָר צוליב דעם, זיי ליידען דאַדורך, זיי נעהרען זיך מיט דעם, זיי בעקלאָגען זיך פאַר אַנדערע וועגען דעם און ציהען דאַדורך די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע מיטמענשען אויף זיך. אַזוי רופען זיי אַרויס די

סימפּאַטי פון מענשען און אויסערדעם בעזיצען זיי קיין זאַך ניט. נעהמט פון זיי אַוועק דיזע קראַנקהייט און זיי וועלען בלייבען די אונגליקליכסטע, דען זיי האָבען פערלאָרען די איינציגע קוועלע פון זייער לעבען — זיי בלייבען ביי גאָר ניט. מאַנכע מאָל איז דער לעבען פון מענשען אַזוי אָרעם, אַזוי פוסט, דאָס אינסטינקטיוו, אָהנע צו פיהלען, ווערט ער געטריבען צו שעצען זיין לאַסטער, דען דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מאַכט איהם פיהלען, דאָס ער לעבט; מען קען טהאַטזעכליך זאָגען, דאָס מענשען ווערען לאַסטערהאַפט, צוליב זייער פוסטקייט.

דער סאָלדאַט איז געוועזן בעלייִדיגט, ער האָט זיך גאַנץ נאָהנט צוגערוקט נעבען בעקער און האָט אַרויסגעברומט:

„ניין, זאָג מיר דאָך, ווער איז עס?"

„דיר זאָגען?" האָט דער בעקער זיך פלוצלינג געווענדעט צו איהם.

„נו, זאָג, ווער?"

„קענסטו טאַניאַ?"

„נו, וואָס איז?"

„איהר מיין איך דאָס, פּראָביר נאָר מיט איהר!"

„איך?"

„יאַ דו!"

„לעכערליך, דאָס איז דאָך גאָר ניט פאַר מיר — פּהו!"

„מיר וועלען זעהען!"

„איהר זאָלט עס זעהען! האַ! האַ!"

„זי וועט דיר — "

„גיב מיר אַ מאָנאַט צייט!"

„וואָס פאַר אַ בעריהמער דו ביזט, סאָלדאַט!"

„נאָר צוויי וואָכען! איך וועל עס בעווייזען! ווער איז דאָס? טאַניאַ! פּהו!"

„געה אַוועק! דו ביזט מיר אין וועג!"

„צוויי וואָכען נאָר — און איך בין מיט איהר פערטיג, דו —"

„טראָג זיך אָב, זאָג איך דיר!"

אונזער בעקער איז פלוצלינג ווילד געוואָרען און האָט געפּאָכט מיט'ן שופעל. דער סאָלדאַט האָט זיך ערשטוינט אָבגערוקט פון איהם, ער האָט אונז אַלעמען בעטראַכט און

זאָגענדיג צו אונז אין אַ פֿריינדליכען טאָן: „נון, גוט!" איז ער צוגעגאַנגען צו דער טהיר און איז אַוועק.

אונטער דער צייט וואָס זיי האָבען ביידע זיך געשטריטען, זיינען מיר אַלע געזעסען שטיל און האָבען זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט. אַזוי געשווינד אָבער ווי דער סאָלדאַט איז אַוועק, איז צווישען אונז ענטשטאַנען אַ הויכער און לעבּהאַפֿטער געשפּרעך:

„דו האָסט זעהר שלעכט געטהאָן, פּאַוועל!" האָט איינער פֿון אונז צוגערופֿען דעם בעקער.

„טהו דיין אַרבייט!" האָט איהם דער בעקער געענטפֿערט ווילד.

מיר האָבען געפֿיהלט, דאָס דער סאָלדאַט איז געווען זעהר אויפֿגערעגט און דאָס מאַניאַ איז געשטאַנען אין געפֿאַהר. מיר האָבען עס געפֿיהלט און אין דערזעלבער צייט זיינען מיר געווען דורכדרונגען מיט אַ ברענענדער, אַנגענעהמער נייגעריגקייט, צו וויסען וואָס עס וועט זיך אויסלאָזען. וועט זי קענען ווידערשטעהען דעם סאָלדאַט? און כמעט אַלע האָבען מיר איבערצייגט אויסגערופֿען: „טאַניאַ? זי וועט איהם צו זיך ניט צולאָזען! ער וועט גאָר ניט אויספֿיהרען מיט איהר!"

מיר זיינען געווען שרעקליך געשפּאַנט … וויסען די שטאַרקייט פֿון אונזער אָבגאָט; מיר האָבען געזוכט איינער דעם אַנדערען צו איבערצייגען, דאָס אונזער געטליכקייט איז שטאַרק גענוג אויסצוהאַלטען דיזען נסיון. ענדליך האָבען מיר אָנגעהויבען צו דיינקען, דאָס מיר האָבען נאָך וויניג געערגערט דעם סאָלדאַט, דאָס ער קען זיך נאָך גאָר אין גאַנצען פֿערגעסען אָן דעם שטרייט און דאָס עס וואָלט גוט געווען איהם נאָך מעהר אונטערצוהעצען. פֿון דיזען טאָג אָן האָבען מיר אָנגעפֿאַנגען צו לעבען אַ גאַנץ אַנדערען לעבען, אַ לעבען פֿון נערוועזער אויפֿגערעגטקייט, פֿון וועלכען מיר האָבען פֿריהער ניט געוואוסט. גאַנצע טעג האָבען מיר פֿערבראַכט אין אַרומשטרייטען זיך; עס האָט אויסגעזעהען ווי מיר וואָלטען קליגער געוואָרען און געקראָגען מעהר רייד און בעסערע אויסדריקע. עס האָט אונז אויסגעוויזען, אַזוי ווי מיר וואָלטען זיך פֿערנומען אין אַ וועט־שפּיל מיט'ן טייוועל און טאַניאַ איז געווען דער איינשטעל פֿון אונזער

זייט. ווען מיר האָבען ערפאַהרען פון די בעקער, דאָס דער סאָלדאַט האָט אָנגעפאַנגען „זיך צו יאָגען נאָך טאַניאַ'ן,“ האָבען מיר געפיהלט אַ מערקווירדיגען אַנגענעהמען שרעק און אונזער לעבען איז געוואָרען אַזוי פּעראינטערעסירט, דאָס מיר האָבען אפילו ניט געמערקט, ווי אונזער מייסטער האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט פון אונזער אויפגערעגטהייט און האָט אונז געגעבען מיט 14 פונט טייג אויף'ן טאָג מעהר אויסצואַרבייטען. מיר האָבען זיך זאָגאַר ניט געפיהלט מיד פון אונזער אַרבייט. אַ גאַנצען טאָג איז טאַניאַ'ס נאָמען ניט אַרונטער פון אונזערע ליפּען. יעדען פריה-מאָרגען האָבען מיר איהר ערוואַרטעט מיט אַ זאָנדערבאַרער אונגעדולדיגקייט. מאַנכעסמאָל האָבען מיר זיך פאָרגעשטעלט, דאָס זי וועט קומען צו אונז און עס וועט ניט מעהר זיין דיזעלבע טאַניאַ. מיר האָבען אָבער איהר גאָר ניט דערצעהלט פון דעם שטרייט, וואָס מיר האָבען געהאַט איבער איהר. מיר האָבען איהר קיין זאַך ניט געפרעגט און זיך פערהאַלטען אַזוי גוט און פריינדליך צו איהר ווי פריהער. אָבער עטוואָס נייעס איז צוגעקומען אין אונזערע בעציהונגען צו טאַניאַ, אַזעלכעס, וואָס איז אונז פריהער פרעמד געווען — און דאָס איז געווען די געשפּאַנטע נייגיריגקייט, וועלכע איז אַזוי קאַלט און שאַרף, ווי אַ שטאָלענער מעסער.

„ברידער! היינט ענדיגט זיך דער טערמין!“ האָט אונזער בעקער אין אַ פריהמאָרגען צו אונז געזאָגט, זיך שטעלענדיג צו דער אַרבייט.

מיר האָבען דאָס אַלע געוואוסט און ניט געדאַרפט וואַרטען, ער זאָל אונז דערמאָהנען; דאָך האָט עס אונז אַלעמען אויפגעציטערט.

„בעטראַכט איהר גוט... זי וועט דאָ באַלד זיין!“ האָט ער פאָרטגעזעצט.

„נו, און וואָס וועט זיין, קען מען דען עפּעס אַרויסזעהן!“ האָט איינער זיך אָנגערופען אין אַן אונרוהיגען טאָן.

און פון דאָס ניי האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ טומעלדיגער שטרייט. היינט האָבען מיר זיך דאָס געוואָלט איבערצייגען, ווי ריין און אָהן אַ שפּריינקעלע דאָס געשיר איז, אין וועלכע מיר האָבען אַריינגעלעגט דאָס בעסטע, וואָס איז געווען אין אונז. דיזען מאָרגען איז אונז צום ערשטען מאָל קלאָהר

געוואָרען, דאָס מיר האָבען ווירקליך געשפּילט אַ גרויסען שפּיל; דאָס דורך דעם נסיון פון דער ריינהייט פון אונזער אָבגאָט קענען מיר אונזער גאָטהייט אין גאַנצען פערלירען. דורך די גאַנצע 14 טאָג האָבען מיר געהערט, דאָס טאַניאַ איז האַרטנעקיג און אונאויפהערליך פערפאָלגט געוואָרען פון דעם סאָלדאַט, אָבער קיינעם פון אונז איז גאָר ניט איינגעפאַלען איהר צו פרעגען, ווי זי פערהאַלט זיך צו איהם. זי איז געקומען צו אונז יעדען פריהמאָרגען נאָך די בייגעל און איז אימער געבליבען דיזעלבע.

אויך דיזען מאָרגען האָבען מיר געהערט איהר שטימע:

„איהרע אָרעמע טורמעניקעס! דאָ בין איך!"

מיר האָבען איהר געעפענט די טהיר, און ווען זי איז אַריינגעקומען זיינען מיר געגען אונזער געוואוינהייט געבליבען שטיל, ניט אַזוי ווי אַלע מאָל. מיר האָבען מיט פאָרשענדע אויגען געקוקט אויף איהר, ניט וויסענדיג וואָס צו ריידען צו איהר און וואָס איהר צו פרעגען. אַזוי זיינען מיר געשטאַנען פאַר איהר, אַ פינסטערע, טרויעריגע, שטיל־שווייגענדע מאַסע. זי האָט געשיינט צו זיין איבעראַשט פון דיזען אונגעוועהנליכען עמפפאַנג; זי איז פלוצלינג געוואָרען בלאַס און אונרוהיג, און מיט אַ פערשטיקטער שטימע האָט זי אונז געפרעגט:

„וואָס איז מיט אייך? וואַרום זייט איהר היינט עפּעס אַזוי?"

„און דו?" האָט איהר דער בעקער בייז אַ שטאָך געטהאָן, ניט אַראָבנעהמענדיג די אויגען פון איהר.

„וואָס זאָל דען מיט מיר זיין?"

„גאָ—גאָר ניט."

„נו, טאָ גיט מיר געשווינדער די בייגעלעך."

פריהער האָט זי זיך קיינמאָל ניט אַזוי געאיילט.

„דו האָסט נאָך גענוג צייט!" האָט דער בעקער צו איהר געזאָגט, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט און ניט אַראָבנעהמענדיג די אויגען פון איהר געזיכט.

פלוצלינג האָט זי זיך אומגעקעהרט און איז פערשוואונדען געוואָרען דורך'ן טהיר.

דער בעקער האָט גענומען זיין שופעל און זיך אומקעהרענדיג צום אויווען, האָט ער [illegible] א רוהיגער שטימע געזאָגט:

„נון, עס איז געענדיגט! אָבער אַ סאָלדאַט! אַזאַ געמיינע חיה ווי דער! א נידריגער שורקע!..."

ווי אַ סטאַדע שעפּסען, זיך שטופּענדיג איינער דעם אַנדערען, זיינען מיר צוריקגעגאַנגען צום טיש, שטילשווייגענד האָבען מיר זיך אַוועקגעזעצט און האָבען אָנגעפאַנגען גלייכגילטיג צו אַרבייטען. פּלוצלינג אָבער האָט איינער אונטערבראָכען די שטילקייט:

„גאָך אַלעמען, פּילייכט איז עס נאָך ניט —"

„שווייג שטיל!" האָט דער בעקער אויסגעשריען.

מיר האָבען אַלע געוואוסט, אַז ער איז קליגער און פערשטעהט זאַכען בעסער ווי מיר. דער קלאַנג פון זיין שטימע האָט אונז איבערצייגט, דאָס דער סאָלדאַט האָט געזיגט און מיר זיינען געוואָרען טרויריג און נידערשלאָגען.

אום 12 אַ זייגער — ווען מיר האָבען געהאַלטען אין עסען אונזער מיטאָג — איז דער סאָלדאַט אַריינגעקומען. ער איז געווען ריין און לעבעדיג, אַזוי ווי אַלע מאָל און האָט אונז, ווי שטענדיג, געקוקט גלייך אין די אויגען. אונז אָבער איז שווער געווען איהם צו קוקען גלייך אין געזיכט.

„נו, מיינע העררען, ווילט איהר דאָס איך זאָל אייך צייגען, וואָס אַ סאָלדאַט קען?" האָט ער אונז געפרעגט מיט אַ שטאָלצען געלעכטער.

„קומט אַרויס אין פאָרהויז און קוקט דורך'ן שפּאַלט — איהר פערשטעהט?"

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פאָרהויז און זיך שטויסענדיג איינער דעם אַנדערען, האָבען מיר זיך געדריקט צו צוקומען צו אַ שפּעלטעל אין דער הילצערנער ווענטעל פון פאָרהויז, וועלכע האָט אַרויסגעקוקט צום הויף. מיר האָבען ניט געהאַט לאַנג צו וואַרטען. באַלד האָבען מיר דערזעהן טאַניאַן געהענדיג מיט געשווינדע שריט און אַ בעזאָרגטען פּנים איבער'ן הויף, אַריבערשפּרינגענדיג די בלאָטיגע ליוזשקעס פון דעם צושמאָלצענעם שניי און פערשווינדענדיג אין דעם מאַגאַזין קעלער. אין אַ ווײלע אַרום איז אַרויסגעקומען דער סאָלדאַט פייפענדיג און זיך ניט אײלענדיג איז ער געגאַנגען אין דערזעלבער ריכטונג. ער האָט געהאַלטען די הענד אין די קעשענעס און זיינע וואָנסען האָבען געציטערט.

עס איז געפֿאַלען אַ רעגען און מיר האָבען געזעהען, ווי די טראָפּען זיינען געפֿאַלען אין די ליוזשקעס און האָבען געמאַכט בלעזלעך אויף'ן וואַסער. עס איז געווען אַ פֿייכטער, גרויער, זעהר לאַנגווייליגער טאָג. דער שניי איז נאָך געלעגען אויף די דעכער, אָבער אויף דער ערד האָבען זיך שוין אָנגעזאַנגען אַרויסצוזעהן דונקעלע לאַטעס בלאָטע, אויך דער שניי, וואָס איז געלעגען אויף די דעכער האָט שוין אויסגעזעהען, ווי בעדעקט מיט אַ ברוינליכער שמוציגקייט. דער רעגען איז געפֿאַלען גאַנץ זאַכט מיט אַ מעלאַנכאָלישען גערויש. עס איז אונז געווען קאַלט און אונאַנגענעהם צו וואַרטען.

דער ערשטער אַרויסצוקומען פֿון מאַגאַזין-קעלער איז געווען דער סאָלדאַט; ער איז זיך געגאַנגען גאַנץ לאַנגזאַם איבער'ן הויף, דרעהענדיג די וואָנסען, מיט די הענד אין די קעשענעס — דערזעלבער ווי אימער.

באַלד דערנאָך איז אויך טאַניאַ אַרויסגעקומען. איהרע אויגען האָבען געלויכטען פֿון פֿריידע און גליק און איהרע ליפּען האָבען געשמייכעלט. זי איז געגאַנגען אַזוי ווי פֿער'חלומ'ט זיך ווּיגענדיג מיט אונזיכערע טריט.

מיר האָבען זיך ניט מעהר געקענט איינהאַלטען. מיר האָבען זיך אַלע אַוואָרפֿגעטהאָן צו דער טהיר, האָבען איהר אויפֿגעריסען און זיינען אַרויס אין הויף און האָבען איהר אָנגעפֿאַנגען אויסצופֿייפֿען, מיר האָבען געשריען און ווילד און בייז איהר בעליידיגט.

זי האָט אויפֿגעשוידערט אונז דערזעהענדיג און איז געבליבען שטעהען, אַזוי ווי צוגעשמיט צו דער בלאָטע אונטער איהרע פֿיס. מיר האָבען איהר אַרומגערינגעלט און מיט ווילדקייט, אָהנע זיך צוריקצוהאַלטען, האָבען מיר געשאָטען אויף איהר בעליידיגונגען און שענדליכע ווערטער.

זעהענדיג, אַז זי קען פֿון אונז ניט אַוועק, ווייל מיר האָבען איהר געהאַט אַרומגערינגעלט און מיר קענען איהר שימפּפֿען און בעליידיגען וויפֿיל אונזער האַרץ געלוסט, האָבען מיר זיך ניט געאיילט און עס געטהאָן גאַנץ געלאַסען. איך ווייס ניט וואַרום, אָבער מיר האָבען איהר ניט געשלאָגען. זי איז געשטאַנען אין מיטען און האָט געדרעהט דעם קאָפּ אַהין און אַהער, אויסהערענדיג אונזערע בעל־

דיגונגען און זידלערייען. און מיר — מיר האָבען געהאַלטען אין איין גיסעען אויף איהר אַלס מעהר און מעהר דעם שמוץ און גיפּט פֿון אונזערע ווערטער.

די פֿאַרב פֿון איהר געזיכט איז פֿערשוואונדען. איהרע בלויע אויגען, וועלכע האָבען אַזוי גליקליך געלויכטען מיט אַ מינוט צוריק, זיינען געוועזן ווייט אָפֿען, איהר ברוסט האָט זיך האַסטיגט בעוועגט און איהרע ליפּען האָבען געציטערט.

מיר האָבען פֿון איהר גענומען ראַכע, אַזוי ווי זי וואָלט אונז בערויבט. זי האָט געהערט צו אונז, מיר האָבען אויף איהר פֿערשווענדעט אונזער בעסטעס, און זאָגאַר אונזער בעסטעס איז ניט מעהר געוועזן ווי בעטלער-ברעקלעך, דאָך זיינען מיר געוועזן זעכס-און צוואַנציג און זי נאָר איינע, און מיר האָבען ניט געקענט געפֿינען גענוג פּיין, וואָס זאָל גלייך זיין צו איהר פֿערברעכען, וועלכען זי האָט גע-גען אונז בעגאַנגען! ווי מיר האָבען איהר בעליידיגט! זי האָט אַלס געשוויגען, זי האָט אויף אונז געבליקט מיט ווילדע אויגען און האָט געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

מיר האָבען געלאַכט, געשריען און געליאַרעמט. אַנדערע מענשען האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאַמען צו קלייבען און האָבען אונז מיטגעהאָלפֿען... איינער פֿון אונז האָט איהר געשלעפּט פֿאַר'ן אַרבעל...

פּלוצלינג האָבען איהרע אויגען אויפֿגעבליצט, זי האָט לאַנגזאַם אויפֿגעהויבען איהר האַנד און זיך צורעכטמאַ-כענדיג די האָר האָט זי, רוהיג אַריינקוקענדיג אונז אין די געזיכטער, צו אונז הויך אַ זאָג געטהאָן:

„אַך, איהר עלענדע אַרעסטאַנטען, וואָס איהר זייט!"

און זי האָט אָנגעפֿאַנגען צו געהן, זי איז געגאַנגען גלייך אויף אונז, אַזוי ווי מיר וואָלטען גאָר ניט געוועזן און איהר פֿערשטעלט דעם וועג.

מיר האָבען זיך אָבגערוקט און איהר געלאָזט דורכגעהן.

אַרויסגעהענדיג פֿון אונזער צירקעל און זיך ניט אומקע-נ הנדיג האָט זי אונז מיט אַן אונבעשרייבליכער פֿעראַכטונג גאַנץ הויך צוגערופֿען: „אַך, איהר פּאַסקודנע, אַבשייליכע בעשעפֿעניסען, וואָס איהר זייט!" און זי איז אַוועק.

מיר זיינען געבליבען שטעהן אין מיטען פֿון הויף, אין רעגען, אין שמוץ, אונטער דעם גרויען זונען-לאָזען הימעל.

דאַן זיינען מיר אויך שטילשווייגענד אַוועק צו אונזער פּייכטען שטיינערנעם קעלער. און אַזוי ווי פריהער, האָט די זון קיינמאָל ניט אַריינגעשיינט דורך אונזער פענסטער און טאַניאַ איז קיינמאָל מעהר צו אונז ניט געקומען!...

— ענדע —

פערלאג „ארבייטער פריינד“.

די הערר פון לעבען

פון

מאקסים גארקי.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

לאָנדאָן, 1907.

„קום מיט מיר צום קוואַל פֿון וואַהרהייט,” האָט זיך דער שטן אָבגערופֿען מיט אַ געלעכטער, און ער האָט מיך אַרויסגעפֿיהרט אויף אַ בית עולם.

און בעת מיר זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען איבער די שמאָלע שטעגען צווישען די אַלטע, אָבגעטראָגענע מצבות, האָט ער גערעדט צו מיר מיט אַן אויסגעצויגענער שטימע, אָקוראַט ווי אַ פּראָפֿעסאָר, ווען ס'איז שוין נמאס ומאוס געוואָרען צו האַלטען פּוסטע דרשות.

„אונטער דיינע פֿיס רוהען די מאַכערס פֿון די געזעצען, וואָס פֿיהרען דיין לעבען; דיינע קנאַפּעל טרעטען אויף די בעל מלאכה'ס, וועלכע האָבען געמאַכט די שטייג פֿאַר דער חיה, וואָס זיצט אין דיר.”

ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ פֿערביסענעם, שניידענדען געלעכטער, אויסגיסענדיג דערמיט זיין גאַנצע פֿעראַכטונג צו די מענשען, און דער גרינער גלאַנץ פֿון זיין קאַלטען, מורא'דיגען בליק האָט אָבגעבלישטשעט אויף'ן גראָז און אויף די קברים. די פֿעטע, רייכע ערד פֿון די טויטע האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיינע פֿיס און ס'איז שווער געווען צו געהן ווייטער אויף די שטעגען צווישען די מאָנומענטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די קברים פֿון די לעבענסקלוגע.

„פֿאַרוואָס פֿערנייגסט דו זיך ניט מיט דאַנקבאַרקייט צו דער אַש פֿון די, וועלכע האָבען אויסגעקנאָטען דיין נשמה?” דעם שטן'ס שטימע, וועלכע האָט געקלונגען אַזוי ווי דער רויער אָסיען-ווינד, האָט צוטרייסעלט מיין קערפּער,

פֿערדריקט מיין ביינקענדעס האַרץ. איבער די אַלטע קברים האָבען זיך לאַנגזאַם געשאָקעלט די אומעטיגע צווייגען פֿון די בוימער און זייערע קאַלטע און פֿייכטע שפּיצען האָבען אָנגעריהרט מיין געזיכט.

„גיב אָב אַ לויב די פֿעלשער! דאָס האָבען זיי דאָס געשאַפֿען גאַנצע וואָלקענס פֿון קליינליכע, גראָע געדאַנקען דאָס קליינע ווינקעלע פֿין דיין זעעלע; דאָס האָבען זיי דאָס ענטוויקעלט דיינע מנהגים, דיינע פֿאָראורטהיילען און דעם עסענץ פֿון דיין לעבען. דאַנק זיי, דו ביסט דער יורש פֿון דער געוואַלדיגער ירושה, וואָס די טויטע האָבען איבער־געלאָזט.”

געלע בלעטער זיינען לאַנגזאַם אַראָבגעפֿאַלען אויף מיין קאָפּ און האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען צו מיינע פֿיס. די ערד פֿון’ם בית עלמין האָט מיט גיעריגקייט אַריינגע־זאַפּט אין זיך די פֿרישע שפּייז, די טויטע בלעטער פֿון דעם הערבסט.

„דאָ ליגט אַ שניידער, וואָס פֿלעגט אָנטהאָן די נשמות פֿון די מענשען אין שווערע, גראָע בגדים פֿון פֿאָראורטהייל. ווילסט אַ קוק טהאָן אויף איהם?

כ’האָב אַ שאָקעל געטהאָן מיט’ן קאָפּ, ניט אויסריי־דענדיג קיין וואָרט.

דער טייוועל האָט אַ זעץ געטהאָן מיט’ן פֿוס אויף אַ פֿערזשאַווערטער פלאַטע און געזאָגט: „העי, דו ביכער־מאַן, שטעה אויף!” די פלאַטע האָט זיך אויפֿגעהויבען מיט אַ טיעפֿען זיפֿץ פֿון צורודערטער בלאָטע, אויפֿעפֿנענדיג פֿאַר אונז אַ ניט־טיעפֿע גרוב. פֿון איהר חושך’דיגען גרונד איז אַרויפֿגעקומען די מורמלענדע פֿראַגע:

„אָבער ווער וועקט דאָס די טויטע נאָך האַלבע נאַכט?”

„דו זעהסט?” האָט זיך דער שטן אָבגערופֿען מיט איראָניע. „די מאַבער פֿון די געזעצען שאַנעווען זיך אפילו נאָכדעם ווי זייערע קערפּערס זיינען שוין צופֿוילט?”

„דאָס ביסט דו, מייסטער?” האָט בעמערקט דער

סקעלעט, זיך אנירערזועצענדיג אויף'ן ראַנד פֿון קבר, שאָקלענדיג מיט זיין אויסגעהוילטען שאַרבען צום טייוועל.

„דאָס בין איך!" האָט דער שטן געענטפֿערט. „דאָ איז איינער פֿון מיינע פֿריינד, וואָס איז פֿערדומט געוואָרען צווישען די מענשען, וועלכע האָבען געלערנט דיין חכמה. איצט איז ער געקומען צום סאַמע קוואַל אַליין, כדי זיך אויסצוהיילען פֿון דער אָנשטעקענדער קראַנקהייט."

מיט רעספעקט האָב איך געקוקט אויף דעם געלעהרטען. קיין ברעקעל פֿלייש איז ניט געווען צו זעהן אויף זיין שאַרבען, נאָר דער אויסדרוק פֿון זעלבסטצופֿרירענהייט איז נאָך אַלץ געלעגען אויף זיין געזיכט. יעדער ביין האָט געבלישטשעט מיט דעם זעלבסט-בעוואוסטזיין, אַז ער בעלאַנגט צו אַן אויסערגעוועהנליך פֿאָלקאָמענעם, אַבסאָלוט איינציגען סיסטעם פֿון ביינער.

„זאָג אונז וואָס דו האָסט אַזוינס אויפֿגעטהאָן אויף דער וועלט," האָט זיך דער שטן אָבגערופֿען.

שטאָלץ און איינדרוקספֿאָל האָט דער מת אָבגעריינִיגט די טונקעלע ברעקלאַך פֿלייש פֿון זיין קערפּער, און זיך איינשרומפֿענדיג אין זיינע ריפּען האָט ער אויפֿגעהויבען די ביינער פֿון זיין רעכטער האַנד און אויסשטרעקענדיג זיי אין דעם חושך פֿון'ם בית עולם, האָט ער מיט אַ מאָנאָטאָנעם, קאַלטבלוטיגען טאָן געזאָגט:

„איך האָב אַרויסגעגעבען צעהן גרויסע ביכער, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך די אידעע, אַז די ווייסע ראַסע שטעהט העכער איידער די אַנדער-פֿאַרביגע ראַסען."

„אויף ריין אמת-לשון איבערזעצט," האָט דער טייוועל בעמערקט, „הייסט עס אַזוי: איך, פּרוכטלאָזע אַלטע מויד, האָב זיך אָבגעגעבען מיין לעבען לאַנג שטריקענדיג מיט דער קלעגליכער נאָדעל פֿון מיין מוח, און פֿון'ם וואָל פֿון אַלטע, אָבגעטראָגענע אידעען האָב איך געמאַכט נאַרען-היטעלאַך פֿאַר די, וואָס האָבען ליעב די שאַרבענס זייערע זאָלען חלילה ניט געשטערט ווערן."

„וועט ער זיך ניט געפֿינען בעלײדיגט פֿון דיזע ווערטער?" האָב איך גע׳פֿרעגט שטילערהייט.

„אָה, ניין:" האָט דער טייוועל געענטפֿערט. „זאָגאַר לעבעדיגע געלעהרטע הערען זיך קנאַפּ וואָס צו צום אמת!"

„קיין אַנדערע אַחוץ די ווייסע ראַסע," האָט דער געלעהרטער ווייטער געזאָגט, „וואָלט ניט געקענט שאַפֿען אַזאַ קאָמפּליצירטע ציוויליזאַציע, אויסאַ־בייטען אַזעלכע שטרייענגע פּרינציפּען פֿון מאָראַליטעט; דאָס קומט בלויז דורך דעם קאָליער פֿון איהר הויט, דורך דער צוזאמענשטעלונג פֿון איהר בלוט. איך האָב עס דערוויזען באותות ובמופתים."

„הערסט, ער האָט עס דערוויזען!" האָט דער שטן צוגעשטימט. „ניטאָ קיין שום באַרבאַר אין דער וועלט, וואָס איז פֿעסטער איבערצייגט אין זיין רעכט צו זיין גרויזאַם, איידער אַן אייראָפּעער."

„די ווייסע האָבען ענטוויקעלט קריסטענטהום און מענשליכקייט," האָט דער בר מינן פֿאָרטגעזעצט.

„אַ ראַסע פֿון מלאכים, וואָס די ערד האָט אייגענטליך געדאַרפֿט געהערן אין גאַנצען צו זיי," האָט דער טייוועל איהם איבערגעשלאָגען די רייד. „אָט דערפֿאַר טאַקי פֿאַרבען זיי אָב די ערד רויט, זייער ליעבלינגס־קאָליער."

„זיי האָבען געשאַפֿען די רייכסטע ליטעראַטורען, האָבען געמאַכט די וואונדערבאַרסטע טעכנישע פֿאָרטשריטע," האָט דער סקעלעט גע׳טענה׳ט.

„אַ פּאָר צעהנדלינג גוטע ביכער און אַן אונגעהייערע צאָהל מאָרד־אינסטרומענטען," האָט דער טייוועל בעמערקט מיט אַ געלעכטער. „וואו איז דאָס לעבען נאָך מעהר פֿינאַנדערגעריסען, און וואו ווערט דער מענש נאָך טיעפֿער ערנידעריגט ווי צווישען די ווייסע?"

„צי האָט דער שטן ניט אַ טעות אַמאָל?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן.

„די אייראָפּעאישע קונסט האָט דערגרייכט די גרעסטע שטופֿע פֿון הויכקייט," האָט דער סקעלעט געברומט.

„צי האָט דער שטן ניט אַ טעות אַמאָל!" האָט מיין בעגלייטער אַ געשריי געטהאָן. „ס'ווערט נמאס ומאוס צו זיין התמיד גערעכט! אָבער אָט אַפּנים די מענשען האָבען זיך געשטעלט פאַר זייער אויפגאַבע אין לעבען צו פערשאַרפען מיין פעראַכטונג מיט זייערע האַנדלונגען. אָבגעשמאַקטהייט און פאַלשקייט וואַקסען און צוואוואַקסען זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר איבער דער ערד. אָט שטעהט פאַר דיר אַ פּע־זייער. אַזוי ווי די איבעריגע פון זיין גלייכען האָט ער נישט געבראַכט אויף דער וועלט קיין שום נייעס. ער האָט אַרויסגענומען פון די קברים די טויטע קערפערס, די נבלות פון אַלטע פאָראורטהיילען, פערפוצענדיג זיי אין דעם מאַנטעל פון נייע ווערטער. וואָס איז אויפגעטהאָן געוואָרען אין דער דאָזיגער וועלט? פּאַלאַצען פאַר געצעהלטע עטליכע, קירכען און פאַבריקען פאַר די מאַסען! אין די קירכען הרג'ענען זיי אַוועק די זעעלען, אין די פאַבריקען טויטען זיי די קערפערס, כדי די פּאַלאַצען זאָלען בלייבען שטעהן פעסט אויף אַן אָרט. מענשען ווערן אַרונטערגעשיקט אין די טיעפענישען פון דער ערד אַרויסצונעהמען פון דאָרט קוילען און גאָלד, און דער לוין פאַר דער שענדליכער אַרבייט איז אַ שטיק ברויט אויסגעמישט מיט בליי און אייזען."

„וואָס זשע, איהר זייט אַ סאָציאַליסט?" האָב איך געפרעגט.

„איך וויל האָבען האַרמאָניע!" האָט ער געענטפערט. „ס'איז אַ מיאוס'קייט צו זעהן אַ גאַנצען וועזען, אַ מענשען, צוטהיילט און צופיצעלט אין קליינטשינקע ברעקעלאַך, פערוואַנדעלט אין אַ שטיק געצייג ביי אַנדערע אין די הענד. איך וויל ניט קיין שקלאַפען, שקלאַפעריי עקעלט מיך אָב. אָט מחמת דעם האָט מען מיך אַרונטערגעיאָגט פון הימעל. וואו ס'איז פאַרהאַן אויטאָריטעט, דאָרט מוז זיין שקלאַפעריי און דאָרט בליהט די פאַלשקייט. זאָל די ערד אין גאַנצען זיין איין שטיק לעבען! זאָל זי ברענען דעם גאַנצען טאָג, אפילו ווען עס זאָל אַרום אָוועגד־צייט מעהר ניט

בלייבען פֿון אִיהם נאָר אַ באַרג אַש. אַלע מענשען מוזען איינמאָל כאָטש זיך פֿערליעבען. ליעבע קומט פֿאָר בלויז איין מאָל אין לעבען, אָקוראַט ווי אַ וואונדער חלום, נאָר זי איז דער תמצית, די עסענץ פֿון דער עקזיסטענץ."

דער סקעלעט איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ שוואַר־צען שטיין, און דער ווינד האָט געבלאָזען דורך זיינע ריפּען.

„ס'מוז איהם זיין קאַלט און אומבעקוועמליך," האָב איך זיך אָבגערופֿען.

„כ'האָב ליעב צו זעהן, ווי א געלערנטער מענש איז אויסגעטהאָן, בעפֿרייט פֿון איבערפֿליסיגקייטען. זיין סקעלעט איז דער אויסדרוק פֿון זיין אידעע. כ'קען זעהן זיין אָריגי־נאַליטעט. לעבען איהם ליגט דער רעשט פֿון אַן אַנדער פֿערזייער פֿון וואַהרהייט. לאָמיר איהם אויפֿוועקען. ביים לעבען האָבען זיי אַלע ליעב רוה, און זיי אַרבייטען פֿעסט־צושטעלען געוויסע געזעצען ווי צו דיינקען, ווי צו פֿיהלען, ווי צו לעבען; זיי פֿערקריפּלען ניי־געבאָרענע אידעען און מאַכען בעקוועמע טויטען־קאַסטענס פֿאַר זיי. נאָר אַז זיי שטאַרבען, ווילען זיי ניט פֿערגעסען ווערן. קאָמפּראַשיקאָס, שטעה אויף! דאָ שטעהט אַ מאַן, וואָס דאַרף האָבען אַן ארון פֿאַר זיין געדאַנק."

פֿון דער ערד אַרוים האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ נאַקע־טער און הוילער קאָפּ, אָהן ציין, געל, נאָר שטראַהלענדיג מיט זעלבסטצופֿרידענהייט. ער האָט שוין אודאי געמוזט ליגען לאַנג אונטער דער ערד, מחמת די ביינער זיינע האָ־בען אויף זיך קיין ברעקעל פֿלייש ניט געהאַט. ער איז געשטאַנען ביים שטיין און ס'האָט אויסגעזעהן עפּעס אזוי ווי זיינע ביינער וואָלטען אָבגעשטאַנען דערפֿון.

„וואו האַלט ער זיינע אידעען?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן.

„און זיינע ביינער, מיין פֿריינד! זייערע אידעען דרינ־גען דורך די מאַרך פֿון זייערע ריפּען, אַזוי ווי רעמאַטיזם."

„ווערט מיין בוך געלייענט, מייסטער?" האָט דער סקעלעט געפֿרעגט מיט אַן אויסגעהוילטער שטימע.

„ניין, פּראָפֿעסאָר.״

„וואָס זשע, די מענשען האָבען פֿערגעסען לייענען?״ האָט זיך דער בר מינן אָבגערופֿען נאָך אַ קורצער פּויזע.

„ניין, זיי לייענען מיט צופֿרידענהייט אַלערליי נאַריש־קייטען, פּונקט ווי פֿריהער. נאָר לאַנגווייליגער שונד מוז אָפּט וואַרטען אַ היבשע צייט ביז וואַנען ס'קומט זיין רייהע. דער פּראָפֿעסאָר,״ האָט זיך דער שטן געווענדעט צו מיר, „האָט זיין לעבען לאַנג געהאַלטען אין איין מעסטען די ווייבערשע קעפּ, כדי צו בעווייזען, אַז די פֿרוי איז ניט קיין מענשליך וועזען. ער האָט איבערגעמאָסטען שאַרבענס, אויערן, געצעהלט צייהנער און געוואויגען טויטע מוחות. ס'איז געווען דעם פּראָפֿעסאָר'ס ליעבלינגס־אַרבייט זיך אָבצוגעבען מיט טויטע מוחות, ווי זיינע ביכער ווייזען. דו האָסט זיי געלעזען?״

„איך קען ניט שטודירען מענשען פֿון ביכער. אין ביכער זיינען די מענשען שטענדיג אָבגעבראָכענע קליינינקשקע חלקים'לאַך, און איך בין שוואַך אין רעכענען. דאָך מיין איך, אַז אַ וועזען, וואָס האָט קיין באָרד ניט און געהט אין אונטער־קליידער, איז ניט בעסער און ניט ערגער פֿון אַ וועזען, וואָס האָט אַ באָרד און געהט אין הויזען.״

„יאָ,״ האָט דער טייוועל געזאָגט, „אַ מוח קען זיין טעמפּ און פּראָסט, ניט קוקענדיג וואָס פֿאַר אַ סאָרט האָריגען צודעק עס ליגט אויף איהם, אָדער וואָס פֿאַר קליידער זיין בעזיצער טראָגט. דאָך ווערט די פֿרויען־פֿראַגע גאַנץ אינטערעסאַנט געשטעלט.״

דער טייוועל האָט זיך צולאַכט. ער לאַכט תמיד; דערפֿאַר טאַקי איז ער אַן אַנגענעהמער גוטער־ברודער. איהר מעגט מיר גלויבען, ווער ס'קען לאַכען אויף אַ בית עלמין, דער האָט ליעב דאָס לעבען און די מענשען.

„די וואָס בענוצען זיך מיט דער פֿרוי בלויז אַלס ווייב און שקלאַפֿין, לייקענען אָב, אַז זי איז מענשליך,״ האָט דער שטן ווייטער געזאָגט. „אַנדערע סטאַרען זיך צו עקספּלואַ־

טירען איהר אַרבייטס-ענערגיע, אין דערזועלבער צייט וואָס זיי גענִיסען איהר ווייבליכקייט, און זיי פֿערזיכערן, אַז זי איז פֿאָלשטענדיג פֿעהיג צו אַרבייטען מיט דעם מאַן, ס הייסט, פֿאַר דעם מאַן. פֿערשטעהט זיך, אַז ביידע, נאָכדעם ווי זיי פֿערפֿיהרען דאָס מיידעל, לאַזען זיי איהר ניט אַריין אין זייער געזעלשאַפֿט; זיי זיינען איבערצייגט, אַז נאָכדעם ווי זי איז געקומען אין בעריהרונג מיט זיי, איז זי שוין בעשמוצט אויף אייביג. יאָ, די פֿרויען-פֿראַגע איז זעהר אַ וויכטיגע. איך האָב ליעב נאַאיווע ליגנער: זיי זיינען אָקוראַט ווי קינדער, און ס'איז פֿאַרהאַן אַ האָפֿנונג, אַז זיי וועלען נאָך אויסוואַקסען."

דעם טייוועל'ס פּנים האָט געוויזען קלאָהר און דייטליך, אַז ער האָט ניט בדעה צו זאָגען קיין גוט וואָרט ביכח דער צוקונפֿט פֿון די מענשען. נאָר אַזוי ווי איך וואָלט אַליין געקענט דערצעהלען אַ שעהן ביסעל מיאוס'ע זאַכען וועגען זייער געגענוואַרט, און כדי דער שטן זאָל זיך ניט דאַרפֿען אַמפּערן מיט מיר און קאַליע מאַכען דעם דאָזיגען אַנגענעהמען צייט-פֿערטרייב, האָב איך איהם איבערגעשלאָגען די רייד מיט די ווערטער:

„מען זאָגט, אַז ווען דער טייוועל פֿאַלט דורך אין וואָס עס איז, קלייבט ער זיך אויס אַ פֿרוי צו טהאָן פֿאַר איהם די אַרבייט. איז עס אמת?"

ער האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפֿערט: „יאָ, צייטענווייז, ווען ס'איז ניטאָ קיין פֿעהיגער און ניט-פּרינציפּיעלער מאַן ביי דער האַנד."

„עפּעס ווייזט מיר אויס, אַז איהר האָט גאָר אויפֿגעהערט צו ליעבען דאָס בייזע."

„ניטאָ מעהר קיין שום בייזעס אויף דער וועלט," האָט ער געענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ. „פֿאַרהאַן בלויז אַלטעגליכע זאַכען. אַמאָל איז דאָס בייזע געווען אַ רייצענדע קראַפֿט. היינט צו טאָג איז אפילו הרג'ענען הרג'עט מען אויך אָהן אַ שום געשמאַק — דער אָפּפֿער ווערט געבונדען. ניטאָ

קיין באַנדיטן, קיין אמת שלעכטע און פֿערדאָרבענע מענ־שען, פֿאַרהאַן בלויז תלינים. דער תליון איז אַ שקלאַף. די האַנד און דער האַק ווערן געפֿיהרט פֿון מורא און שרעק. די, פֿאַר וועמען מען האָט מורא, ווערן דער׳הרג׳עט.

די צוויי כקעלעטען זיינען געשטאַנען איינער לעבען אַנדערן און די אַרונטערגעפֿאַלענע בלעטער האָבען זיך אָנ־געשלאָגען אָן זייערע ביינער. דער שאַרפֿער ווינד האָט געשפּיעלט אויף זייערע ריפּען אַזוי ווי אויף סטרונעס און געבלאָזען אין זייערע ליידיגע שאַרבענס. אַ דומפּע, גערדיכטע פֿינסטערניש האָט אַרויסגעקוקט פֿון זייערע טיעפֿע אויגען־לעכער. זיי האָבען זיך ביידע געטרייסעלט פֿון קעלט. כ׳האָב רחמנות געקראָגען אויף זיי.

„זאָלען זיי אַריינגעהן צוריק אין זייערע קברים!" האָב איך זיך אַבגערופֿען.

„דו ביסט אַ בעל־רחמנות זאָגאַר אויף׳ן בית עלמין!" האָט דער שטן געזאָגט, „און דאָך פּאַסט זיך דער הומאַ־ניזם אַסך בעסער צווישען מתים; דאָ בעליידיגט ער על כל פנים קיינעם ניט. אין די פֿאַבריקען, אויף די אָפֿענע פּלעצער און אויף די קאָלצען פֿון די גאַסען, אין די טורמעס און אין די ערד־גרובען, צווישען די לעבעדיגע, איז דער הומאַניזם לעכערליך און קען בלויז אַרויסרופֿען שפּאַס. נאָר דאָ וועט זיך קיינער ניט אויסלאַכען דערפֿון; די טויטע זיינען תמיד ניכטער. כ׳וויים זיכער, אַז זיי האָבען ליעב צו הערען ווי מען רעדט וועגען הומאַניזם, מחמת עס איז זייער טויט־געבאָרענעס קינד. דאָך האָט עס געהאַט אַ געוויסען זינן אַוועקצושטעלען אָט די שעהנע מחיצה אויף דער לעבענס־ביהנע, כדי צו פֿערשטעלען די שרעקליכע בילדער פֿון מאַרטירעריי, די קאַלטע גרויזאַמקייט פֿון די געצעהלטע עטליכע, וועלכע זיינען שטאַרק צוליעב דער דומהייט פֿון די מאַסען"

און דער שטן האָט ווידער אַרויסגעלאָזט דעם איינגע־האַלטענעם געלעכטער פֿון דער אונגליק־אָנזאָגענדער וואַהר־הייט.

די שטערן האָבען געציטערט אויף דעם פינסטערן הימעל, שטיל, אָהן אַ שום בעוועגונג, זיינען געשטאַנען די שוואַרצע שטיינער ביי די קברים פון דער פערגאַנגענהייט. נאָר זייער פוילער ריח האָט דורכגענומען די ערד אין דער ווינד האָט פערטראָגען דעם הויך פון די מתים אין די פערשלאָפענע גאַסען פון דער שטאָדט, וועלכע איז געלעגען פערטיעפט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

„פאַרהאַן דאָ אַ היבשע ביסעל הומאַניסטען," האָט דער שטן ווייטער געזאָגט, אַ מאַך געבענדיג מיט זיין האַנד אין דער לופטען. „אַ טהייל פון זיי זיינען געווען ערנסט. דאָס לעבען איז פול מיט לעבערליכע אונפאַסיגקייטען, און אָט די דאָ איז אפשר ניט די לעבערליכסטע פין זיי. לעבען די הומאַניסטען, פריעדליך און פריינדליך, רוהען אַנדערע לעהרער פון'ם לעבען, די, וואָס האָבען זיך געפּרואווט לייגען אַ פעסטען יסוד אונטער דעם אַלטען בנין פון שקר, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרען מיט אַזוי פיעל שמערצען פון מיליאָנען און מיליאַרדען מענשליכע קערפּערס."

פון וויטען האָט זיך געהערט אַ געזאַנג. צוויי, דריי לוסטיגע קלאַנגען האָבען זיך צוגאָסען אין דער לופטען איבער'ן גאַנצען בית עולם. דאָס איז אַ לוסטיגער לעבע־יונג געגאַנגען אין דער פינסטער צוריק פון אַ הוליאַנקע אין קבר אַריין.

„אונטער אָט דעם שווערען שטיין ליגט שטאָלץ און פוילט דער קערפּער פון אַ געלעהרטען, וואָס האָט דערוויזען, אַז די געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזם, אָקוראַט ווי דער אָר־גאַניזם פון אַן אָבעזיאַנע אָדער אַ חזיר. כ'האָב פערגעסען אויף ריכטיג וועלבען. אַ גאַנגבאַרע טהעאָריע פאַר די, וואָס האַלטען זיך פאַר דעם מוח פון דעם דאָזיגען אָרגאַניזם. כמעט אַלע פּאָליטיקער און רויבער־הויפּטלינגע אונטער־שטיצען עס. ווי באַלד איך בין דער מוח, וואָס בעוועגט די הענד, ווען עס פערגלוסט זיך מיר נור, וועל איך שטענדיג זיין אים שטאַנד צו אונטערדריקען דעם אינסטינקטיווען

ווידערשטאַנד פֿון די מוסקעלן אונטער מיין קעניגליכער מאַכט. דאָ ליגט דער רעשט פֿון אַ חכם, וואָס האָט געוואָלט די מענשען זאָלען זיך אומקעהרען צו דער צייט, ווען זיי זיינען געגאַנגען אויף אַלע פֿיער און האָבען געגעסען ווערים. דאָס זיינע: געוועז די גליקליכסטע טעג פֿון דער מענשליכער ראַסע, האָט ער מיט חשק זיך געסטאַרעט צו דערווייזען. וואָס זשע, ס'איז אפשר ניט אָריגינעל אַליין צו געהן אויף די הינטערשטע צוויי פֿיס, צו טראָגען אן אויבער־ראָק, און איינריידען אַנדערע מענשען צו וואַקסען און געהן אין נאַ־טירליכע האָריגע פעלצען? ס'איז אַ גאַנץ פֿיינער פלאַן צו לייענען פּאָעזיע, הערען מוזיק, געהן אין מוזעאומס, דורכ־פֿאָהרען הונדערטער מיילען אַ טאָג, און אין דערזעלבער צייט פריידיגען פֿאַר אַלע אַנדערע דאָס איינפֿאַכע לעבען אין די וועלדער, אויף אַלע פֿיער. אָט דער דאָ האָט גע־טרייכט די מענשען, גערעכטפֿערטיגט זייער לעבען דער־מיט וואָס ער האָט בעוויזען, אַז פֿערברעכער זיינען ניט קיין מענשליכע וועזענס, אַז זיי זיינען דער שלעכטער, קראַנקער ווילען פֿון די מענשען, אַ ספּעציעלער, אַנטי־סאָציאַלער טיפּ; זיי זיינען בטבע די שונאים פֿון געזעץ און מאָראַל, און זיי מוזען דערום ניט געשאַנעוועט ווערן. בלויז דער טויט קען אויסקורירען דאָס פֿערברעכען. אָט דאָס רוף איך אַ כוואַט! וואָס זשע, ס'איז אפשר ניט שכל'דיג אַרויפֿ־צוּוואַרפֿען די פֿערברעכען פֿון אַלעמען אויף איינעם, בראַנדמאַרקענדיג איהם אַלס די נאַטירליכע כלי, וואָס נעהמט אַריין אין זיך די גאַנצע פֿערדאָרבענהייט, אַלס דעם אָרגאַנישען טרעגער פֿון דעם בייזען ווילען? נישקשה, ס'וועט זיך אימער געפֿינען ווער עס איז, וואָס וועט רעכט־פֿערטיגען די פֿערדרעהטע פֿאָרמע פֿון לעבען, וועלכע צו־קריפּעלט די זעעלע. יאָ, די בית עולם'ס זיינען רייך אין אידעען פֿאַר די פֿערבעסערונג פֿון דעם לעבען אין די שטעדט."

און זיך לאָזענדיג געהן פֿאָראויס אויף דעם שלאַנגען־

וועג, צווישען שטיינער און בערגלאַך ערד, האָט דער שטן ווייטער געזאָגט:

„אַצונד וועלען מיר האָבען אַ טויטען־צוג, אַן אויפ־שטעלונג פון הוילע מתים. אַ רעפעטיציע פון דעם יום הדין דו ווייסט דאָך, אַז דער יום הדין וועט קומען, און עס וועט זיין דער ערד'ס גליקליכסטער טאָג. ער וועט קומען, ווען די מענשען וועלען דערקענען די פערברעכען וואָס עס האָבען בעגאַנגען זייע־ע לעהרער און זייערע געזעצגעבער, וועלכע האָבען געמאַכט פון די מענשען איינגעאַכע שטיק־לאַך פלייש און ביין, אָהן אַ שום געפיהל און אָהן אַ שום ווערטה. דאָס וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען מענש איז בלויז אַ טהייל, אַ ברוך־שטיק; דער מענש מיט דער פור־לער, גאַנצער נשמה דאַרף ערשט געבוירען ווערן. ער וועט אַרויסקומען פון דעם שטויב פון ערפאַהרונג, וואָס די וועלט האָט געמאַכט, און איינזאַפענדיג אין זיך דער וועלט'ס ערפאַהרונג, אָקוראַט ווי דער ים שלינגט איין אין זיך די שטראַהלען פון דער זונן, וועט ער אַרויסקומען אַזוי ווי אַ נייע זונן. איך וועל עס נאָך דערלעבען צו זעהן. איך בין דער שעפפער פון דעם מענשען, איך וועל איהם בע־שאַפען!"

דער אַלטיטשקער האָט זיך גאָר פערגעסען ווער ער איז אין זיך אַריינגעלאָזען אין אַן אונגעוויעהנליכען אויסגוס פון געפיהל. כ'האָב אויף איהם קיין פאַראיבעל ניט געהאַט דערפאַר. דאָס לעבען פערקריפעלט אפילו דעם טייוועל אַליין, פער'סם'ענדיג מיט זיין גיפט די אייזענשטאַרקע זעלע זיינע.

מיט אַ געוואַלדיגער שטימע האָט דער טייוועל אַ גע־שריי געטהאָן: „ווער פון אייך איז דאָ קלוג און עהרליך?"

ס'איז געוואָרען שטיל אויף אַ רגע, דערנאָך האָט די ערד פלוצלינג אַ ציטער געטהאָן אונטער מיינע פיס, עפעס אַזוי ווי זי וואָלט צוטרייסעלט געוואָרען פון טויזענד דונערן, אָדער אָקוראַט ווי אַ מורא'דיגער ריעז וואָלט זיך גערויעט

און אָנגעגעבען מעשים ביי איהר אין די געדערים. די גאַנצע געגענד איז בעדעקט געוואָרען מיט גע'ע פלעקען; אַזוי ווי אויסגעטריקענטע שטיקער גראָז אין ווינד האָבען די סקעלעטען אַרומגעשוועבט אַהין און אַהער, אָנפילענדיג די שטילקייט מיט דעם שוואַכען סקריפען פון זייערע ביינער. זיך שטויסענדיג איינע די אַנדערע, האָבען די סקעלעטען אַרויפגעקלעטערט אויף שטיינער, אַרומנעהמענדיג אונז מיט אַ געדיכטען נעץ פון ריפען און אָנפילענדיג די לופט מיט אַ שטילען גערויש. נאָר אָט די שוואַכע קלאַנגען זייערע זיינען דערטרונקען געוואָרען אין דעם שטן'ס קאַלטען געלעכטער.

„זעה נאָר זעה, זיי זיינען אַלע אַרויסגעקומען, יעדער איינער פון זיי," האָט ער זיך אָבגערופען, „אפילו די שמאָרט-נאַרען זיינען דאָ צווישען זיי. די ערד איז בעפאַלען געוואָרען מיט אַ ניט-גוטקייט, און זי האָט אויסגעבר[illegible] פון, זיך די טויטע קלוגשאַפט פון די מענשען."

דער דומפער גערויש איז וואָס ווייטער געוואָ-ען אַלץ גרעסער, אָקוראַט ווי אַ אונזיכטבאַרע האַנד וואָלט צורויעט אַ בערגעל מיט פייכטע מיסט.

„וואָס פאַר אַ גרויסע צאָהל פון עהרליכע און קלוגע מענער!" האָט דער טייוועל געזאָגט, אויסשפרייטענדיג זיינע פליגלען ברייט איבער די גרויסע מחנות, וועלכע האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום איהם.

„ווער פון אייך האָט געטהאָן מעהר גוטס צו די מענשען?" האָט ער אַ פרעג געטהאָן הויך אויף'ן קול.

„לאָזט מיך געהן פאָראויס!" האָט אימיצער געשריען מיט אַלע כוחות.

„אָט בין איך, מייסטער! איך האָב דערוויזען, אַז דער איינצעלנער איז אַ נול אין דער געזעלשאַפט."

„איך האָב איהם אַריבערגעשטיגען!" האָט אימיצער פראָטעסטירט פון ווייטען. „איך האָב פעסטגעשטעלט, אַז די געזעלשאַפט איז אַ סך-הכל פון נילען; בכן דאַרפען

זיך די מאַסען אונטערוואַרפען אונטער דעם ווילען פון די בעזונדערע, איינצעלנע גרופען.״

„אויבען־אָן, אָן דער שפּיצע פון די גרופען, שטעהט אַן אינדיווידאום, און דאָס בין איך אַליין!״ האָט זיך איינער געלאָזט הערען מיט אַ טריאומפירענדער שטימע.

„פאַרוואָס עפּעס איהר?״ האָבען געפרעגט עטליכע דערשראָקענע שטימען.

„מיין פעטער איז געוועזען אַ קעניג!״

„דאָס האָט אַפנים געמוזט זיין אייער קעניגליכע הויכקייט׳ס פעטער, ווען מען האָט פאַר דער צייט אַרונטערגענומען דעם קאָפּ?״

„קעניגע פערלירען תמיד זייערע קעפּ אין דער ריכטיגער צייט!״ איז געוועזען דער שטאָלצער ענטפער פון די ביינער, וואָס האָבען אָבגעשטאַמט פון ביינער, וועלכע זיינען אַמאָל געזעסען אויף אַ טראָהן.

„אָה!״ האָט זיך געלאָזט הערען אַ צופריעדענער מורמעל. „מיר האָבען דאָ אַ גאַנצען צווייג פון קעניגע! אַזוי וואָס געפינט מען ניט אויף יעדען בית עולם.״

דער טעמפּער גערויש און דאָס שוואַכע סקריפּען פון די ביינער האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין איינציגען אַקאָרד, וועלכער איז וואָס וויטער אַלץ שטאַרקער און טיעפער געוואַרען.

„ס׳איז אמת, אַז קעניגליכע ביינער זיינען בלאָה?״ האָט אויף גיך אַ פרעג געטהאָן אַ קליינער סקעלעט מיט אַ קרומען רוקען.

„לאָמיך אייך זאָגען,״ האָט זיך אָבגערופען אַ סקעלעט, וואָס איז געזעסען רייטענדיג אויף אַ מאָנומענט.

„מיינער איז דער בעסטער פלאַסטער פאַר היהנעראויגען,״ האָט אויסגעשריען אימיצער הינטער איהם.

„איך בין דער אַרכיטעקט, וועלכער...״

אָבער אַ ברייטער, דיקער סקעלעט וואָס האָט פונאַנדערגעטהיילט דעם עולם מיט די קורצע ביינער פון זיינע אָרעמס, האָט אַריבערגעשריען אַלע טויטע שטימען:

„ברידער קריסטען! איך בין אייער רופא הנפש, אייער גייסטיגער דאָקטאָר, וואָס האָט אָנגעווענדעט דעם פּלאַסטער פון לייטזעליגער טרייסט פאַר די הונגער-אויגען פון אייערע נשמות, וואָס קומען פון אייער ביטערן, טרויעריגען לעבען."

„ניטאָ קיין ליידען!" האָט איינער געשטפּערט. „זיי עקזיסטירען בלויז אין דעם מענשען'ס איינבילדונג."

„איך בין דער אַרכיטעקט, וואָס האָט אויסגעקלעהרט נידעריגע טהירען..."

„איך האָב ערפונדען אַ פּלאַסטער צו כאַפּען פליגען."

...„נידעריגע טהירען, כדי דער גאַסט זאָל ביים אַריינגעהן מוזען איינבויגען דעם קאָפּ פאַר'ן בעל הבית," האָט געליאַרעמט די שרעקליכע שטימע.

„פערדיען איך דען ניט דעם עהרען-טיטעל, ברידער? כ'האָב געקאָרמעט אייערע הונגעריגע און דורשטיגע נשמות מיט דעם מילך און האָניג פון מיינע געדאַנקען מכח דער פוסטקייט פון עולם הזה, פון אַלע ערדישע זאַכען."

„אַלעס וואָס איז, מוז בלייבען אויף שטענדיג," האָט אַ מורמעל געטהאָן אַן אונדייטליכע שטימע.

אַן איין-פיסיגער סקעלעט איז אַרויף אויף אַ גראָען שטיין, האָט אויסגעשטרעקט זיין פוס און אַ געשריי געטהאָן: „גאַנץ ריכטיג!"

דער בית עולם איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ יריד וואו יעדער איינער האָט געלויבט זיין סחורה. דער פינסטערער מדבר פון דער נאַכט-שטילקייט איז פערפּלייצט געוואָרען פון אַ קאָכיגען טייך פון אונטערדריקטע געשרייען, אַ שטראָם פון נידעריגער בעריהמעריי, פון שמוציגען עגאָאיזמוס. ס'האָט אויסגעזעהן אָקוראַט ווי אַ מחנה פון מאָסקיטאָס, וואָס שוועבען אַרום איבער אַ שטעהענדיגען זומפּ זינגענדיג, זומזענדיג, אָנפילענדיג די גאַנצע אַטמאָספערע מיט זייער גערויש. זיי האָבען זיך אַלע אַרומגעקליבען אַרום דעם טייוועל און איהם אָנגעקוקט מיט די אויגען-לעכער זייערע גלייך אין געזיכט אַריין. טויטע געדאַנקען זייגען

איינציגווייז לעבעדיג געוואָרען און האָבען גענומען ארומ־שוועבען אין דער לופטען אזוי ווי אָרעמע, קלעגליבע אָסיען־בלעטלאַך.

דעם שטן'ס גרינע אויגען האָבען געקוקט אויף דעם דאָזיגען רוישיגען ים, און זיין בליק האָט אויסגעגאָסען אַ קאַלטען, שוועבעלדיגען שטראַהל אויף דעם מיש־מאַש פון ביינער, וואָס איז געלעגען פאַר איהם.

דער סקעלעט, וואָס איז געזעסען דעם שטן צופוסען, האָט אויפגעהויבען זיינע אָרעמס איבער זיין שאַרבען, און אויסשפּרייטענדיג זיי אין דער ברייט, האָט ער געזאָגט:

„אַ פרוי מוז בעלאַנגען בלויז צו איין מאַן"...

אָבער זיין שעפּטשען האָט זיך פערמישט מיט אַנדערע קלאַנגען, וועלכע האָבען דורכגעדרונגען זיינע ווערטער:

„נור די טויטע אַליין קענען די וואַהרהייט."

„אַ פאָטער, פלעג איך זאָגען, איז געגליכען צו אַ שפין"...

„אונזער לעבען אויף דער ערד איז אַ כאַאָס פון פעה־לערן, אַ געדיכטע פינסטערניש."

„איך האָב חתונה געהאַט דריי מאָל, געזעצליך"...

„זיין לעבענלאַנג האַלט ער אין איין וועבען דאָס קלייד פון פאַמיליען־גליק."

„און יעדעס מאָל בלויז מיט איין איינציגער פרוי."

פלוצלינג איז אַרויסגעשפּרונגען אַ סקעלעט מיט סקריי־פענדיגע, געלע, לעבערדיגע ביינער. ער האָט אויפגעהויבען זיין ברעקעלדיגעס געזיכט און געזאָגט:

„איך בין געשטאָרבען פון סיפילים. דאָך האָב איך געהאַט רעספּעקט פאַר מאָראַל. ווען מיין ווייב איז מיר אונטריי געוואָרען, האָב איך פאָרגעלייגט איהרע מיאוס'ע מעשים פאַר דעם אורטהייל פון דעם געזעץ און פון דער געזעלשאַפט."

אָבער ער איז באַלד פערפלייצט געוואָרען פון דעם עולם, און ווידער אַמאָל האָט זיך געלאָזט הערען אַ מיש־

מאַש פֿון קולות, אַזוי ווי דאָס וואויען פֿון דעם ווינד אין קוימען.

„איך האָב ערפֿונדען דעם עלעקטרישען שטוהל, וואָס מאַכט דעם טויט אָהן אַ שום שמערץ.“

„איך האָב געטרייסט די מענשען, צוזאָגענדיג זיי אייביגעם גליק אויף יענער זייט קבר.“

„דער פֿאָטער גיט זיינע קינדער לעבען און שפּייז. אַ מענש קריגט ערשט דעמאָלט דעם ווערטה פֿון אַ מענשען ווען ער ווערט אַ פֿאָטער. ביז דאַן איז ער בלויז אַ מיט־גליעד פֿון אַ פֿאַמיליע.“

אַן איי־פֿאָרמיגער שאַרבען מיט שטיקלאַך פֿלייש אויף'ן פּנים האָט גערעדט איבער די קעפּ פֿון די אַנדערע:

„איך האָב דערוויזען, אַז די קונסט מוז זיך בויגען פֿאַר דער איינשטימיגקייט פֿון די מיינונגען, די מנהגים און די פֿאָדערונגען פֿון דער געזעלשאַפֿט.“

אַן אַנדער סקעלעט, וועלכער איז געזעסען רייטענדיג אויף אַ מאָנומענט, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ צובראָכע־נער בוים, האָט זיך אָבגערופֿען:

„פֿרייהייט קען מען בלויז האָבען אין אַ צושטאַנד פֿון אונאָרדנונג.“

„די קונסט איז אַן אַנגענעהמע רפואה פֿאַר דער זעעלע, וועלכע איז מיעד פֿון לעבען און אַרבייט.“

„דאָס האָב איך דאָס פֿעסטגעשטעלט, אַז לעבען הייסט אַרבייטען,“ האָט זיך דערהערט אַ קול פֿון וויטען.

„ביכער מוזען זיין שעהן, אַזוי ווי קעסטלאַך מיט פּי־לען, וואָס מען פֿערקויפֿט אין די אַפּטייקען.“

„אַלע מענשען מוזען אַרבייטען, אַ טהייל פֿון זיי אַכ־טונג געבען אויף דער אַרבייט; די פֿריכטע דאַרפֿען געני־סען די, וואָס זיינען פֿון פֿאַראויס בעשטימט זיי צו געניסען פֿאַר זייערע גוטע מעשים.“

„די קונסט מוז זיין שעהן און מענשליך. אַז איך ווער מיער, פֿערוויעגט מיך איהר געזאַנג צום שלאָפֿען.“

„איך האָב ליעב די פֿרייע קונסט,“ האָט זיך אַריינגעמישט דער שטן, „די קונסט, וואָס דיענט בלויז איין גאָט, די געטין פֿון שעהנקייט. איך קוועל פשוט אָן פֿאַר נחת, ווען די קונסט, אַזוי ווי אַ צנועה'דיג יונג מיידעל, וואָס טרוימט פֿון אונשטערבליכער שעהנקייט און איז דורשטיג נאָך איהר געניס, רייסט אַרונטער דאָס פּראַכט־קלייד פֿון דעם לעבען'ס קערפּער, — און דערזעהט פֿאַר זיך אַן אַלטען אויסוואורף, בעדעקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס מיט קנייטשען און מיט געשווירען, אַ פֿייערדיגער צאָרן, וואָס בייזקט נאָך שעהנקייט, אַ האַס צו דעם לעבען'ס שטעהענדיגע לוושים,—אָט די אייגענשאַפֿטען פֿון דער אמת'ער קונסט בעוואונדער איך. די פֿרוי און דער שטן זיינען דעם פֿאָטער'ס בעסטע פֿריינד.“

פֿון דעם גלאָקען־טהורם פֿון דער קירכע האָט זיך אַרויסגעריסען אַ מעשענער זיפֿץ, וועלכער האָט זיך פֿונאַנדערגעטראָגען איבער דער שטאָדט פֿון די מתים, אַרומשוועבענדיג אין דער פֿינסטער אַזוי ווי אַ גרויסער פֿויגעל מיט דורכזיכטיגע פֿליגלען. לאַנגזאַם און פֿויל האָט די אונזיכערע האַנד פֿון דעם פֿערשלאָפֿענעם וועכטער געצויגען דעם גלאָקען־שטריק. דער מעשענער קלאַנג האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסען און איז פֿערשוואונדען אין דער ווייטענס. נאָר איידער דער לעצטער ציטער איז אויסגעגאַנגען, האָט זיך דערהערט אַ שאַרפֿער קלאַנג פֿון דעם ערוואַכטען נאַכט־גלאָק.

די איבערגעלאָדענע אַטמאָספֿערע האָט זיך לאַנגזאַם אַרומגעוויגט אַהין און אַהער און דער אומעטיגער קלאַנג פֿון דעם ציטערנדען מעטאַל איז אָנגעזעטיגט געוואָרען מיט דעם גערויש פֿון די ביינער און דעם פֿייפֿען פֿון די טרוקענע שטימען.

און ווידער אַמאָל האָב איך דערהערט די לאַנגווייליגע רייד פֿון דער מורא'דיגער דומהייט, די קלעפּיגע ווערטער פֿון דער טויטער אַלטעגליכקייט, די חוצפה'דיגע פלאַפּ-

לעריי פֿון דעם טריאומפֿירענדען ליגען, די אָבגעשטאָרבענע קלאָג־ליעדער פֿון איינבילדונג. אַלע אידעען, אויף וועלכע די מענשען וואַקסען און געדייהען אין די שטעדט, זיינען איבערגעמישט געוואָרען, אָבער קיין איין אידעע ניט, מיט וועלכער זיי וואָלטען געמענט שטאָלצירען. דאָס האָבען זיך אַרומגעריבען צווישען זיך די פֿערזשאַווערטע קייטען, אין וועלכע די זעעלע פֿון לעבען איז געשמיעדט, אָבער ניט איינער פֿון יענע ליכט־שטראהלען, וועלכע בעלייכטען מיט שטאָלץ דעם געדיכטען חושך פֿון דעם מענשליכען גייסט, האָט ניט אויפֿגעבליצט דאָרט.

„וואו זיינען ערגעץ די העלדען?" האָב איך געפֿרעגט דעם שטן.

„זיי זיינען בעשיידען און זייערע קברים זיינען פֿערגעסען. ביים לעבען האָט מען זיי דערשטיקט; אויף'ן בית עולם ווערן זיי צודריקט פֿון טויטע ביינער!" האָט ער געענטפֿערט, אַ קלאַפּ טהאָנדיג מיט זיינע פֿליגלען, כדי פֿונאַנדערצוטרייבען דעם קאָנצענטרירטען ריח פֿון פֿערפֿוילטקייט, וואָס האָט אונז אַרומגענומען אָקוראַט ווי אַ שוואַרצער וואָלקען, אין וועלכען עס האָבען זיך צוגאָסען די מאָנאָטאָנע גראָע שטימען פֿון די מתים.

אַ שוסטער האָט געלאָזט וויסען, ווי דאַנקבאַר די מענשען מוזען איהם זיין; ער איז געוועזן דער ערשטער אין זיין פֿאַך, וועלכער האָט געמאַכט שיך מיט לאַנגע שפּיצען. אַ מאַן, וואָס האָט בעשריבען טויזענדערליי שפּינען, האָט פֿערזיכערט, אַז ער איז דער גרעסטער געלעהרטער אין דער וועלט. דער ערפֿינדער פֿון אַרטיפֿיציעלע מילך האָט געקוויטשעט און זיך אַרומגעריסען מיט דעם ערפֿינדער פֿון דעם שנעל־שיסענדען קאַנאָן, וועלכער האָט זיך ברייט פֿונאַנדערגערעדט מכח דער ניצליכקייט פֿון זיין ערפֿינדונג. דאָס זיינען געוועזן אַ טויזענד דינע פֿייכטע פֿערים, וואָס האָבען זיך אַזוי ווי שלאַנגען אַרומגעקרייזעלט אַרום דעם מוח. און מיט וואָס פֿאַר אַ ברייטקייט זיי האָבען דאָס גע־

רעדט. די מתים, אַזוי ווי אמת'ע מאָראַליסטען, אַזוי ווי די היטער און די וועכטער פֿון'ם לעבען.

„גענוג!" האָט דער שטן אַ געשריי געטהאָן. „איך בין מיעד. כ'האָב שוין געהאַט איבערגענוג דערפֿון אי דאָ, אי אין די שטעדט, די בית עלמין'ס פֿון די לעבעדיגע. איהר, וואַהרהייטס-היטער, צוריק אין אייערע קברים אַריין!"

ער האַט עס אויסגעשריען מיט דער אייזערנער שטימע פֿון אַ הערשער, וואָס איז געוועהנט מען זאָל איהם פֿאָלגען.

די גראָה-געלע מאַסע פֿון טויטע ביינער האט געקאָכט און געזאָטען אַזוי ווי שטויב, וואָס איז צוטרייסעלט געוואָרען פֿון אַ מורא'דיגען שטורם-ווינד. די ערד האָט אויפֿגעעפֿענט אַ טויזענד מורא'דיגע, פֿינסטערע מיילער, און זיך פֿאָסמאַקעווענדיג אַזוי ווי אַ זאַטער, אָנגעפֿרעסענער שוויין, האָט זי פֿערשלונגען צוריק די שפּייז, וואָס זי האָט פֿריהער אויסגעשפּיגען פֿון זיך, כדי עס פֿון דאָס ניי צו פֿערדייען. דער שרעקליכער עולם איז פֿערשוואונדען, די שטיינער זיינען געשטאַנען פֿעסט אויף זייערע פלעצער. געבליבען איז בלויז דער שטיקענדער ריח, וואָס האָט איינפֿאַך פֿערכאַפּט ביים אָטהעם.

דער שטן האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ מצבה, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיינע עלענבויגענס, איהם אַרומגעהמענדיג מיט די לאַנגע פֿינגער פֿון זיינע שוואַרצע הענד, און אָנגעשטעלט זיין ווייטען בליק אויף די מאָנומענטען. איבער זיין קאָפּ האָבען געבלישטשעט די שטערן; די מעשענע קלאַנגען פֿון די גלאָקען האָבען אַרויפֿגעשוועבט אויבען צום קלאָהרען הימעל, שטערענדיג די שטילקייט פֿון דער נאַכט.

„איז עס ניט מערקווירדיג?" האָט ער זיך געווענדעט צו מיר. „אויף דעם דאָזיגען גיפֿטיגען זומפּ פֿון נאַרישען שטויב, פֿון איינפֿאַכער פֿאַלשקייט און גראָבע אַלטעגליכקייט שטעהט דער מורא'דיגער בנין פֿון די לעבענס-געזעצע, אַ שטייג, וואו אָט די טויטע קערפּער האַלטען איך

אַלעמען פֿערשפּאַרט אַזוי ווי שאָף. די פֿוילקייט און די פֿיינהייט צו דיינקען, — אָט דאָס פֿערשטאַרקט נאָך די דאָזיגע תּפיסה. די אמת׳ע הערין פֿון לעבען זיינען די מתים, און כאָטש איהר ווערט דאָך אין גרונד גענומען רעגירט פֿון לעבעדיגע מענשען, זיינען זיי אָבער, די לעבעדיגע הייסט עס, אינספּירירט פֿון די טויטע. די קברים זיינען די קוואַלען פֿון וועלטליכער ווייזהייט. אייער שכל הישר, אייער מענשליכע פֿערנונפֿט איז אַ בלום, וואָס וואַקסט פֿון׳ס זאַפֿט פֿון טויטע קערפּערס. ווי גיך די טויטע ווערן, דוכט זיך, צופֿוילט אין דער ערד, דאָך שטרעבען זיי אויף אייביג צו בלייבען ביי די לעבעדיגע אין די נשמות. דער דינער, טרוקענער שטויב פֿון די טויטע געדאַנקען דרינגט דורך די מוחות פֿון די לעבעדיגע; אָט דערפֿאַר מאַכי זיינען אייערע פּריידיגער פֿון ווייזהייט פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון דעם גייסטיגען טויט."

דער שטן האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און זיינע גרינע אויגען האָבען מיך דורכגענומען אַזוי ווי אַ פּאָר קאַלטע שטערן.

„וואָס ווערט אַם מייסטען און אַם שטאַרקסטען גערפּריידיגט היינט צו טאָג? וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס די מענשען וואָלטען געוואָלט איינאָרדנען און פֿערפֿעסטיגען אין דער וועלט? אַ פֿערשיעדענהייט, אַ קאָנטראַסט אין דעם שטאַנד און אַ איינפֿערמיגקייט פֿון די מענשליכע זעעלען; די גלייכאַרטיגע מאָנאָטאָנקייט פֿון אַלע זעעלען, כּדי זיי זאָלען אַלע קענען צונויפֿגעזעצט ווערן אַזוי ווי ציגעל־שטיינער איינע אין די אַנדערע און אויף אַזאַ׳ן אופֿן ערפֿילען דעם פֿערלאַנג פֿון די עטליכע הערין פֿון׳ם לעבען. די דאָזיגע היפּאָקריטישע שטרעבונג צו מאַכען שלום צווישען די ביטערע יסורים פֿון די פֿערשקלאַפֿטע און דעם גרויזאַמען און פֿאַלשען ווילען פֿון די פֿערשקלאַפֿער, קומט אַרויס פֿון דעם נידעריגען וואונש צו טויטען דעם שאַפֿענדען גייסט פֿון פּראָטעסט; עס איז דער געמיינער פֿערזוך,

וואָס די פֿאַלשקייט מאַכט צו פֿערשטעלען דעם פֿרייהייטס־גייסט דעם וועג."

ס'האָט אָנגעהויבען טאָגען. די שטערן זיינען בלאַס געוואָרען, ערוואַרטענדיג דעם אויפֿגאַנג פֿון דער זון. נאָר דעם שטן'ס אויגען זיינען אַלץ ליכטיגער געוואָרען.

„וואָס דאַרף געפֿריידיגט ווערן, אום צו שאַפֿען אַ פֿאָלשטענדיג און שעהן לעבען? גלייכהייט אין שטאַנד און אינדיווידואַליזאַציאָן פֿון די זעעלען. דאַן וואָלט דאָס לעבען געווען אַ בלומען־קראַנץ, פֿעראייניגט דורך דעם רעספּעקט פֿו אַלעמען פֿאַר די פֿרייהייט פֿון יעדען איינעם; דאַן וואָלט דאָס לעבען געווען אַ פֿייער, וואָס ברענט אויף דער ערד פֿון אַלגעמיינער פֿריינדשאַפֿט און אַלגעמיינעם וואונש צו שטייגען אַלץ העכער און העכער. דאַן וואָלט בלויז געווען אַ קאַמפּף פֿון אידעען, אָבער די מענשען וואָלטען געבליבען קאַמעראַדען. איז עס ניט מעגליך? ס'מוז זיין, ווייל עס איז נאָך ניט געווען!"

„ס'הויבט אָן טאָגען!" דאָט דער שטן ווייטער געזאָגט מיט אַ בליק צו מזרח צו. „אָבער צי וועט די זונן ברייגגען וואָס פֿאַר ס'איז פֿרייד, ווען ס'איז פֿינסטער חשך אין דעם מענשליכען האַרצען? די מענשען האָבען קיין צייט ניט צו בעגריסען די זונן. דאָס רוב פֿון זיי נייטיגען זיך בלויז אין עסען; אַ טהייל פֿון זיי סטאַרען זיך צו רויבען די פֿרייהייט פֿון די אַנדערע; אַנדערע בלאָנקען זיך אַרום צושטרייט אין רעכטען מיטען פֿון דער פּוסטקייט, מיט וואָס דאָס לעבען איז פֿול, זיי זוכען די פֿרייהייט און קענען זי ניט געפֿינען אין דעם אונאויפֿהערליכען קאַמפּף פֿאַר ברויט. אין זייער פֿערצווייפֿלונג, פֿערביטערט פֿון זייער איינזאַמקייט, בויגען די אונגליקליכע איין זייערע קעפּ און בעטען זיך איבער מיט דעם ביטערן פֿיינד. אַזוי זינקען די בעסטע מענשען אין די זומפּען פֿון גראָבע ליגענס; תחילת זיינען זיי גאַנץ אונבעוואוסט וועגען זייער פֿערראַטה צו זיך גופֿא, נאָר שפּעטער פֿערראַטהען זיי בעוואוסטערהייט זייער גלויבען, זייערע ווינשע און זייערע טיעפֿסטע האָפֿנונגען."

ער האָט זיך אויפֿגעהויבען און אַ שאָקעל געטהאָן זיינע מעכטיגע פֿליגלען.

„איך געה אַוועק אין דער ריכטונג פֿון שעהנע אויס־זיכטען.“

און בעגלייטעט פֿון דעם אומעטיגען קלאַנג פֿון דעם גלאָק, איז ער אַוועקגעפֿלויגען אין מערב זייט.

אַז איך האָב דערצעהלט מיין חלום מיינעם אַ בע־קאַנטען, אַן אַמעריקאַנער, וועלכער האָט אויסגעוויזען צו זיין אַביסעל מענשליכער איידער די איבעריגע, האָט ער זיך תחילת פֿערטראַכט אַ ווילע, דערנאָך האָט ער זיך אָבגערופֿען מיט אַ שמייכעל:

„אָה, כ׳פֿערשטעה! דער שטן איז אָנגעשטעלט ביי אַ קאָמפּאַניע, וואָס האָט אויוועגס צו פֿערברענען די טויטע קערפּערס. אָט דאָס איז דאָס! אַלעס וואָס ער האָט אייך געזאָגט בעווייזט ווי נייטיג עס איז צו פֿערברענען די טויטע. אָבער וואָס פֿאַר אַן אויסגעצייכענטער אַגענט ער איז! כדי צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ פֿאַר זיין פֿירמאַ, קומט ער זאָגאַר צו חלום!“

ע נ ד ע.

די שטונדען.

I.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

אין דער שטילקייט און אין דער איינזאַמקייט פֿון דער נאַכט איז פּיינליך צו הערען די טרוקענע, געפֿיהללאָזע שפּראַכע פֿון׳ם וואַנד־זייגער: מאָנאָטאָנע און מאַטהעמאַטיש רעגעלמעסיגע קלאַנגען, וואָס פֿערצייכענען כסדר, און אַלץ אויף דעם אייגענעם אופֿן, איין און דיזעלבע זאַך, די אונערמידליכע בעוועגונג פֿון׳ם לעבען! פֿינסטערניס און שלאָף פֿילען אָן די ערד, אַלעס איז שטיל, נור דער וואַנד־זייגער צייכענט אָן, קאַלט און רוישיג, דאָס פֿערשווינדען פֿון די סעקונדען. דער זייגער שלאָגט און מיט יעדען קלאַפּ ווערט דאָס לעבען מיט אַ רגע, מיט אַ קליינינטשקען טהיילכעל פֿון דער צייט וואָס יעדער איינער פֿון אונז קריגט במתנה, מיט אַ רגע וואָס מיר קענען שוין ניט צוריקקריגען. פֿון וואַנען קומען די סעקונדען און וואוהין געהען זיי אוועק? קיינער וועט דאַרויף ניט ענטפֿערן... און עס זיינען פֿאַרהאַן נאָך פֿיעל פֿראַגען, אויף וועלכע ס׳איז קיין ענטפֿער ניטאָ; פֿאַרהאַן נאָך אַנדערע, פֿיעל ערנסטע־ע. וואָס אונזער גליק הייננגט אָב פֿון זייער לייזונג. ווי אַזוי לעבט מען, אַז מען זאָל זיך פֿיהלען נייטיג פֿאַר דאָס לעבען? ווי אזוי לעבט מען, ניט פֿערלירענדיג דעם גלויבען אין די לוסט צום לעבען? ווי אַזוי לעבט מען, אַז קיין איינציגע רגע זאָל ניט פֿערבייגעהן, אהנע צו בעוועגען די זעלע און דעם גייסט? די שטונדע׳, וועמעס בעוועגען האָט קיין סוף און קיין עק ניט, וועלען זיי אַמאָל ענטפֿערן? וואָס וועלען זיי זאָגען, די שטונדען?

II.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

ניטאָ קיין טרוקענערע, געפֿיהל־אָזערע זאַך אויף דער וועלט איידער דער וואַנד־זייגער; ער שלאָגט מיט דער זעלביגער רעגעלמעסיגקייט אין דעם מאָמענט פֿון אייער געבורט אַזוי גוט ווי דאַן, ווען איהר קלייבט אויף מיט חשק די בלומען פֿון אייערע יוגענד־חלומות. פֿון זיין געבוירענעם טאָג אָן קומט דער מעגיש יעדען טאָג אַלץ נעהענטער צום טויט. און אַז איהר וועט ליגען אויף׳ן טויטען־בעט, בשעת דער גסיסה, וועט דער זייגער, רוהיג און טרוקען, צייהלען די סעקונדען. אין זייער קאַלטען חשבון — הערט זיך צו צו איהם — קלינגט עטוואָס וואָס ווייסט אַלצדינג און וואָס איז שוין מיער עס צו וויסען. קיין זאַך ריהרט איהם ניט, קיין זאַך איז איהם ניט מהייער. גלייכגילטיג איז ער, און מיר, אויב מיר ווילען לעבען, מוזען מיר זיך בעשאַפֿען אַנדערע שטונדען פֿול מיט געפֿיהלען און געדאַנקען, פֿול מיט טהאַטען, אַנשטאָט דיזען לאַנגווייליגען, מאָנאָטאָנעם וואַנד־זייגער, וואָס הרג׳עט אַוועק די זעלע מיט זיין מרה שחורה און צייגט אָן די שטונדען מיט קאַלטקייט און מיט פֿאָרוואורף . . .

III.

טיק־טאַק, טיק טאַק!

אין דער אונערמיעדליכער בעוועגונג פֿון די שטונדען איז דאָך ניטאָ קיין אונבעוועגליכער פונקט, קיין שום אָבשטעל, — טאָ וואָס זשע רופֿען מיר אַלזאָ אָן געגענוואַרט? גלייך נאָך איין סעקונדע, וואָס איז נאָר וואָס געבוירען געוואָרען, ווערט תיכף געבוירען אַ צווייטע, וועלכע שלייערט אַריין די ערשטע אין תהום פֿון דאָס אונבעקאַנטע . . .

טיק־טאַק! און איהר זייט גליקליך, טיק־טאַק! און אָט דרינגט אייך אַריין אין האַרצען דער שרפה׳נדער גיפֿט

פֿון אונגליק, וואָס קען פֿערבלייבען אין אייך דאָס גאַנצע לעבען לאַנג, אַלע שטונדען פֿון אייער געשיינקטען לעבען, אוּב איהר וועט ניט זעהן אויספֿילען יעדע סעקונדע מיט עפּעס נייעס און לעבעדיגעס. דאָס ליידען, דאָס דולדען איז פֿערפֿיהעריש; ס'איז אַ געפֿעהרליכע פּריווילעגיע, דען אַז מיר האָבען עס, זוכען מיר שוין געוועהנליך ניט קיין אַנדערעס העכערעס רעכט אַלס מענשען. און ס'איז פֿאַרהאַן אַזוי פֿיעל פֿון דיזען דולדען, אַז עס איז ביליג געוואָרען און די מענשען קוקען זיך שוין כמעט גאָרניט אום דערויף. דעריבער לוינט זיך ניט צו מאַכען אַזאַ וועזען פֿון דעם דולדען — מען מוז זיך אָנאייגנען עטוואָס אָריגינעלערעס, עטוואָס שעצבאַרערעס, ניט אַזוי? און מען דאַרף זיך ניט בעקלאָגען אויף'ן לעבען פֿאַר אַבי וועמען; די טרייסט־ווערטער ענטהאַלטען אין זיך זעלטען דאָס וואָס דער מענש זוכט אין זיי. און דאָס לעבען איז אַסך פֿולער און אַסך אינטערעסאַנטער, ווען דער מענש קעמפּפֿט געגען דעם וואָס הינדערט איהם צו לעבען. אין קאַמפּף געהען די דריקענדע, לאַנגווייליגע שטונדען פֿערביי אונבעמערקטערהייט.

IV.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

דעם מענשען'ס לעבען איז דאָך אַזוי קורץ. ווי אַזוי לעבט מען? די איינע זאָגען זיך אָב, דערווייטערן זיך פֿון לעבען, די אַנדערע גיבען זיך אין גאַנצען אָב דערצו. יענע וועלען אויף דער עלטער זיין אָרים אין גייסט און אין אָנדיינקען, די וועלען זיין רייך איןביידע זאַכען. יענע און די וועלען שטאַרבען, און עס וועט פֿון זיי גאָרנישט בלייבען, אויב זיי וועלען זיך ניט איבערגעבען ערנסט צום לעבען מיט'ן גייסט און מיט'ן גאַנצען האַרצען... און אַז איהר וועט האַלטען ביים שטאַרבען, וועט דער וואַנדזייגער, טרוקען און אָהן אַ שום געפֿיהל, צייהלען די סע־

קונדען פֿון אייער גסיסה — טיק־טאַק! און אין אָט די סעקונדען וועלען געבוירען ווערן נייע מענשען, פֿיעלע אין יעדע איינע פֿון זיי, און איהר וועט מעהר ניט זיין און פֿון אייך וועט גאָרנישט בלייבען אין לעבען, אַחוץ אייער קערפּער, וואָס וועט האָבען אַ שלעכטען ריח. וואָס זשע, רעוואָלטירט גאָר אייער שטאָלץ געגען דיזע אויטאָמאַטישע שעפּפֿונג, וועלכע האָט אייך אַריינגעוואָרפֿען אין לעבען, אייך אַרויסגעריסען דערפֿון און ווייטער גאָר־נישט? זעהט אַלזאָ, עס זאָל בלייבען אַ זכר, אַן אָנדענקען פֿון אייך אין לעבען, אויב איהר זייט שטאָלץ. און אויב איהר פֿיהלט זיך בעלי־דיגט דערפֿון וואָס איהר זייט אונטערוואָרפֿען די געהיימניספֿאָלע ציעלען פֿון דער צייט. בעטראַכט זיך נור וואָס פֿאַר אַ ראָלע איהר שפּילט אין לעבען: אַ ציעגעל איז געמאַכט געוואָרען, דערנאָך איז זי זיך געלעגען רוהיג און שטיל אין אַ געביידע, ענדליך איז זי צופֿאַלען אין שטויב און פֿערשוואונדען . . . ס'איז לאַנגווייליג און וואָכע־דיג צו זיין אַ ציעגעל—ניט אמת? זייט אַלזאָ ניט עהנליך צו קיין ציעגעל, אויב איהר האָט אַ גייסט און אַ נשמה אין זיך און אויב איהר ווילט האָבען אין לעבען גוטע רוישענדע שטונדען, פֿול מיט געפֿיהלען און געדאַנקען.

V.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

אַז איהר וועט נאָכדיינקען וואָס פֿאַר אַ בעזערעף איהר האָט אין דער אונענדליכער בעוועגונג פון די שטונדען, וועט איהר ערשטוינט ווערן פֿון אייער נישטקייט. זאָל דיזער בעוואוסטזיין אייך בעליידיגען! זאָל ער אין אייך דער־וועקען דעם שטאָלץ, אייך פֿיינדליך מאַכען צום לעבען, וואָס ערנידעריגט אייך אַזוי, און אייך אַרויספֿיהרען אין קריעג געגען דאָס דאָזיגע לעבען! מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט? בשעת די נאַטור האָט אָבגענומען ביים מענשען די פֿע־היגקייט צו געהן אויף אַלע פֿיער, האָט זי איהם געגעבען

אָנשטאָט אַ שטעקען: דעם אידעאַל! און זייט דאַן שטרעבט ער אונבעוואוסטערהייט, אינסטינקטיוו, צום בעסטען — אימער, אימער העכער! ענטוויקעלט דיזען שט־עבען, גיט די מענשען צו פֿערשטעהן, אַז דאָס אמת׳ע גליק איז נור אין דער געוויסענהאַפֿטער שטרעבונג צום בעסטען. ניט קלאָגט זיך אַז איהר זייט אונמעכטיג, קלאָגט זיך בעסער גאָר נישט. די איינציגע זאַך, וואָס אייער קלאָגען קען אייך ברייגגען, איז רחמנות, די נדבה וואָס מען וואַרפֿט צו די זעלען־אָרעמע. אַלע מענשען זיינען גלייך אונגליקליך, נאָר די אונגליקליכסטע זיינען די, וואָס פוצען זיך אויס, וואָס בעריהמען זיך מיט זייער אונגליק. זיי, מעהר ווי אַלע אַנ־דערע, וואָלטען וועלען, מען זאָל זיך אויף זיי אומקוקען, און זיי פֿערדיענען עס אם ווינציגסטען. פֿאָרווערטס געהן, אָט דאָס איז דאָס ציעל פֿון לעבען. זאָל דאָס גאַנצע לעבען אַלזאָ זיין אַ שטרעבען פֿאָרווערטס, און דאַן וועלען זיין ערהאַבענע, שעהנע שטונדען!

VI.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

„נאָך וואָס טויג דאָס ליכט? איז עס בעשאַפֿען גע־וואָרען פֿאַר׳ן מענשען, וועמעס וועג איז פֿערשלאָסען און וואָס דו האָסט ארומגערינגעלט מיט פֿינסטערנים?" האָט דער אַלטער איוב געפֿרעגט ביי גאָט. איצט זיינען שוין ניטאָ אַזעלכע מוטהיגע מענשען, וואָס, זיך דערמאָנענדיג אַז זיי זיינען גאָט׳ס קינדער און אַז זיי זיינען בעשאַפֿען געוואָ־רען אין זיין געשטאַלט, זאָלען ריידען צו איהם אַזוי ווי איוב; אין אַלגעמיין שאַצען זיך די מענשען זעהר ווייניג אָב. און זיי ליעבען ווייניג וואָס דאָס לעבען, און נאָך בע־סער, זיי קענען גאָר ניט ליעבען; און אין דערזעלבער צייט האָבען זיי מורא פֿאַר׳ן טויט. כאָטש קיינער, ווי מען ווייסט, קען איהם ניט אויסמיידען. דאָס אונפֿערמיידליכע איז אַ געזעץ. דען דער מענש, זייט ער האָט זיך בעוויזען

אויף דער ערד, שטאַרבט אימער, און ער האָט זיך שוין געמעגט צוגעוועהנען דערצו, ס'איז שוין צייט. דער געדאַנק, אַז מען האָט ערפילט זיין פפליכט אין לעבען קען פֿערטרייבען די מורא פֿאַר'ן טויט, און אַז מען געהט דורך עהרליך זיין לעבענס-וועג, האָט מען אַ רוהיגען סוף. טיק-טאַק... און פֿון דעם מענשען בלייבען בלויז די מעשים זיינע. און די שטונדען הערען אויף פֿאַר איהם אין איין צייט מיט זיינע ווינשע, זיינע פֿע-לאַנגען, אין דאַן הויבען זיך אָן אַנדערע שטונדען - די, אין וועלכע זיין לעבען ווערט אָבגעשאַצט—שווערע, ערנסטע שטונדען.

VII.

טיק-טאַק, טיק-טאַק!

אין דער ווירקליכקייט, איז דאָך אַלצדינג גאַנץ איינפֿאַך אין דער דאָזיגער לעבעדיגער וועלט, וועלכע האָט זיך פֿערוויקעלט און פֿערפלאָנטערט אין ווידע-שפריכע, אין שקרים און אין רשעות. און עס וואָלט נאָך געווען אַסך איינפֿאַכער, ווען די מענשען וואָלטען זיך בעטראַכט איינע די אַנדערע פֿון דער נאָהענט און ווען יעדער איינער וואָלט געהאַט אַ פֿריינד הינטער זיך.

איין-איינציגער פֿאַר זיך, זאָגאַר ווען ער איז גרויס, איז דאָך קליין. ס'איז נייטיג זיך צו פֿערשטעהן איינע די אַנדערע; דען מיר ריידען אַלע פֿערשטעלטער און ערגער ווי מיר טראַכטען. דעם מענשען פֿעהלען אַסך ווערטער, אום אויפֿצועפֿענען זיין האַרץ פֿאַר אַן אַנדערן, אָט דערפֿאַר טאַקי מוזען פֿיעלע גרויסע און וויכטיגע געדאַנקען פֿערלאָרען געהן, מחמת עס געפֿינט זיך ניט פֿאַר זיי די נייטיגע פֿאָרמען, זיי אויסצודריקען. אַ מחשבה ווערט געבוירען, מען ווינשט פֿון גאַנצען האַרצען זי צו פֿערקערפערן אין ווערטער, אין פֿעסטע און קלאָהרע ווערטער... נאָר די ווערטער פֿעהלען.

גיט מעהר אַכטונג אויף'ן געדאַנק! העלפֿט איהם

געבוירען ווערן, ס'וועט זיך אייך אימער בעצאָהלען פֿאַר אייער אַרבייט. אין אַלצדינג און איבעראַל געפֿינט זיך דער געדאַנק—איהר קענט איהם לייענען זאָגאַר אין די שפּאַלטען פֿון שטיין, אַז איהר ווילט. אַז די מענשען וואָלטען וועלען, וואָלטען זיי אַלעס עררייכט; אַז זיי וואָלטען געוואָלט וואָלטען זיי געווען די בעלי בתים פֿון לעבען און ניט זיינע שקלאַפֿען, אַזוי ווי איצטער.

VIII.

טיק־טאַק, טיק־טאַק!

לעבען זאָלען די מוטהיגע און זעלען־שטאַרקע מענשען, יענע וואָס דיענען די וואַהרהייט, די גערעכטיגקייט, די שעהנהייט! מיר קענען זיי ניט, ווייל זיי זיינען שטאָלץ און פֿערלאַנגען קיין בעלוינונג ניט, מיר זעהען ניט מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד זיי ברענען די הערצער זייערע. בעלייכטענדיג דאָס לעבען מיט אַ בליצענדען ליכט, צווינגען זיי די בלינדע זאָגאַר צו זעהן. זיי מוזען אָנהויבען זעהן, די בלינדע—פֿאַרהאַן אַזוי פֿיעל פֿון זיי; די מענשען, אַלע מענשען מוזען מיט שרעק און עקעל זיך אַרומזעהן ווי גראָב, ווי אונגערעכט, ווי צוקאַליעטשעט זייער לעבען איז. לעבען זאָל דער מענש, וואָס איז אַ בעל הבית איבער זיינע ווינשע! דאָס גאַנצע וועלט־אַל איז ביי איהם אין האַרצען; דער גאַנצער וועלט־שמערץ, אַלע יסורים פֿון די מענשען זיינען ביי איהם אין דער נשמה. דאָס שלעכטס און דער שמוץ פֿון לעבען, זיינע ליגענס, און זיינע גרויזאַמקייטען זיינען זיינע שונאים; ער פֿערברייגנט אַלע זיינע שטונדען אין קאַמפּף, און זיין לעבען איז פֿול מיט געוואַלדיגע פֿריידען, מיט וואונדערבאַרע אויפֿרעגונגען, מיט שטאָלצע עקשנות . . . האָב קיין רחמנות ניט אויף זיך — דאָס איז די שטאָלצעסטע און די שעהנסטע תורה אויף דער ערד. לעבען זאָל דער מענש, וואָס ווייסט ניט וואָס הייסט רחמנות האָבען אויף זיך אַליין! פֿאַרהאַן בלויז צוויי

פֿאָרמען פֿון לעבען: דאָס פֿוילען און דאָס פֿערברענען. די פֿייגלינגע און די גייציגע וועלען זיך אויסקלייבען די ערשטע; די בראַווע און עדעל־מוטהיגע וועלען אויסוועהלען די צווייטע; דער וואָס ליעבט די שענהייט זעהט גאַנץ גוט, וואו דאַס ערהאַבענע ליגט.

די שטונדען פֿון אונזער לעבען זיינען פּוסטע, לאַנגווייליגע שטונדען; לאָמיר אַלזאָ ניט זשאַלעווען און אויספֿילען זיי מיט שעהנע טהאַטען, און דאַן וועלען מיר האָבען שעהנע שטונדען, פֿול מיט פֿריידענס אויפֿרעגונגען און מיט ברענענדען שטאָלץ! לעבען זאָל דער מענש, וואָס ווייסט ניט וואָס הייסט רחמנות האָבען אויף זיך אַליין!